ש. באַסטאָמסקי און מ. װײַטסאָ

לעבעדיקע קלאַנגען

כרעסטאָמאַטיע

דריטער טייל

ווילנע

פֿאַרלאַג „נײַע יידישע פֿאָלקסשול"

1938

ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן

לעבעדיקע קלאַנגען

51204

כרעסטאָמאַטיע
דריטער טייל

נײַנטע איבערגעבעסערטע אויפלאַגע

פאַרלאַג „נײַע יידישע פאָלקשול"

ווילנע 1938

Printed in Poland

S. Bastomski i M. Chaimson

Wypisy Żydowskie

«Lebedike Klangen»

Część III.

Wydanie 9

Wilno — 1938

Druk. Express Wilno Wielka 33

אין שול אריַין!

גייען מיר אין שול אַריַין.
שיַינט די זון אַנטקעגן;
פרייד און ליכט און זונעשיַין
איבער אַלע וועגן.

טרעטן מיר אין זונעשיַין
איבער אַלע וועגן;
גייען מיר אין שול אַריין,
שיַינט די זון אַנטקעגן.

אונדזער היים אין קינדערלאַנד
איז פריַי און פעסט און זיכער;
מיט די ביכער אין די הענט —
גיך אין שול קומט, גיכער!

א. פלאטנער

װעקט די מאַמע.

װעקט די מאָמע מיך פון בעט:
–שטיי, מײַן קינד, אויף, ס'איז שוין שפּעט!
טו דיך אָן, װאָש זיך אײַן,
ס'איז שוין צײַט אין שול צו גײן!

עפן איך די אויגן באַלד:
פינצטער איז אין שטוב און קאַלט.
– מאָמע, מאָמע, װי מיר שײַנט,
האָט די זון פאַרשלאָפן הײַנט!..

– ניין, מײַן קינד, די זון פאַרגייט
און גייט אויך פינקטלעך אויף אין צײַט.
זי קלאַפּט אין אַלע טירן אָן,
זאָגט אַ העלן מאָרגן אָן.
נאָר בײַ אונדז די טיר איז קליין,
קאָן זי נישט אין שטוב אַרײַן.

– מאַמע, װעל איך װאַקסן גרויס,
בוי איך אויף אַ ליכטיק הויז;
װעלן טירן גרויסע זײַן –
אָפן פאַר דער זון און שײַן!

ש. װאַסערמאַן.



נײַער זמן.

אָנגעזונגען, אָנגעשפּרונגען —
זומער איז פאַרבײַ.
קומט אַצינדער, ליבע קינדער,
לערנען אויף דאָס נײַ.

לאָמיר ווידער זינגען לידער
אויפן נײַעם זמן —
אַ מחיה, נײַער חשק
איז בײַ אונדז פאַראַן.

נײַע ביכער — לעזט זיך גיכער,
נײַ פּאַפּיר און פּען.
הלוואַי וואָלט עפּעס נײַעס
יעדן טאָג געחען!

רבקה גבלין.

דער וועג אין שול.

אונדזער שול געפינט זיך אויף דער פּאָהולאַנקע-גאַס.
עס קומען אַהער קינדער פון דער גאַנצער שטאָט.
אויפן וועג זעט יעדערער אַנדערע זאַכן.
הירשקע און כאַנקע ווױנען אין דער פאָרשטאָט ליפּוווקע.
דער גאַנג אין שול אַרײַן געדויערט בײַ זיי בײַ אַ שעה צײַט.
זיי קומט אויס דורכצוגיין אונטער דער באַנבריק.
גייענדיק אונטער דער בריק הערן די קינדער דעם בראַזג פון די באַנרעדער איבער די אײַזערנע שטאַבעס פון דער בריק.
די לויפנדיקע באַן דונערט — טראַך-טאַך-טאַך!
עס דוכט זיך זיי, אַז אָט-אָט פאַלט די בריק אַראָפּ אויף זייערע קעפּ. ניט ווילנדיק נעמען זיי לויפן.
אַרויס פון אונטער דער בריק, פאַררײַסן זיי די קעפּ אַרויפצו.
דער צוג איז שוין ווײַט. אונטער דער בריק איז שטיל.
נאָר אָט זעט זיך שוין אַ צווייטער צוג.
לאַנג שטיין קען מען אָבער ניט. צו דער שול איז נאָך ווײַט.
זיי לאָזן זיך גיין.
אָט איז די האַנדלס-האַלע. הײַנט איז אַ מאַרקטאָג. סאַר אַ מאַסע פורן! וואָס איז דאָ ניטאָ! — קאַרטאָפל, מערן, אוגערקעס, הינער... דאָרט אויף אַ וועגל קוויטשעט אַ חזיר, דאָ מעקעט אַ קעלבל.
די מענטשן שטופּן זיך, שרײַען. מע קען פאַרטויבט ווערן.
הירשקע שטעלט זיך אָפּ. אָבער כאַנקע אײַלט:

— קום, מיר װעלן נאָך פאַרשפּעטיקן!

און זײ לױפן װײַטער.

דאָדקע מיט לײַבקען חזינען אויף טײַטשישער גאַס. די גאַס איז זײער אַ טומלדיקע. װען זײ גײען אַרויס, איז זי שװאַרץ פון מענטשן. צענדליגער קינדער, ייִנגלעך און מײדלעך, לױפן אין אַלע זײַטן אין זײערע שולן אַרײַן. אַרבעטער אײַלן זיך אין די װאַרשטאַטן, אָנגעשטעלטע—אין די געשעפטן.

צײַטונגס־ייִנגלעך לױפן מיט די צײַטונגען און שרײַען.

די גאַסנהענדלער זײַנען שױן אויך דאָ און רופן אויס זײערע סחורות.

די ייִנגלעך טרעפן אָן נאָך חבֿרים.

— שױן שפּעט!

— צען צו אַכט.

— אױ, שפּעט! קומט גיכער לױפן!

און מע לאָזט זיך לױפן צו דער שול.

ניט װײַט פון דער שול דערזעען זײ אַ גאַנצע קאָפּטע, װאָס גײט זײער געלאַסן.

די אָ האָבן זיך ניט װאָס צו אײַלן. זײ װױנען ניט װײַט. זײ װערן ניט פאַרמאַטערט. דערפאַר אָבער זעען זײ װײניק מענטשן, װײניק נײַס אויפן װעג.

עס לױפט אָן נאָך אַ פּאַרטיע ייִנגלעך.

פון װאַנען קומען זײ? — פון זאַװאַלנער גאַס.

װאָס עפּעס הײַנט אַזױ שפּעט? זאַװאַלנע גאַס איז דאָך אויך ניט װײַט!

די חבֿרה איז צערודערט, צעהיצט: ס'איז געװען אויף דער גאַס אַ שײנע סצענע. די הינטשלעגער האָבן זיך געיאָגט נאָך אַ הונט און ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ טויער. דערװײַל איז אָנגעלאָפן אַן אויטאָ, עס זײַנען אָנגעפאָרן עטלעכע פורן מיט סחורה. דער הונט האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון די הינטשלעגער און—ניטאָ!..

װי האָט מען געקאָנט ניט אָפּשטעלן זיך צוקוקן אַזאַ סצענע?

פּלוצלונג טוט אײנער אַ געשרײ:

— חבֿרה, שױן אַכט אַ זײגער!

מע טוט זיך אַ לאָז מיט אַלע כּוחות.

מע איז געבליבן אָן כּוחות אָבער מע איז געקומען גוט.

עס הערט זיך שױן אַפילו דער קלונג, אָבער ביז װאַנען דער לערער װעט אַרײַן אין קלאַס, װעלן זײ שױן זײַן אויף אָן אָרט.

גוט מאָרגן!

אַ וועלט אַ ליכטיקע,
אַ וועלט אַ ציכטיקע,
און הימלען בלאָע שמייכלען פון דער ווײַטן,
און מיר איז גוט אַזוי,
און מיר איז ווויל אַזוי,
איך וואָלט מיט קיינעם נישט, מיט קיינעם זיך נישט בײַטן!

גוט מאָרגן, ייִנגעלעך,
מיט לאָקן־רינגעלעך,
מיט זיסע זילבער־קעלעכלעך ווי גלעקלעך.
גוט מאָרגן, מיידעלעך
אין ווייסע קליידעלעך,
מיט פרישע ווייכע רויט־צעפלאַמטע בעקלעך!

פון הענט — אַ קראַנץ געשפּרייט!
די פיס — צום טאַנצן גרייט!
און זינגט און קלינגט, אַז קלינגען זאָל פון ווײַטן!
און זינגען וועט מיט אייך,
און קלינגען וועט מיט אייך,
דער וואַלד, דאָס פעלד און אַלץ פון אַלע זײַטן!

י. גויכבערג

דאָס שולגלעקל

ס׳רופט דאָס גלעקל אונדז אין שול,
קלינג זשע: גלין-גלין-גלאָן!
ס׳ווערט דאָס האַרץ מיט פריידן פול —
בים-באָם, בים-באָם-באָם!
דאָרט אין שול איז אונדז דאָך גוט —
קלינג זשע: גלין-גלין-גלאָן!
לויפט זשע, קינדער, דאָרט מיט מוט —
בים-באָם, בים-באָם-באָם!
ניט פאַרשפעטיקט, לויפט גאָר גיך! —
קלינג זשע: גלין-גלין-גלאָן!
ביכער, העפטן נעמט מיט זיך —
בים-באָם, בים-באָם-באָם!
לערנען מיר דאָרט מיט געפיל —
קלינג זשע: גלינג-גלין-גלאָן!
און פאַרבײַסן מיט אַ שפיל —
בים-באָם, בים-באָם-באָם!
קלינג זשע, גלעקל, מיט דײַן קלאַנג —
קלינג זשע: גלין-גלין-גלאָן!
גריסן מיר דיך מיט געזאַנג —
בים-באָם, בים-באָם-באָם!

ל. גלעזער.



אין דער קאָלאָניע.

אויפן וואָקזאַל.

דער צוג גייט ערשט אָפּ אין אַ שעה אַרום, און שוין דרייען זיך אַרום אויפן וואָקזאַל צענדליגגער קינדער, וואָס שאָקלען מיט זייערע לײַוונטענע זעקלעך און וואַרטן מיט אומגעדולד, מע זאָל זיי שוין אָנהייבן אויסשטעלן שורותווײַז און אַרײַנפירן אין די וואַגאָנעס.

ווער ס׳וועט פאַרשפּעטיקן, דער וועט נישט מיטפאָרן.

היט מען זיך טאַקע זייער שטאַרק.

שטייט מען און מע וואַרט. און אַז מע האָט נישט וואָס צו טאָן, באַטראַכט מען דערווײַל דעם אויפזעער: וואָס פאַר אַ מענטש ער איז, צי איז ער אַ גוטער, צי אַ שלעכטער, צי וועט מען מעגן קלעטערן אויף די ביימער, צי וועט מען מעגן וואַרפן שטיינער אויף די וועווער־קעס, און צי וועט מען מעגן אַרומלויפן אויף דער נאַכט אין גרויסן זאַל.

אַזוי, פאַרשטייט זיך, קלערן נאָר יענע קינדער, וואָס זײַנען שוין געווען אַ מאָל אין דער זומער־קאָלאָניע.

די אויפזעערס באַטראַכטן אויך די חבֿרה און ווייסן דערווײַל נישט, פאַר וואָס טייל קינדער זײַנען אַרומגעוואַשן, אָנגעטאָן ריין, און טייל זײַנען ברודיק און פאַרלאָזט; פאַר וואָס ריידן טייל הויך, קוקן זיך אַרום מיט פריילעכע, פרײַע בליקן, און טייל טוליען זיך מיט מורא צו די מאַמעס פאַרטעכער, אָדער שאַרן זיך גאָר אַוועק אין אַ ווינקל.

מע ווייסט נישט, פאַר וואָס מיט אייניקע קינדער זײַנען מיטגע־קומען טאַטע־מאַמע, שוועסטערלעך, ברידערלעך, פאַר וואָס מע גיט זיי מיט לעקעכלעך, און מיט אַנדערע איז קיינער נישט געקומען און קיינער גיט זיי גאָרנישט מיט.

דערווײַל שטעלט מען זיך אויס.

— די ערשטע פאָר: גורקעוויטש און קרויזע.

קיינער רופט זיך נישט אָפּ.

— נישטאָ! — ענטפערט עמעצער פון דער חבֿרה.

— די צווייטע פאָר: סאָבאָל און רעכטלעבן.

— כ׳בין דאָ! — שרײַט אויס סאָבאָל און שטופּט זיך אַדורך אַ פאַררויטלטער דורך דעם גאַנצן המון מענטשן, שטעלט זיך אַוועק מיט אַ לאַכנדיקן פּנים און מיט אַ פאָר פרעגנדיקע אויגן.

— ביסט א ווילער יונג, סאַבאָל!... זאָג דעם אמת, ביסט א לאָבוס, צי ניין?

— כ'בין א לאָבוס — ענטפערט ער מיט א געלעכטער, און אויס־דרייענדיק זיך צו דער שוועסטער, וואָס האָט אים אַהער געבראַכט, ביט ער איר א באַפעל: „שוין, קאָנסט שוין אהיים גיין!"

אן אַכטיעריק יינגל, וואָס פאָרט צום ערשטן מאָל ארויס אין א דאָרף, וואָס קאָן זיך אַדורכשטופּן דורך אזוי פיל דערוואַקסענע מענטשן און אַוועקשטעלן זיך אַ ריינער, אַ שמייכלדיקער, גרייט יעדע מינוט אין וועג אַרײַן, מוז אַוודאי זײַן אַ טײַערער יונג און א ליבלעכער שטיפער. אזוי איז טאַקע געווען. ער האָט זיך דער ערשטער אויסגע־לערנט אויפבעטן דאָס בעט, שפּילן אין דאָמינע. אים איז קיין מאָל ניט קאַלט געווען. ער האָט זיך אויף קיינעם נישט געקלאָגט, פלעגט זיך אויפוועקן א שמייכלדיקער און אַנטשלאָפן ווערן אויך א שמייכלדיקער.

מע רופט אויס די דריטע פּאָר, די פערטע.

דערוויַל קומען אָן די פאַרשפּעטיקטע.

גורקעוויטש האָט געוואָלט א גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן, ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן. אין דער פרי אָבער האָט אים די מוטער קוים געקאָנט דערוועקן, און א האַלב־פאַרשלאָפענעם האָט זי אים אַהער געבראַכט צו דער באַן.

איז ער טאַקע געווען דער איינציקער פון דער גאַנצער גרופּע, וואָס איז אַנטשלאָפן געוואָרן אויפן וועג.

— די אַכטע, די נײַנטע, די צענטע פּאָר.

עס הייבט זיך אָן א שטופּעניש, א לויפעניש און צום סוף דאָס געזעגענען זיך.

א פּאָר נאָך א פּאָר, אַ גרופּע נאָך א גרופּע גייען דורך די קינ־דער דורך דעם וואָקזאַל און זעצן זיך אַרײַן אין די וואַגאָנעס. ווער ס'איז געשיקטער, דער פאַרכאַפּט דאָס בעסטע אָרט בײַם פענצטער און שמייכלט נאָך ארויס צו טאַטע־מאַמע...

די עלטערע זינגען לידלעך פון וואַלד, פון די פריילעכע מינוטן, וואָס מע האָט פאַר אַ יאָרן אזוי ליב פאַרבראַכט אין דאָרף.

דער צוג רירט זיך.

— די היטלען האַלטן פעסט אויפן קאָפּ!

שטענדיק מוז ווער פאַרלירן א היטל. אזא מנהג שוין, ווען מע פאָרט אַרויס אין די זומער־קאָלאָניעס.

אין וואַגאָן. מע קומט אָן אין דער קאָלאָניע.

— נישט אַרויסבייגן זיך! — נישט שטופּן זיך! — נישט אָנמוישעוון אויף דער ערד!

דערווײַל איז אויף דער צווייטער ליניע פאַרבײַגעלאָפן אַ צוג.

די קינדער האָבן זיך דערשראָקן און אַוועקגעשפּרונגען פון פענצטער. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום — אַ גדולה, אַ פרייד.

איינעם איז אַראָפּגעפאַלן אַ זעמל מיט פּוטער — ווידער אַ גדולה.

— זעטס נאָר, וואָס פאַר אַ קליין פערדל! — שרײַען אויס עטלעכע, און אַלע שטופּן זיך צום פענצטער—זען דאָס אויסערגעוויינלעכע וווּנדער.

ס'איז אַ פּשוט גרויס פערד, נאָר עס שטייט ווײַט אויף דער לאָנקע, דערפאַר זעט עס אויס אַזוי קליין.

אַ סטאַציע. ווידער זינגט מען און ווידער פּאָכעט מען מיט די טיכלעך, און ס'צעקלינגט זיך דאָס געלעכטער פון דער קאָלאָניע.

• •
•

— קינדער, אַצינד זאָל יעדער פון אײַך אַוועקגעבן דאָס געלט, וואָס ער האָט, און די פּאָסט=קאַרטלעך. דער ערשטער איז פאַרשריבן גורקעוויטש. וויפל פּאָסט=קאַרטלעך האָסטו?

גורקעוויטש גיט צו באַהאַלטן צען גראָשן און פיר קאַרטלעך: אַלע וואָך וועט ער שרײַבן אַהיים, אַז ער איז געזונט און שפּילט זיך.

ביידע ברידער קרוק האָבן צוזאַמען פופציק גראָשן. יעדער פון זיי האָט געקראָגן צו צען גראָשן פון טאַטן, פון דער מאַמען און צו פינף גראָשן פון זיידן.

— לערער, ס'איז אמת, אַז קאַרטאָפל וואַקסן אין דער ערד?

— אַוודאי, וואָס איז דען?

— וואָרן ער האָט דורכן פענצטער געוויזן אויף עפּעס בלעטער דאָרט און זאָגט, אַז דאָס זײַנען קאַרטאָפל. און קאַרטאָפל וואַקסן דאָך גאָר אין דער ערד, ווי אַזוי קאָן מען זיי זען?

— שפּעטער וועט איר שוין אַליין זען, ווי אַזוי עס וואַקסן קאַר=טאָפל—אַצינד איז קיין צײַט ניטאָ. פרידמאַן, וויפל קאַרטלעך האָסטו?

— נישט מער ווי צוויי. די מאַמעשי האָט געזאָגט, אַז ס'איז גענוג. קיין געלט האָט ער אין גאַנצן נישט.

פרידמאַן האָט געלייקנט: ער האָט באַהאַלטן 20 גראָשן, וואָס דער עלטערער ברודער האָט אים מיטגעגעבן בײַם געזעגענען זיך.

ערשט אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער אַוועקגעגעבן צו באַהאַלטן זײַן קליין פאַרמעגן — און תּמיד האָט ער געהאַלטן אין איין פרעגן:

— ס'איז אמת, אַז דער לערער האָט מײַן געלט?

— נאָך ווײַט? — פרעגן די ייִדישער אומגעדולדיק.

עפּעס געדויערט עס אַזוי לאַנג. און דאָ האָט מען ניט קיין צײַט. מע אײַלט זיך צום וואַלד, צום טײַך, צו די לאָנקעס, וועגן וועלכע עס דערציילן אויסטערלישע וווּנדער יענע קינדער, וואָס זײַנען שוין געווען פאַר אַ יאָרן אין דער קאָלאָניע.

אין דער קאָלאָניע איז דאָ אַ גרויסע ווערענדע: וואָס, אַ שטייגער, קאָן דאָס זײַן אַזעלכעס די דאָזיקע ווערענדע?

אין דער קאָלאָניע זײַנען פאַר אַלע הונדערט־און־פופציק קינדער נישטאָ מער ווי פיר שטובן. — וואָס פאַר אַ שרעקלעך־גרויסע שטובן מוזן דאָס זײַן!

מע פאָרט דורך אַ בריק. די בריק זעט גאָר אַנדערש אויס ווי יענע דאָרט אין וואַרשע, דורך וועלכער מע פאָרט קיין פּראַגע. דאָ איז זי שענער, אַ סך, אַ סך שענער.

— קינדער, מיר גייען באַלד אַראָפּ. צי האָבן אַלע די זעקלעך מיט די היטלען?

— אַלע!

אויפן וואָקזאַל וואַרטן שוין אויף די קינדער צוועלף לייטער־וועגן, אויסגעבעט מיט היי און מיט שטרוי.

— פאָרזיכטיק דאָרט אויף די פורן, ס'קאָן נאָך עמעצנס אַ פוס אַרײַנקריגן זיך צווישן די רעדער!

— לערער, איך וועל היטן.

— גוט, היט. נו, אַ סוף, געפאָרן זאָל ווערן!

די זון באַגעגנט פריילעך די אויסגעבלייכטע קליינע קאָמפּאַניע.

— ס'איז נאָך ווײַט, לערער?

— אָן דאָרט טונקלט זיך שוין אונדזער וואַלד. אָ, מע זעט שוין אונדזער שטיקל פעלד. אָט שטייט די מיל, אָט זײַנען די הויפּישע הײַזלעך, און אָט איז אונדזער קאָלאָניע.

— וויוואַט! זאָל לעבן די קאָלאָניע!

— אַהאַ! אַזוי, הייסט עס, זעט אויס אַ ווערענדע.

די קינדער טרינקען גלײַך אויס צו שעפּלעך מילך, און מע נעמט זיך באַלד צו דער אַרבעט.

אַלע וואַשן זיך און טוען אָן די ווײַסע קליידער פון דער קאָלאָניע. מע רוישט, מע וויצלט זיך. דאָס גרעסטע געלעכטער רופן אַרויס די ווײַסע לײַוונטענע היטלען. מאָדנע היטלען זײַנען עס עפּעס. אין גאַנצן ענלעך צו יענע, וואָס די בעקערס טראָגן.

אויף דער זומער-קאָלאָניע.

זומער איז שוין, זומער ליבער,
פאָרן מיר אין װאַלד אַריבער.

פאָרן מיר און פאָרן,
פעלן אויס דעם קאָרן,

פעלן אויס דעם מאָן.
קרייט דער געלער האָן:

—„די קינדער קומען אָן!
די קינדער קומען אָן!"

שפרינגען מיר אַרויס,
װאַשן מיר זיך אויס

און װילן עפּעס קאָכן —
איז דער טאָפּ צעבראָכן...

מאַכט מען ניט קיין געװאַלד.
מע נעמט זיך דאַרע קיכעלעך.

מע װאַרפט אַראָפּ די שיכעלעך
און הײַדאַ — גלײַך אין װאַלד!

ל. קװיטקאָ.

לייבעלע בענקט.

עפעס איז אַלץ אַזוי מאָדנע, אַזוי נײַ. עפּעס אַזוי נישט ענלעך צו דער געגנשע, קראָכמאַלנע און סמאָטשע גאַס.

אַ קליין הײַזל אין וואַלד. נישטאָ קיין הויף, נישט קיין רינשטאָק. עפּעס אויסטערלישע בײמער – נישט מיט קיין בלעטער, נאָר מיט נאָדלען. די בעטן שטייען נישט בײַ דער וואַנט, נאָר שורותווײַז, און נישט אין קיין קליינעם שטיבל, נאָר אין אַ גרויסער, גרויסער שטוב, ענלעך צו יענע, וווּ מע מאַכט חתונות.

אויף מיטאָג האָט מען געגעבן עפּעס אַן אייסטערלישע גרינע זופּ, און נאָך מיטאָג–מילך. היטלען פון לײַוונט און שעלקעס צו די הויזן, אויף דער נאַכט וואַשט מען די פיס אין אַ לאַנגער בלעכענער מולטער· שלאָפן דאַרף מען איינער אַליין אין אַ בעט, אויף אַ קישעלע. אָנגע־שטאָפּט מיט שטרוי, בײַ נאַכט זײַנען גאָר די פענצטער אָפן. אַ גנבֿ קען נאָך אַרײַנקריכן.

און דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען אַזוי ווײַט.

האָט טאַקע לייבעלע באַלד אין ערשטן אויף דער נאַכט זיך צעוויינט.

אֶמת, נישט לאַנג האָט געדויערט דאָס וויינען. וואָרן ווי אַזוי וערט מען נישט אַנטשלאָפן נאָך אַזוי פיל וווּנדערלעכע געשעענישן!

צו מאָרגנס אָבער, ווען ס׳איז געבליבן אַ ביסל פרײַע צײַט, האָט לייבעלע ווידער אָנגעהויבן וויינען: – כ׳וויל אַהיים.

פאַר וואָס וויל לייבעלע אַהיים? אֶפשר איז ער הונגעריק? – ניין, ער איז נישט הונגעריק. אֶפשר איז אים קאַלט?–ניין, ס׳איז אים נישט קאַלט. אֶפשר האָט ער מורא אַליין צו שלאָפן? – אויך נישט. אֶפשר האָט ער אין דער היים מער שפּילעכלעך?–ניין, קיין שפּילעכלעך האָט ער אין גאַנצן נישט.

לייבעלע ווייסט, אַז דאָ איז גוט. ס׳האָט אים דערציילט זײַנס אַ שוועסטערקינד. נאָר אין דער היים איז דאָך די מאַמע.

נו, גוט: לייבעלע פאָרט אַהיים, נאָר ערשט מאָרגן, וואָרן הײַנט איז שבת, און שבת טאָר מען נישט פאָרן.

זונטיק אָבער האָט לייבעלע אויך נישט געקאָנט פאָרן. ס׳איז נישט געווען קיין פורל. מאָרגן אָבער וועט ער שוין געוויס פאָרן.

צו מאָרגנס האָט שוין לייבעלע נישט געוויינט, נאָר אַהיים פאָרן האָט ער ווײַטער געוואָלט.

– גוט, נאָך מיטאָג וועסטו פאָרן. וואָס וועט אָבער זײַן? די מאַמע וועט זיך דאָך קלעמען.

– פאַר וואָס וועט די מאַמע זיך קלעמען?

— ווײַל זי וועט מוזן באַצאָלן פאַרן פאָרן.

און גראָד האָט דער טאַטע נישט קיין אַרבעט—דער מײַסטער איז אװעקגעפאָרן, און די מאַמע איז קראַנק.

לייבעלע האָט אָפּגעזיפצט און מסכּים געווען צו שפּילן אין דאָמינאָ.

אויף דער נאַכט האָט לייבעלע ווידער אָנגעהויבן א ביסל צו וויינען.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אויפן וואָקזאַל אין ווארשע האָט ער געהאַט א נײַעם קאַפּעלוש, האָט דער טאַטע געוואָלט דעם קאַפּעלוש אַהיים נעמען. ווײַזט אויס, אַז דער טאַטע האָט אים פאַרלוירן. און דער קאַפּעלוש האָט געקאָסט א גאַנצן האַלבן רובל.

פון גרויס צער האָט לייבעלע גענומען דיקטירן א בריוו אַהיים, אַז ער וויינט נישט, אַז ער וויל נישט אַהיים קומען, אַז ער בענקט גאָרנישט, ווײַל ער וויל זײַן געזונט, און דער טאַטע זאָל זײַן רויִק. דער עיקר אָבער — וואָס איז געוואָרן מיטן נײַעם קאַפּעלוש?

דער טאַטע האָט געענטפערט, אַז דעם קאַפּעלוש האָט ער נישט פאַרלוירן און אַז ער וועט אים מיטברענגען אויפן וואָקזאַל.

לייבעלע האָט א סך מאָל גענומען דעם בריוו און האָט אים צוריקגעגעבן צו באַהאַלטן; און האָט שוין אין גאַנצן אויפגעהערט צו קלײַבן זיך אַהיים, ווײַל וואָס א טאָג איז אים דאָס דאָרף מער געפעלן.

איין מאָל נאָך האָט לייבעלע געהאַט גרויס קלעמעניש: ער האָט פאַרלוירן דאָס טיכל פון דער נאָז. ווי אַזוי האָט ער עס נישט געקענט פאַרלירן, אַז ער האָט געהאַט א פולע קעשענע מיט שישקעס און מיט שטיינדלעך! נאָר דאָס טיכל איז אין גיכן געפונען געוואָרן.

און נאָך א מאָל איז לייבעלע געווען פאַרזאָרגט. נאָר דאָס מאָל איז ער שוין אַליין שולדיק געווען. ער האָט געפּײַפט און צוגעקנאַקט מיט די פינגער אויף דער נאַכט אין שלאָפזאַל.

צו מאָרגנס, בײַם אָנבײַסן, ווען מע האָט געפרעגט, ווער ס'האָט נעכטן בײַ נאַכט געפּײַפט, האָט זיך לייבעלע גלײַך מודה געווען.

— און כ'האָב געקנאַקט מיט די פינגער — האָט ער צוגעגעבן און געוויזן, ווי אַזוי ער האָט עס געטאָן.

לייבעלע האָט זיך אָפּגעברענט אויף דער זון און ס'איז אים צוגעקומען גאַנצע דרײַ קילאָ. און ווען ער איז סוף-כּל-סוף אַהיים געפאָרן, האָט ער צוגעזאָגט, אַז איבער א יאָר וועט ער ווידער קומען און וועט שוין קיין איין מאָל נישט וויינען.

י. קאָרטשאַק.

אָוונט-קאָנצערטן.

אויף דער נאַכט, ווען די ייִנגלעך ליגן שוין אין די בעטן, נעמט גראָזאָווסקי זײַן פידעלע, שטעלט זיך אַוועק אין מיטן שטוב און שפּילט עפּעס אויף „אַ גוטע נאַכט“.

קיין נאָטן האָט ער ניט מיטגענומען. ער שפּילט אויסווייניק אַ סך ניגונים.

„רוישן סאָסנעס אויף די בערג,
רוישן אין דער וואַלד“...

אַזוי זינגט דאָס פידעלע.

אין זאַל איז שטיל. אַלע ייִנגלעך הערן זיך אײַן.

בלויז הינטערן פענצטער סודען זיך די סאָסנעס איינע מיט דער אַנדערער און ריידן שטיל צום הימל.

די סאָסנעס האָבן זיך פון גראָזאָווסקין אויסגעלערנט אַ סך, אַ סך ניגונים, און אַצינד זינגען זיי מיט זייערע דינע נעדעלעך אַזוי שטיל. קוים וואָס מע הערט.

זיי וועלן נישט שטערן דעם פידלער.

לינקס פון דער קאָלאָניע וואַקסט אַן אַלטע אײַנגעהויקערטע סאָסנע. אַ סאָסנע — אַ זקֵנה.

וואָס זי האָט אויסצושטיין פון די ייִנגלעך!

דאָ זעצן זיי זיך אויף איר און הוידען זיך ווי אויף אַ שיף, דאָ מאַכן זיי פון איר אַ באַן, דאָ — אַ פערד, דאָ אַ טורעם פאַר פײַער-לעשער און דאָ אַ פעסטונג.

די סאָסנע אָבער איז קיין מאָל נישט בייז. זי ווייס, אַז אויף דער נאַכט וועט שפּילן דאָס פידעלע, וואָס וועט זי פאַרוויגן אין אַ שטילן רויִקן שלאָף.

און די ייִנגלעך ליגן און ס'ציטערן בײַ זיי די וויִעס.

אָט האָט איינער ברייט אויפגעריסן די אויגן. אַ צווייטער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן קישעלע און האַלב ליגנדיק קוקט ער אויפן שפּילער.

און יעדער איינציקער טראַכט פון עפּעס אַנדערש. נאָר ווען גראָזאָווסקי וויל שוין באַהאַלטן די פידל, בעטן זיי אים — ער זאָל נאָך עפּעס שפּילן, אָדער ער זאָל איבערחזרן דאָס פריִערדיקע.

*

גראזאָווסקי קאָן בײַ די ייִנגלעך אַלץ פועלן: ער מעג קאָפּען ערד מער ווי אַלע אַנדערע; אים האָט מאַרגאָליס געשענקט אַ שטעקן, וואָס ער האָט געפונען גײיענדיק אין בזשעזשינע-וועלדל אַרײַן. און אַפילו די ריכטער האָבן אויך אַרויסגעגעבן אַ פאַלשן פּסק דין, ווען העשל גראזאָווסקי האָט זיך איין מאָל פאַרשולדיקט.

אַלע ווילן גיין מיט אים אין פּאָר.

הערשל אָבער קאָן בכלל נישט גיין אין פּאָר: תּמיד האַלט ער אין איין זוכן געלע בלומען אויף לאַנגע שטענגלעך.

איין מאָל האָט אים אַ מיידעלע געשענקט אַ צווײַגל יאַשמין; אַ צווייט מאָל האָט אים אַ פויער געלאָזט אָפּרײַסן אַ בינטל ווײַסע גריקע און אַ רויטע מאָנבלום פון גאָרטן.

די ווײַסע גריקע האָט ער אַרײַנגעלייגט אין אַ שיסעלע צווישן בלומען, און די רויטע מאָנבלום האָט ער אַזוי לאַנג געטראָגן, ביז די בלעטלעך האָבן אָנגעהויבן אָפּפאַלן.

*

אויסער דעם פידלער פאַרמאָגן מיר נאָך אויף דער קאָלאָניע דרײַ אייגענע זינגער.

אויך זיי זינגען יעדן אויף דער נאַכט, איידער די קינדער גייען שלאָפן.

— ווי שיין דער ניגון איז! — ריידן צווישן זיך די סאָסנעס — אָבער פאַר וואָס פאַרשטייען מיר נישט זײַנע ווערטער?

— ווײַל ס'איז אַן אַלטער, אַלטער ייִדישער ניגון, אַ ניגון, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

ווען די דרײַ זינגערס אונדזערע: פּרעסמאַן, ראָזנצווײַג און פרידזאָן זײַנען צוזאַמען, דאַכט זיך, אַז נישט דרײַ זינגען, נאָר איינער. אַזוי גיסן זיך צונויף אַלעמענס שטימען.

דער רום פון די אָוונט-קאָנצערטן האָט זיך ווײַט צעטראָגן איבער דער וועלט.

עס ווייס פון זיי די דינערשאַפט פון הויף, דער פּריץ און דאָס גאַנצע דאָרף.

דעריבער זײַנען הינטערן פענצטער שטענדיק פאַראַן צוהערער.

דאָ שטייען יוזעף און דער אַלטער ר' אַבֿרהם, און די פאַראָבקעס און מיידלעך און די אַלטע סאָסנע - די זקנה.

— אויף הײַנט וועט שוין זײַן גענוג. אַ גוטע נאַכט, קינדער!

— אַ גוטע נאַכט!...

אַ בריוועלע.

די מאַמע האָט געהייסן שרײַבן קיין אַמעריקע אַ בריוועלע
צו דער מומע חנה־שיינע־שׂרה־ציתעלע.

שרײַבן אַ בריוו? פאַר וואָס ניט?
איז נישטאָ קיין פּאַפּיר. איז נישט גוט.

זאָגט שיינדל:
— „פּאַפּיר?

איך ווייס, וווּ עס ליגט, איך ווייס עס גוט.
ס'וועט זײַן פּאַפּיר אין איין מינוט".

איז שיינדל אַוועק מיט פּאַראַד און געשריי,
און מע האָט זי אָנגעזוכט ווי פאַר אַ יאָריקן שניי.

האָט די מאַמע געהייסן, אַז בערל און מאָטל און פּרץ
זאָלן ברענגען פּאַפּיר און אָן אַ תּירוץ.

האָבן בערל און מאָטל און פּרץ אַזוי לאַנג געהאַקט מיט די שטיוול,
ביז מע האָט געבראַכט פּאַפּיר אויף אַ בריוול.

די טינט האָט פרומע געזוכט צוויי שעה נאָך אַנאַנד
און געפונען אונטערן בעט, אין אַ ווינקל, בײַם וואַנט.

און די פּענע האָט שׂרהקע געזוכט מיט היץ און קוראַזש —
זי שטייט גאָר פאַרשטעקט מיטן שפּיץ אין אַ פלאַש.

אַלץ געבראַכט —
ט'מען געשריבן אַ בריוול, אַ בריוול אַ פּראַכט.

האָט בערל פאַרקאָשערט די אַרבל ביז די עלנבויגן
און האָט גענומען שרײַבן פּײַל אויסן בויגן.

געשריבן און געשריבן זייער שיין און זייער דין —
ביז ער איז געקומען צו אַ „שין".

און דער „שין" איז אים פון קאָפּ אַרויסגעפלויגן,
גלײַך קיין מאָל נישט געזען אים פאַר די אויגן.

זאָגט שיינדל:
— „אַ „שין"!

מיט דער פּענע נאָר אַ פֿלי, אַ ריר —
װעט זײַן אַ „שין" אַזאַ יאָר אויף מירז

און אַז שײנדל האָט אַזוי אַ שרײַב געטאָן,
איז אַרויסגעקומען אַ װינטמיל מיט אַ האָן.

האָט שוין מאָטל פֿאַררוקט דאָס היטל ביז די אויערן
און גענומען פּערלדיקע אותיות מויערן.

געשריבן און געשריבן מיט חשק און מיט ברען,

ביז ער איז געקומען צו אַ „מעם".

און דעם „מעם" האָט ער געשטעלט קרום און לאָס, קאַפּויר אין צװײען.
זאָגן אַלע: ס'טויג נישט. אַ „מעם" דאַרף שטײן, װי אַלע „מעמען" שטײען".

זאָגט שײנדל:
— „אַ „מעם"?

אַ פּאַסעקל אַהין, אַ פּאַסעקל אַהער, אַ פּאַסעקל אין מיטן,
װעט זײַן אַ „מעם" װי אויסגעשניטן".

און אַז שײנדל האָט אָנגעהויבן שרײַבן און מעקן,
איז אַרויסגעקומען אַ שטעקן אויף אַ שטעקן.

דעמאָלט האָט שוין פּרץ אַראָפּגעװאָרפֿן שיך און זאָקן
און האָט גענומען װאָרט נאָך װאָרט װי טשװעקעס שלאָגן.

און ס'איז אַרויסגעקומען אַ גאָלדן בריװעלע,
צו דער מומע חנה־שײנע־שרה־ציװעלע.

האָט מען אין גאַנץ אַמעריקע דעם בריװ געלײענט, געלויבט אין הימל:
— „זעט אַן „אַלעף", זעט אַ „בײס" און זעט אַ „גימל!"

הײַנט דער „שין", דער „מעם", דער „לאַמעד" און דער „כאָף"ז
גאָלד און זילבער פֿון דעם אָנהײב ביזן סוף!

האָט מען אין גאַנץ אַמעריקע דערצײלט, אַז פֿרומע
און שײנדל און שׂרהקע און בערל און מאָטל און פּרץ

(קײן אײנס נישט פֿאַרפֿעלט)
האָבן אָנגעשריבן אַ בריװעלע אײנס אין דער װעלט.

קאַדיע מאָלאָדאָװסקי.

פאַר וואָס זיי האָבן ניט ליב זייערע ביכער.

אין אָנהייב שולי‌אָר האָבן אַלע אין קלאַס באַקומען נײַע ביכער.

שיין האָבן אויסגעזען די ביכער אין די נײַינקע ריינינקע בענד. אָבער אַזוי ווי געשראָקן זיך פאַר עפּעס, געציטערט, ווײַזט אויס, פאַר די קינדערשע הענטלעך.

און די קינדער! — האָ — האָ! סאַר אַ פרייד עס איז בײַ זיי געווען: אַ קליי‌ניקייט — נײַע ביכער!

און די ערשטע טעג האָבן אַלע טאַקע געהאַלטן די ביכער אַזוי פאָרזיכטיק, ווי זיי וואָלטן געווען גלעזערנע.

— בערעלע, גיי אַוועק פון מײַן בוך, דו וועסט עס אײַנשמוצן!

— פּערעלע, פאָרזיכטיק! מײַן בוך ליגט דאָרט!

— אוי, אוי, שמערעלע, דו וואַרפסט אַראָפּ מײַן בוך!

— מערעלע, גיב מיר אַ הילע — איך דאַרף אײַנוויקלען מײַן בוך!

און אַלע וויקלען אײַן די נײַע ביכער אין הילעס, קלעפּן אַרויף פון אויבן עטיקעטן.

דאָס איז אַלץ געווען די ערשטע טעג.

אָבער אין עטלעכע טעג אַרום? — פרעגט בעסער ניט.

די לערערין האָט אַרויסגעגעבן איבערשרײַבן פון בוך אַ ליד. זײַנען נאָכן איבערשרײַבן בײַ מערעלען פאַרבליבן אויף יעדער זײַט פון בוך עטלעכע באַנקעס.

און שפּעטער איז שוין געגאַנגען ווי געשמירט — יעדעס בלעטל פול מיט באַנקעס.

אַ צווייט מאָל האָט די לערערין געבעטן איבערלייענען די מעשׂה מיטן פוקס.

בערעלע האָט גענומען מישן די בלעטער מיט אַ פעטן פינגער און האָט אויסגעשמירט דאָס גאַנצע ביכל אין פעטס.

שמערעלע האָט אין בוך אָנגעלייגט פעק מיט בילדלעך, איז דאָס בוך געשוואָלן געוואָרן און — האָט געפּלאַצט: פון איינעם איז געוואָרן צוויי.

די לערערין האָט געהייסן איבערלייענען די מעשׂה מיטן הונט.

פערעלע האָט דערזען דאָס בילד און ס'איז איר געפעלן געוואָרן.

חי א לעבעדיקער איז דער הונט געשטאַנען אין בוך!

און ס'איז פערעלען איַינגעפאַלן אַ געדאַנק: זי וועט אויסשניַידן דעם הונט פון בוך און אויפהענגען דאָס בילד אויף דער וואַנט.

שפּעטער זיַינען איר געפעלן געוואָרן נאָך אַ סך בילדער. און זי האָט זיי אַלע אויסגעשניטן.

די בלעטער זיַינען געוואָרן פול מיט לעכער...

בערעלע, פערעלע, מערעלע, שמערעלע פאַרשטייען ניט, פאַר װאָס זיי האָבן איצט ניט ליב זייערע ביכער.

ערגעץ וויַיט.

ערגעץ וויַיט אַהינטער כינע
איז פאַראַן אַזאַ מדינה:
מ'דאַרף ניט אַרבעטן, ניט שקלאַפּן.
קינדער לעבן ווי די גראַפן.
ניט קיין לערער, ניט קיין קלאַסן –
קען מען הוליען אין די גאַסן;
מ'דאַרף ניט קאַמען זיך, ניט וואַשן.
שאָקאָלאַדע קען מען נאַשן.
בעטן זיַינען אַלע דאָרטן
אויסגעמאַכט פון זיסע טאָרטן.
דאַרפסט דאָס צינגל נאָר אויסשטרעקן,
קענסטו צוקערלעקעך לעקן.
אַז דו ווילסט, קענסטו זיך ליגן,
נאַשן טאָרט און כאַפּן פליגן;
ווילסטו, שפּרינגסטו אויף דער סטעליע;
ווילכטו, שפּילסטו אין קאַפּעליע.
ס'זינגען דאָרטן אַלע פישן,
קינדער טאַנצן אויף די טישן;
יעדער לעבט זיך ווי אַ מלך,
ס'איז דאָרט לעבעדיק און פריילעך.
ווען איך וויס דעם וועג קיין כינע,
וואָלט איך זוכן די מדינה;
ס'קען זיך זיַין אַ ביסל ליגן,
אָבער גוט–אַ פאַרגעניגן.

רבקה גאלין.

מאָנטאָג.

מאָנטאָג אין דער פרי האָט זיך טאָם שטענדיק געפילט אומגליקלעך, ווײַל פון דעם טאָג הייבט זיך דאָך אָן די נײַע וואָך. ווען מע מוז ווידער אָנהייבן צו גיין אין שול. און צו דער שול האָט טאָם געהאַט זייער אַ קליינעם חשק...

טאָמען איז אפילו ניט אײַנגעגאַנגען דער זונטאָג, וואָרעם נאָך יום-טוב איז נאָך שווערער זיך אײַנצושפּאַנען אין יאָך.

ס'איז מאָנטאָג אין דער פרי. טאָם האָט זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט.

— „ס'וואָלט זייער גוט געווען איצט מיט אַ מאָל קראַנק ווערן!— טראַכט ער זיך—דאַן וואָלט איך פאַרבליבן אין דער היים!"

און ער הייבט אָן זיך צו שפּירן. אָבער ס'טוט אים קיין זאַך ניט וויי. ער באַטראַכט זיך נאָך אַ מאָל:—„עפּעס אַזוי ווי אַ שנײַדונג אין בויך..." ער דערפרייט זיך. די שנײַדונג גייט אָבער באַלד איבער, און טאָם נעמט זיך ווידער באַטראַכטן. פּלוצלונג—סאַר אַ גליק! דער אייבערשטער צאָן שאָקלט זיך!..

טאָם וויל שוין אָנהייבן שרײַען. אָבער דאָ באַרעכנט ער זיך, אַז, ווען ער זאָל אָנווײַזן אויפן צאָן, קען נאָך די מומע פּאָליע דעם צאָן ארויסרײַסן. און פאַרן ארויסרײַסן אַ צאָן האָט ער זייער מורא—ס'טוט דאָך שטאַרק וויי!

און עס בלײַבט בײַ אים—לאָזן דעם צאָן אויפן לעצטן פאַל און דערווײַל זוכן עפּעס אַן אַנדער קרענק.

ס'איז שווער, זייער שווער צוצוטראַכטן, נאָר ביסלעכווײַז נעמט ער זיך דערמאָנען, אַז אַ מאָל האָט דער דאָקטאָר דערציילט אַ געשיכטע וועגן איינעם אַ קראַנקן, וואָס איז צוליב אַ פינגער געלעגן איבער דרײַ וואָכן אין בעט.

טאָם שטעקט האַסטיק ארויס פון אונטער דער דעקע דעם פינגער, וואָס אַ שוואַרצער זשוק האָט אים נעכטן אײַנגעביסן, און נעמט אים באַטראַכטן. איין צָרָה נאָר—ער ווייס ניט, וואָס פאַר אַ סימָנים מע דאַרף האָבן צום קראַנקן פינגער. ער וועט אָבער פּרוּוון. אֶפשר וועט זיך אײַנגעבן... און ער הייבט אָן צו קרעכצען.

דער ברודער סיד, וואָס שלאָפט מיט טאָמען צוזאַמען, הערט אָבער, ווײַזט אויס, ניט די קרעכצן.

טאָם שטרענגט זיך אָן און קרעכצעט שטאַרקער. און ס'נעמט זיך אים דאַכטן, אַז דער פינגער הייבט טאַקע אָן וויי צו טאָן.

סיד רירט זיך נאָך אַלץ ניט. טאָם ווערט מיד פון אָנשטרענגונג. ער רוט זיך אַ פּיסל אָפּ און נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט.

ער מאַכט דאָס אַזוי קונציק, ווי אַן אֶמֶתער חולֶה.

סיד ליגט אַלץ און כראָפּעט.

טאָמען כאַפּט אָן אַ כּעס. ער הייבט אָן צו שרײַען און צו טרייסלען דעם ברודער: — סיד! סיד! סיד!...

דאָס העלפט. סיד כאַפּט זיך אויף, גענעצט זיך אויס, הייבט זיך אויף און קוקט אָן טאָמען.

סיד פרעגט בײַ אים:—טאָם, וואָס איז דיר, טאָם?

טאָם ענטפערט ניט.

— טאָם, הער נאָר, טאָם! וואָס איז דיר? — פרעגט איבער סיד און קוקט מיט שרעק דעם ברודער אין פּנים אַרײַן.

טאָם האָט שוין אָבער קיין כּוח ניט. קוים וואָס ער קרעכצעט.

— לאָז מיך, סיד! לאָז! ס'איז מיר שלעכט!

— וואָס איז דיר, טאָם? איך וועל רופן די מומען!...

— מע דאַרף ניט... ס'וועט איבערגיין... רוף ניט...

— וואָס איז דיר, טאָם? הער אויף צו קרעכצען. איך האָב מורא... זאָג, וואָס טוט דיר וויי!

— רײַר ניט, סיד. איך קען ניט!—אָך!...

— כאַר וואָס האָסטו מיך פריִער ניט אויפגעוועקט? הער אויף, טאָם! ס'איז שרעקלעך! זאָג, וואָס טוט דיר וויי!

— איך בין דיר מוחל, סיד... (אַ קרעכץ) פאַר אַלץ, וואָס דו האָסט מיר געטאָן... אַז איך וועל שוין מער ניט זײַן...

— טאָם, טאָם! וואָס איז דאָס? דו שטאַרבסט?...

— איך בין אַלעמען מוחל, סיד... (אַ קרעכץ) זאָג זיי דאָס און געדענק: מײַן ראַמעלע און מײַן קעצעלע גיב אַוועק דער מיידעלע, וואָס איז ניט לאַנג אַהער געקומען צו פאָרן, און זאָג איר...

סיד האָט אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ בגד און איז אַרויסגעלאָפן.

איצט האָט זיך שוין טאָם אַזוי צוגעוויינט צו זײַן ראָל, אַז דער קרעכץ איז אויסגעקומען ווי נאַטירלעך.

סיד איז אַראָפּגעלאָפן צו דער מומען און האָט אויסגעשריִען:

— מומע! גיכער! טאָם שטאַרבט אַוועק!

— שטאַרבט אַוועק?

—יאָ, גיכער, קומט אַרויף!

— נאַרישקייטן, ער וועט ניט שטאַרבן! — האָט זי געזאָגט.

פון דעסט וועגן האָט זי זיך גלײַך געלאָזט לויפן צו טאָמען.

סיד און די שוועסטער מערי זײַנען איר נאָכגעגאַנגען.

די מומע איז געוואָרן בלאַס. די ליפּן האָבן בײַ איר געציטערט.

— טאָם, וואָס איז דיר?—האָט זי קוים אַרויסגערעדט.

— אוי, מומע, איך...

—זאָג, וואָס איז, וואָס איז דיר, מײַן קינד!

—מומע, דער פינגער... אַ גאַנגרענע!...

די מומע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן שטול און גענומען לאַכן, דערנאָך וויינען און נאָך דעם בײדע זאַכן צוזאַמען.

—אָ, טאָם, ווי דו האָסט מיך איבערגעשראָקן!... נו, גענוג שוין צו מאַכן זיך נאַריש! שטיי אויף!

די קרעכצן האָבן אויפגעהערט, און דער פינגער האָט שוין מער ניט ווײ געטאָן.

דאָס ײנגל האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט און געזאָגט:

—מומע, ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב אַ גאַנגרענע, ס׳האָט אַזוי געשטאָכן, אַז איך האָב גאָר פאַרגעסן אָן צאָן.

—דער צאָן? וואָס איז מיט דײַן צאָן?

—ער שאָקלט זיך און טוט שרעקלעך ווײ...

— ווײַז אַ קוק טאָן. עפן אויף דאָס מויל, אָבער הער אויף צו קרעכצען!... יאָ, דער צאָן שאָקלט זיך טאַקע, דערפון וועסטו אָבער ניט שטאַרבן... מערי, דערלאַנג מיר אַ פאָדעם און ברענג אַ האַלעוועשקע פון קיך.

—מומינקע,—האָט זיך טאָם אָנגעהויבן צו בעטן: זעט, רײסט אים ניט אַרויס, אָט האָט ער שוין אויפגעהערט ווײ צו טאָן. איך וועל שוין מער ניט דערציילן אײַך, אַז ער וועט אַפילו ווײ טאָן. זעט, טשעפּעט אים ניט. איך וויל גאָרניט פאַרבלײַבן אין דער הײם. איך גײ, איך גײ אין שול!..

אַ-אַ-אַ! דו ווילסט שוין ניט? דעם גאַנצן טומל האָסטו דאָס געמאַכט, כדי צו פאַרבלײַבן אין דער הײם, ניט צו גײן אין שול!.. טאָם, איך האָב דיך אַזוי ליב, און דו, זוכסט אַלץ מיטלען מיר אָנצומאַכן קלעמעניש!..

דערווײַל האָט מען צוגעגרײט די געצײַג אויף אַרויסצונעמען דעם צאָן.

די אַלטע האָט אַרומגעדרײט איין ברעג פון דעם פאָדעם אַרום דעם צאָן און דעם צווייטן צוגעבונדן אָן בעט. דערנאָך האָט זי גענומען די ברענעדיקע האַלעוועשקע און אַרײנגערוקט דעם ײנגל אין פּנים אַרײן. אין אַ ווײלע אַרום איז שוין דער צאָן געהאַנגען אויפן פאָדעם.

מאַרק טווען.

אויף דער הפסקה.

דורך די פענצטער פון דער שול
ווינקט דער בלויער פרײַער דרויסן.
גיט דאָס גלעקל נאָר א קלונג
נעמען זיך די קינדער שטויסן.

דורך די טירן אויפן הויף
נעמען קינדער זיך פארזייען,
און די לופט איז אָנגעפילט
מיט קינדערשע געשרייען.

איינער גיט א וואָרף א באָל
לויפן אנדערע אים כאפן;
שטייט א קאָן פון מילך אין הויף,
נעמען קינדער אויף דעם קלאפן.

שטייט א מיידל מיט א בוך,
קוקט זי אויף די שיינע בילדער,
לויפן יינגלעך איר פארביי
מיט געשרייען און געפילדער.

ווידער גיט א קלונג דער גלאָק,
נעמען זיך די קינדער יאָגן,
און דער גרויסער טומל ווערט
לאנגזאם צו דער שול פארטראָגן.

לאה קאפעליאַוויטש.

יאַנקעלע גייט אין לייענזאַל.

יאַנקעלע טרילינג איז אַלט צען יאָר.

זײַן טאַטע איז אַ האַלצזועגער, די מאַמע שטייט מיטן קאָשיק אין גאַס.

די שטוב זייערע איז — אַ נאַסע, אַ פינצטערע גרוב. פון די ווענט גיסט, די פּאָדלאָגע — אין לעכער.

דער דַלות פּײַפט אין אַלע ווינקעלעך.

יאַנקעלע גייט אין אַ יִדישער פאָלקשול.

אין שול איז יאַנקעלען גוט. אָבער נאָך דער שול איז אים שווער צו זײַן אין דער היים: דאָרט איז קאַלט, נאַס און שמוציק. די בּרידערלעך און שוועסטערלעך שרײַען, לאָזן ניט רוען.

אַ גאַנצן טאָג וואַלגערט זיך יאַנקעלע אַרום אין גאַס. די לעק-ציעס מאַכט ער בּײַ אַ חַבֵר. אָבער דאָרט איז אויך ענג און שמוציק.

איין מאָל הערט יאַנקעלע, ווי צוויי קינדער פון עלטערע קלאַסן ריידן אָפּ, אַז זיי וועלן זיך טרעפן אין לייענזאַל פון דער קינדער-בּיבּליאָטעק.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ בּיבּליאָטעק? וואָס פאַר אַ לייענזאַל? — האָט יאַנקעלע גענומען נאָכפרעגן.

און אַ חַבֵר האָט אים דערציילט, אַז ס'איז פאַראַן אין שטאָט אַ קינדער-בּיבּליאָטעק, וווּ די קינדער פון אַלע יִדישע שולן לייענען בּיכער.

— און פאַרן לייענען דאַרף מען צאָלן? — האָט יאַנקעלע זיך נאָכ-געפרעגט.

— יאָ — האָט אים דער חַבֵר געזאָגט און אָנגערופן, ווי גרויס דער אָפּצאָל איז.

יאַנקעלע האָט אָפּגעזיפצעט: ניט פאַר אים געדאַכט. ער גייט אָפּט מאָל אַוועק פון דער היים אָן פרישטיק. וועט אים דער טאַטע, דער האַלצזועגער, אויף בּיכער געוויס קיין געלט ניט געבן.

— אָבער די, וואָס קענען ניט צאָלן, קענען דאָרט אויך לייענען — האָט דער חַבֵר ווײַטער דערציילט — פאַראַן דאָרט בּײַ דער בּיבּליאָטעק אַ לייענזאַל. קען מען דאָרט זיצן און לייענען אָן געלט.

בּײַ יאַנקעלען האָט שטאַרק אָנגעהויבּן צו קלאַפּן דאָס הערצל פאַר פרייד.

וואָס עס וועט דאָרטן זײַן אין לײענזאַל, ווייס ער נאָך ניט, אָבער ער האָט דערפילט, אַז עפּעס אַ גוטע זאַך איז פאַר אים דאָרטן אָנגע-גרייט.

יאַנקעלע האָט געבעטן דעם חבֿר, ער זאָל אים אוועקפירן אהין, פאַרשרײַבן אים.

דער חבֿר האָט אים צוגעזאָגט.

*

יאַנקעלע האָט זיך קוים דערוואַרט אויפן סוף פון די לעקציעס. גלײַך נאָכן קלונג איז ער אַוועק מיטן חבֿר אין לייענזאַל.

דעם גאַנצן וועג האָט ער געהאַלטן דעם חבֿר אַרומגענומען. האָט ער אים געוואָלט צוהאַלטן, ער זאָל ניט אַוועקגיין? אָדער אַרויסווײַזן זײַן דאַנק פאַר דער טובֿה, וואָס ער טוט אים?

*

אין צענטער שטאָט אויף אַ טומלדיקער גאַס האָט זיך געפונען די קינדער-ביבליאָטעק.

דורך פרײַע טרעפּ האָט דער חבֿר אַרויפגעפירט יאַנקעלען אין אַ צימער, וואָס איז אַרום און אַרום געווען אין גאַנצן פאַרשטעלט מיט פּאָליצעס ביכער. אויף די ווענט זײַנען אויך געהאַנגען הילעס פון ביכער.

דער צימער איז געווען פול מיט קינדער, וואָס זײַנען געשטאַנען בײַ אַ פּאַרענטש. הינטערן פּאַרענטש זײַנען געשטאַנען צוויי פרייליגס — די ביבליאָטעקאַרינס.

יאַנקעלע איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר אַ דערשראָקענער.

דער חבֿר האָט אים צוגעפירט צו איינער פון די ביבליאָטעקאַרינס:

— דער ייִנגל וויל זיך פאַרשרײַבן אין לייענזאַל!

די ביבליאָטעקאַרין האָט אײַנגעשריבן יאַנקעלען אין אַ בוך און אַרויסגעגעבן אים אַ קאַרטע.

— וואָס פאַר אַ בוך ווילסטו? — האָט זי אים געפרעגט.

יאַנקעלע האָט ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

די ביבליאָטעקאַרין האָט אים געהייסן אַרײַנגיין אין לייענזאַל. זי וועט אים שוין דערלאַנגען אַ בוך.

יאַנקעלע האָט אָן עפן געטאָן די טיר אין צווייטן צימער און איז ווידער געבליבן שטיין.

א גרויסער זאַל, פול מיט קינדער. אַלע זיצן ארום טישן און לייענען. און שטיל — קיין פּאַרע הערט מען ניט.

יאַנקעלע האָט דערזען א פּאָר קינדער פון זײַן שול און ער איז מוטיקער געוואָרן.

ער האָט פאַרנומען א פּלאַץ בײַם פענצטער.

אין א ווײַלע ארום האָט מען אים צוגעטראָגן א בוך. א פּאָר מינוט איז ער נאָך אַלץ געווען אזוי ווי צעשראָקן און צום בוך זיך ניט צוגערירט. באַלד איז ער אָבער געקומען צו זיך. ער האָט אָן עפן געטאָן דאָס בוך. ס׳איז געווען א יאָרגאַנג „גרינינקע בײמעלעך". ער האָט גענומען מישן די בלעטער — בילדער, מעשיות, לידער, וויצן, קונצן, רעטענישן.

יאַנקעלע האָט זיך אזוי פאַרטיפט אין לייענען, אז ער האָט גאָרניט באַמערקט, ווי די צײַט איז געלאָפן. ער האָט אפילו ניט געדענקט, ווען מע האָט אָנגעצונדן פײַער.

אז מע האָט גענומען קלינגען, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווי פון א זיסן חלום.

אַלע האָבן זיך א הײב געטאָן פון די ערטער. אין זאַל איז געוואָרן טומלדיק.

א חבֿר האָט געזאָגט יאַנקעלען, אז דער לייענזאַל פאַרמאַכט זיך און מע דאַרף גיין אהיים.

יאַנקעלע האָט אָפּגעגעבן דאָס בוך און איז אָן אויפגעמונטערטער, א יום־טוב־דיקער ארויס אין גאַס.

ס׳איז געווען א פראָסט אין דרויסן.

יאַנקעלע איז געווען זייער לײַכט אָנגעטאָן. ער האָט אָבער קיין קעלט ניט געשפּירט.

ער האָט געטראַכט וועגן לייענזאַל, וועגן די מעשיות, וואָס ער האָט איצט איבערגעלייענט.

א נײַ לעבן האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן.

פון יענעם טאָג אָן איז יאַנקעלע געוואָרן א שטענדיקער אײַנגייער אין לייענזאַל. ניטאָ א טאָג, ער זאָל דאָרטן ניט זיצן.

און דער אומעטיקסטער טאָג בײַ יאַנקעלען איז שבת, ווען דער לייענזאַל איז געשלאָסן.

שימעון.

כ׳האָב א חבר, הייסט ער שימעון.
האָט ער ליב זיך צו באַרימען.
כאַפּש ער ווייס, עס איז א ליגן,
האָט ער פון דעם פאַרגעניגן.

אָט האָט ער א בער דערשאָסן.
נאָך דעם האָט עס אים פאַרדראָסן;
גיט ער אים א שנעל אין שטערן,
פליט ער גלײַך צו זײַנע בערן.

אויפן ים א רײַזע מאַכן
איז בײַ אים פון קליינע זאַכן;
אין א מולטער פון זײַן מאַמען
שווימט ער איבער אַלע ימען.

מיט יוונים און גזלנים
איז ער גאַנצע מחותּנים.
און כינעזיש קען ער שרײַבן.
אַעראָפּלאַנען קען ער טרײַבן.

ס׳ניט געשטויגן, ניט געפלויגן—
זאָגן עדות זײַנע אויגן...
אָט אַזאַ איז חבר שימעון,
וואָס האָט ליב זיך צו באַרימען

רבקה גאלין,

איין פאָר שיך.

עס קלאָגט דער ווינט. ס׳איז קאַלט אין גאַס.
און איך קען הײַנט ניט גיין אין גאַס:
מײַן קליין שוועסטערל און איך —
מיר האָבן ביידע איין פאָר שיך.
עס האָט די קליינע הײַנט אויף גיך
באַהאַלטן ערגעץ וווּ די שיך.
זי האָט זיך הײַנט געריימט מיט מיר.
האָב איך געכאַפּט זיך שלאָגן איר.
נאָר כ׳ווייס ניט, ווי דאָס איז געשען,
איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען
די קליינע אַזוי דין און בלאַס...
עס איז מיר גלײַך פאַרבײַ דער כּעס.
עס האָט אין האַרצן מיר פאַרקלעמט
און איך האָב זיך אַזוי פאַרשעמט...
איך בין אין יענע פאָר מינוט —
געוואָרן אויף אַן אמת גוט.
— „דו ווילסט — זאָג איך — טו אָן די שיך
און נעם זיי אַלע מאָל פאַר זיך,
ווײַל איך בין שטאַרק און קען באַשטיין
און באָרוועס האָב איך ליב צו גיין״.
זי קוקט און רירט זיך ניט פון אָרט.
איך זע — זי גלייבט מיר ניט אַ וואָרט.
דאַן גיי איך נענטער צו צום בעט
און גיב איר קעפּעלע אַ גלעט.
און זאָג דאָס זעלבע נאָך אַ מאָל,
נאָר מיט אַ שטילן ווייכן קול:
— „דו ווילסט די שיך? — טאָ נעם און טראָג
און טו זיי אָן אַ יעדן טאָג.
ווײַל איך בין שטאַרק און קען באַשטיין
און באָרוועס האָב איך ליב צו גיין״.
איך האָב געוואָלט איר זאָגן מער —
נאָר ס׳האָט פאַרשטיקט מײַן קול אַ טרער.

רבקה גאַלין.

אַוועקגעגעבן די מַתָּנָה

פּייגעלעס טאַטע איז אַ בלינדער. ער פּאַרקויפט צײַטונגען.

זיי וווינען אויף אַ ראָג פון צוויי גאַסן אין אַ קעלער מיט אַ טיר צו דער גאַס.

דאָס טישל מיט די צײַטונגען שטייט אויפן טראָטואַר.

די לייזונג איז אַ שטילע, אָבער בײַם טישל מוז שטענדיק עמעץ זײַן. בײַט מען זיך: דער טאַטע, די מאַמע, פייגעלע און אַפילו די יינגערע קינ-דער אויך.

דעם טאַטן אַליין איז שווער צו לאָזן. ער קען ניט אַלע מאָל דערלאַנ-גען די צײַטונג וואָס מע בעט.

ווי נאָר פייגעלע קומט פון שול, שטעלט זי זיך גלײַך אוועק פאַרבײַטן דעם טאַטן אָדער די מאַמען.

איין מאָל אין דער וואָך מוז פייגעלע אין גאַנצן ניט גיין אין שול. דאָס קרענקט זי זייער. מע קען אָבער גאָר ניט העלפן. די לערערין אַליין האָט געזאָגט צו דער מאַמען, אַז אויב פייגעלע מוז העלפן אין דער היים אַרבעטן, קען מען צו איר גאָרנישט האָבן.

פייגעלע איז נאָך אַ קליין קינד און איז שטענדיק פאַרזאָרגט ווי אַ דערוואַקסענע.

*

איין מאָל אין אַ ווינטערדיקן מאָנטיק איז אַ וווּנדער געשען: פייגעלע איז געזעסן אין גאַס בײַם טישל און געשמייכלט. זי איז, ווײַזט אויס, גע-ווען זייער צופרידן.

פייגעלע האָט דעם טאָג טאַקע געהאַט פון וואָס צופרידן צו זײַן: אין קלאַס בײַ איר איז געווען אַ קאָנקורס פון שריפטלעכע אַרבעטן און זי, פייגעלע, האָט געוווּנען דעם ערשטן פּריז—דאָס בוך „ראָבינזאָן קרוזאָ" אין אַ שיינעם אײַנבונד.

פייגעלע איז געווען אַזוי גליקלעך. אַז זי האָט עס דעם גאַנצן טאָג ניט געקענט פאַרגעסן. זי איז געזעסן בײַם טישל און אַלץ געטראַכט וועגן דעם פּריז, זיך דערמאָנט, ווי אַזוי זי האָט געמאַכט די אַרבעט, ווי אַזוי די לערערין האָט איר דאָס בוך איבערגעגעבן, ווי אַזוי די קינדער האָבן געקוקט אויף איר...

און ווי פייגעלע איז אַזוי געזעסן פאַרטיפט אין אירע זיסע חלומות

און געשמייכלט צו זיך אַליין, איז פּלוצלונג צוגעגאַנגען צו איר אַן עלטע־רער ייִד, אַן אומבאַקאַנטער.

פייגעלע האָט זיך אויפגעשטעלט, גרייט צו דערלאַנגען די צײַטונג, וואָס דער ייִד פאַרלאַנגט.

דער ייִד האָט געקוקט, געקוקט אויף די אויסגעלייגטע צײַטונגען און זשורנאַלן און געבליבן אומצופרידן.

—וואָס פאַר אַ צייטונג וויל דער הער האָבן?—האָט פייגעלע געפרעגט.

—איך האָב געוואָלט פרעגן, צי האָט איר ניט אַ מאָל אַ שיין בוך פאַר קינדער. איך וויל דאָס געבן אַ מתּנה מײַנעם אַן אייניקל.

די מאַמע האָט דערזען אַן אומבאַקאַנטן מענטשן לענגער שטיין בײַם טישל, האָט זי זיך אויך אַרויפגעכאַפּט פון קעלער.

דערהערט, וואָס דער ייִד בעט, האָט זי זיך אָפּגערופן:

—ניין, דאָס איז בײַ אונדז ניטאָ. ווער קען דאָס אַלץ האַלטן הײַנטיקע צײַטן?

פייגעלע האָט זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן:

—מאַמע!..—און באַלד, ווי חרטה געקראָגן, אָפּגעהאַקט.

די מאַמע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס פייגעלע וויל.

—וואָס איז?—האָט זי געפרעגט.

—איך האָב...

—וואָס האָסטו?—האָט די מאַמע געפרעגט.

—אַ שיין בוך.

—וואָס פאַר אַ בוך?

—אָט דאָס, וואָס איך האָב הײַנט באַקומען אין שול.

די מאַמע האָט אָנגעקוקט פייגעלען. זי האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז פייגעלע וויל אָפּגעבן איר טײַערע מתּנה. אַ ווײַלע האָט זי געשוויגן. זי האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז מע דאַרף הײַנט אײַנצאָלן אין קאָנטאָר פאַר די צײַטונגען, און האָט געזאָגט צו פייגעלען:

—נו, גיי ברענג דאָס בוך.

פייגעלע האָט אַרויפגעטראָגן דאָס בוך.

— זעט איר, ס'איז דאָ — האָט זיך דער ייִד דערפרייט—ווײַז אַהער, טאָכטער. דו וועסט קריגן אַן אַנדערן. מיר איז שווער צו גיין אין שטאָט.

דער ייִד איז געווען זייער צופרידן און האָט באַצאָלט דעם פרײַז, וואָס איז געשטאַנען אויפן בוך

נאָך מערער צופרידן איז געווען פייגעלעס מאמע, ווען זי האָט דערזען אזוי פיל געלט פאר א מאָל.

פייגעלע איז אָבער נאָך דער מַעֲשֶׂה זייער טרויעריק געוואָרן.

אז ס׳איז ניט געווען ווי צו צאָלן אין קאַנטאָר, דאָס האָט זי אויך געחוסט. און דערפאַר האָט עס איר געגעבן א הייב, ווען זי האָט דערזען דעם יידן, וואָס וויל זיי געבן צו לייזן.

אָבער איר בוך, איר מַתָּנָה, איז איר געווען אַ שאָד. דער ייִד האָט אפילו געזאָגט, אז מע קען קריגן אַן אנדער בוך. אָבער ווו וועט איר די מאמע געבן געלט? און אַן אנדער בוך וועט איר פאָרט ניט זיין אַזוי טייַער ווי איר מַתָּנָה.

ס׳איז שוין אָבער געווען פאַרפאַלן.

אַ בוך.

מייַן פּאָפּאַ געבראַכט מיר א בוך
מיט מַעֲשֶׂהלעך שיינע — א פראַכט.
איך לייען זיי טויזנטער מאָל,
איך לייען בייַ טאָג און בייַ נאַכט.

איך ליג אין מייַן ווייכינקער בעט,
איך מאַך נאָר די אייגעלעך צו:
פאַרשווינדט באַלד מייַן היים און מייַן שטאָט,
אין טראָג זיך אין חייַט ערגעץ ווו.

חי ווערט מען שוין אַלט א יאָר צוועלף —
איך וואָלט זיך געלאָזט אין דער וועלט,
איך וואָלט אַלע וווּנדער געזען
און וואָלט זיי פאַר קינדער דערציילט.

איך וואָלט עס באַשריבן אַליין,
און קינדערשע הערצלעך דערפרייט,
מיט מַעֲשֶׂהלעך שיינע פון יָם,
פון העלדן פון נאָענט און ווייַט.

רבקה גאַלין.

אַ שפּיל אין גראַמען.

שפּילן קינדער זיך אין גראמען.
ליארעמען זיי: — קאמען, ימען!
אייגלעך, בעקלעך שײַנען, פלאמען,
און זיי האָבן טויזנט טעמען.

ביכל, שיכל, עס א — — — — —
וויש די נאָז אָפּ מיטן — — — — —
מיידל איידל מיטן קליידל
דרייט זיך, דרייט זיך ווי א — — — — —

ייִנגל, צינגל, מעסערקלינגל,
קוליעט אום זיך ווי א — — — — —
מערער, שערער, קוימען-קערער
גראמען דאָך זיך מיט א — — — — —

ג. מײנפער.

גליקן.

אין ליבן קינדערשן קליין ביכעלע
איז וואונדערלעך אזוי און שיין;
א מיידעלע געפינט א גאָלדן שיכעלע,
וואָס האָט געהערט דעם פּרינץ אליין . . .
א פויערל אין דאָרף, אַן אָרעמער,
אַן אויסגעלאַכטער און א נאַר,
ביי זיינע ברידער אַ פאַרלאָרענער, —
ווערט פּלוצלונג איבער זיי א האַר.
אַן אָרעמאַן, אַ מידער וואַנדערער,
טרעפט אָן אַ בעטלערל אין וועג,
ערשט ס'איז דער בעטלער גאָר אַן אַנדערער —
ער שענקט דעם אָרעמאַן אַ האַלב פּאַרמעג...
א יונג וויל זיך פון שטאָט דערווייטערן,
זוכט אום אין וואַלד און ווייסט ניט וואָס;
באַגעגנט אים א שיינע רייטערין
און לאַדט אים איין צו זיך אין שלאָס.

א. רייזין

אין שול-קאָאָפּעראַטיוו.

— ביילקע, גיכער, אַ יִדישע העפט און אַ פעדער! מיר האָבן באַלד אַ שריפטלעכע אַרבעט אויף יִדיש!

— און מיר — אויף רעכענען! גיב מיר גיכער אַ רעכנהעפט! אוי, איך פאַרשפּעטיק!

— מיר אַ בלײַער! ריר זיך, דער לערער גייט שוין אין קלאַס אַרײַן!

— ווײַז אַהער אַ שוואַרצע הילע! איך דאַרף נאָך אײַנוויקלען די העפט און מאַכן די אויפשריפט. אײַל זיך, באַלד איז שוין דער קלונג!

— וויפל קאָסט אַ מעקער? — הערט זיך אַ קוויטשיק קעלכעלע פון אַ קליין יִנגעלע פון ערשטן קלאַס. — פינף גראָשן? נאַ דיר צען, גיב מיר פינף גראָשן אויסגאָב.

— זע, איך שטיי שוין דאָ אַזאַ צײַט, און דו גיסט אַלץ די גרויסע. גיב מיר אַ פעניו — קוויטשעט אַ קליין מיידעלע.

ביילקע און בערקע שטייען הינטער דער לאַדע. זיי אַרבעטן גיך, גיך. אַ שווייס רינט פון שטערן. די באַקן פלאַמען.

— אָט שוין, שוין! — שרײַט ביילקע און דערלאַנגט דעם אַ העפט, דעם אַ מעקער, דעם אַ הילע.

— נאַ דיר אויסגאָב — זאָגט בערקע.

— אַזוי ווייניק?

— די העפט קאָסט דרײַצן גראָשן.

— דרײַצן גראָשן? וואָס עפעס אַזוי טײַער? אין קראָם קאָסט אַזאַ העפט צען גראָשן.

— אָבער דאָ האָסטו בעסערע פאַפּיר, מער ווײַטלעך און צוויי בלעטלעך לעשפאַפּיר.

— ניין, דו נעמסט צו טײַער!

— ניט איך, נאָר די פאַרוואַלטונג פון קאָאָפּעראַטיוו באַשטימט דעם פרײַז. דינג זיך ניט. דאָ איז ניט קיין קראָם. מיר נעמען ניט איבער.

— ביילקע, אויף מאָרגן דאַרפן מיר האָבן צוואַנציק רעכנביכלעך. נאַ, פאַרשרײַב וועלכע. אָבער מאָרגן זאָלן זיי זײַן, דו הערסט? פלוצים — דער קלונג.

חֶברָה כאַפּט די אײַנגעקויפטע זאַכן און צעלויפט זיך איבער די קלאַסן.

— אופפפ! — זאָגן די צוויי פאַרקויפערס-פאַרמאַטערט געוואָרן!

— נו, פאַרשליס די שאַפעס און קום אין קלאַס אַרײַן.

דער געבוירנטאָג פון אונדזער שול.

הײַנט איז דער געבוירנטאָג פון אונדזער שול. אין דעם טאָג האָט זיך אונדזער שול געעפנט און עס איז אויפגעוויקלט געוואָרן אונדזער שיינע פריילעכע שולפאָן.

אלע יאָר מאַכן מיר דעם טאָג א גרויסן יום-טוב.

בײַ אונדז אין קלאַס האָט מען זיך שוין מיט טעלעכע וואָכן צוריק גענומען גרייטן צום יום-טוב. מיר האָבן אויפגענייט קליינע פאָנעלעך אזוינע ווי אונדזער שולפאָן.

אויף די לעקציעס פון צייכענען האָבן מיר געצייכנט די שול-פאָן און אלע אַנדערע צייכענונגען האָבן מיר געמאַכט מיט די פארבן פון דער שולפאָן.

מיר האָבן אויך צוגעגרייט זייער א שיינע פּראָגראַם פון געזאַנג און דעקלאַמאַציעס.

א סך קינדער האָבן צום יום-טוב אויפגענייט נײַע קליידלעך און אָנצוגן.

עס איז געקומען דער ליבער טאָג.

די שול איז פול מיט אויסגעפוצטע קינדער און געסט.

אלע זײַנען פריילעך.

עס דערהערן זיך די קלאַנגען פון א מאַרש.

מיר מאַרשירן אַרײַן אין זאַל. פאָרויס טראָגט א שילער אונדזער שולפאָן.

מיר, די קינדער פון די יינגערע קלאַסן, האַלטן אין די הענט די קליינע פאָנעלעך, וואָס מיר האָבן אויפגענייט.

א סך קינדער טראָגן בוקעטן בלומען.

מיט שײַנענדיקע פּנימער זינגען מיר אונדזער שולהימן. די מוזיק ווערט שטיל.

די פאַרוואַלטערין באַגריסט אונדז און ווינטשט אונדז צו האָבן שטענדיק א פריילעכן געבוירנטאָג פון דער שול.

עס הייבן אָן באַגריסן די קלאַסן. אָט גייט אַרויס א מיידעלע פון ערשטן קלאַס. זי דערלאַנגט דער פאַרוואַלטערין א מתּנה פאַר דער שול — אַן אַלבאָם קינדערשע צייכענונגען און א בוקעט בלומען. זי זאָגט:

„אין נאָמען פון ערשטן קלאַס ווינטש איך דער שול, זי זאָל װערן אלץ גרעסער און גרעסער".

אלע אפּלאָדירן. מע קושט דאָס מיידעלע.

אויך די אנדערע קלאַסן ברענגען בלומען און מתּנות.

אונדזער קלאַס האָט געגעבן דער שול א גלאָבוס.

א לערער לייענט איבער די בריוו, וואָס די פריינד פון דער שול האָבן צוגעשיקט צום יום־טוב.

אלעמען איז עפּעס אזוי גוט אויפן הארצן.

עס הייבט זיך אָן דאָס געזאַנג און די דעקלאַמאַציעס. קיין מאָל האָבן די קינדער אזוי שיין ניט געזונגען און דעקלאַמירט װי הײַנט.

דער פּראָגראַם איז געענדיקט. מע גייט צו דער סעודה. נאָך דער סעודה טאַנצט מען און מע זינגט.

עס איז אזוי פריילעך און גוט, אז עס װילט זיך גאָר ניט גיין אהיים. עס ווערט אָבער שפּעט.

מיר זעגענען זיך און װינטשן זיך צו, אז איבער א יאָר זאָל אויך זיין אזוי גוט.

קינדער טאַנצן א „שערעלע".

אַ פייגעלע.

איין מאָל אין אַ פרײַטיק, זומער איז דאָס געווען, זײַנען מיר געגאַנגען פון חדר אהיים עטלעכע ייִנגלעך מיט אַ מאָל. געגאַנגען זײַנען מיר גיך. כמעט געלאָפן. וואָרעם, ערשטנס, האָט מען אונדז געלאָזט פרײַ אויף שבת אהיים און, צווייטנס, זײַנען מיר געווען הונגעריק. און אויף אונדז האָט געוואַרט אַ הייס ראָסלפלייש מיט אַ פרישער שמעקנדיקער חלה.

פלוצעם האָט איינער פון אונדזער חבֿרה אויסגעשריִען אויף אַ קול: — „אוי, אַ פייגעלע!“ און מיר האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט.

ווי אַ קנײַלעכל איז געזעסן אויף דער ערד, מיטן קעפּעלע אַרויף, אַ קליין יונג פייגעלע, מיט נאָך גאָר אַ געל פּיסקעלע.

דאָס פייגעלע האָט, נעבעך, געציטערט, צעלאָזט די פעדערלעך, געטרייסלט זיך, געמאַכט מיט די פליגעלעך, געעפנט אַלע מאָל דאָס געלע פּיסקעלע ווי אַ קליין קינד, בשעת עס וויל עסן, און אַרויס-געלאָזט אויף אַ הייזעריק קעלכל: „פּיו“...

און עס האָט זיך אויפגעכאַפּט בײַ אונדז אַ געפיל פון רחמנות, און מיר האָבן אָנגעהויבן קלערן: וואָס טוט מען מיטן פייגעלע?

דער האָט געזאָגט: מע באַדאַרף עס לאָזן זיצן אויף דער ערד, ביז דעם פייגעלעס „מאַמע“ וועט קומען; דער האָט געגעבן אַן עצה, מע זאָל עס געבן אַ וואָרף אין דער הייך, וועט דאָס אַוועקפליִען; און דער האָט געדרונגען, אַז מע באַדאַרף דאָס נעמען אהיים. נאָר אַז עס איז אַ רחמנות, אַ „צער-בעלי-חיים“ — דאָס האָבן אַלע מודה געווען.

און מיר האָבן געבראַכט דאָס פייגעלע אהיים, פאַרגעסן, אַז מיר זײַנען הונגעריק, גענומען דאָס האָדעווען, עס געגעבן וואַסער אין פּיסקל.

דאָס פייגעלע האָט אַזוי לאַנג געציטערט, געפינטלט מיט די אייגעלעך, געטרייסלט זיך און געפלאַטערט בײַ אונדז אין די הענט, ביז עס האָט פאַרוואָרפן דאָס קעפּל אויף אַ זײַט, די אויגן פאַרגלאָצט און... ס'איז געווען טויט.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן מיר אויסגעגראָבן אין גאָרטן אַ טיף גריבעלע, אײַנגעוויקלט דאָס פייגעלע אין אַ נאָזטיכל, דאָס באַגראָבן און אויפן קבֿר געשטעלט אַ ברעטל מיט אַן אויפשריפט:

דאָ ליגט דאָס קליינע פייגעלע.

און אָנגעשריבן אַלע נעמען פון די, וואָס זײַנען דערבײַ געווען: בערל, יאָסל, דאָוויד, מאָטל, קאַלמען, געצל.

שלום עליכם.

ב ו ץ.

אין איינעם אַ שטעטל:
אַ קלייט בײַ אַ קלייטל,
אַ דראָנג און אַ ברעטל —
איז געוואַקסן אַ יונג,
מיט אויגן ווי ליסקעס,
מיט אַזעלכע פּיסקעס,
מיט אַזאַ מין אָ שלונג!

ווער ביכער, וואָס ביכער?
אַבי נאָר וואַרעניקעס גיכער!
און פּאַמפּעשקעס אין אייל,
און וואַרנעטשקעס פון מעל —
אַ שיסל נאָך אַ שיסל,
נאָך דעם— נאָך אַ ביסל.

איידער ער שלינגט נאָך אַראָפּ,
ווינקט ער שוין צום טאָפּ:
„פּאָפּ, פּאָפּ, — נאָך עפּעס דאָ?"
און ער קערט אים איבער—האָפּ!

אָט אַזוי: פרעסן און נאַשן.
ווער וואַשן? וואָס וואַשן?
אָט אַזוי: שטראָדל און פלאָדן.
ווער באָדן? וואָס באָדן?
ווער וואַסער? וואָס זייף?
דאָס קויטיקײַט נעמט אים אַרום
ווי אַ רייף.

*

דאַרף זיך דאָרט טרעפן —
סע טוט זיך די טיר אַן עפן
און סע שטעלט זיך אַרײַן,
אין אַ כאַלאַט פון לײַן,
אַזוי הויך און דאַר —
דער סאַניטאַר.
און הינטער אים צוויי מענער,
איינער פון צווייטן ניט קלענער.

און סע זאָגט סאַניטאַר
ניט ווייניקער, ניט מער:
— „אָט אָ דער!"
און ווײַזט אויפן יונג.

*

ווי דער יונג האָט דאָס דערהערט,
האָט זיך באַלד איין אויג צעטרערט
און דער וואַרעניק, —
ניט אַהין, ניט אַהער,
איז געבליבן שטעקן אין שלונג.
טוט סאַניטאַר אַ זינג ווי
אַ טרומייטל:
— „אַן עפּידעמיע אין שטעטל!

„אַזאַ יונג,
„אַזאַ שלונג,
„אַזאַ ברוד,
„אַזאַ שמוץ —
נעמט אים, דעם בוץ!
שלעפּט אים אין וואַנע,
לאָזט אויף אים אָפּ די קראַנען!"
די צוויי מענער,
וואָס איינער פון צווייטן
ניט קלענער,
האָבן אַ הייב געטאָן הענט,
זיך אָנגעבלאָזן ווי בערן,
גענומען זיך רוקן ביי ווענט:
געמיינט, דער יונג וועט זיך ווער
ווייסער וואָס! —
בוץ האָט נאָר אַ שמאָרע געטאָן
מיט דער נאָז.

זיך פּאַרטײַעט —
און גאַנץ רויִק דעם וואַרעניק
דערקײַט...!

דערווײַל האָבן די צוויי מענער,
וואָס איינער פון צווייטן ניט קלענער,
גענומען צעקעמען דעם בחור די לאָקן
און אויסטאָן די שיך מיט די זאָקן.
ווער זאָקן? וואָס זאָקן?
אײַנגעבאַקן אין די פיס!
און סע שמעקט, אוי, שמעקט! — אַ ניס נאָך אַ ניס!

פריִער די מענער,
וואָס איינער פון צווייטן ניט קלענער,
און באַלד אַליין דער סאַניטאַר:
אַ ניס און אַ ניס, דאָס מויל אים צעשפּאַרט!

— „העפּטשו! — וואַרפט אים אין וואַנע...
„מיט די זאָקן וואַרפט אים... העפּטשו!
„עפנט אויף, העפּטשו, די קראַנען...
„העפּטשו — הו-הו!..."

*

האָבן די קראַנען גענומען שפּאַרן
אין יונג, אויפן יונג, און אים צעפּאַרעט...
האָט ער זיך אַ נעם געטאָן קראַצן,
פּלעשקען דאָס וואַסער ווי טאַצן,
שרימפּן און ברומען,
דריגען מיט פיס און רײַבן די לאָקן.

פּלוצים — שטיל:
סע זײַנען אַרויסגעשווומען
צוויי פאַרדאַרטע זאָקן!

אַז מע האָט אים פון וואַנע אַרויסגעבראַכט,
האָט ער זיך פאַר נחת צעלאַכט.
ער האָט זיך אַליין ניט דערקענט.
זיך געזעצט אויף אַ באַנק
און אויסגעשטרעקט דעם סאַניטאַר די הענט:
— „אַ דאַנק!"

דערנאָך צו די מענער,
וואָס איינער פון צווייטן ניט קלענער:
— „איצט גלוסט זיך עפּעס נעמען אין מויל!"

ווען אַלץ איז צײַטיק

דאָס ליד פון שניטער.

זינגט מײַן האמער מיר אַ ליד:
ציק, צאַק!
נאָך אַ קלאַפּ און נאָך אַ האַק,
איין מינוט פון אַרבעט בלויז,
און איך שמיד אַ סערפּ מיר אויס.

זינגט מײַן סערפּ פאַר מיר אַ ליד:
קלאַנג, קלינג!
אַרבעט איך מיט הענטל פלינק.
נאָך אַ דריי און נאָך אַ פאַנג,
און איך שנײַד מיר זאַנג נאָך זאַנג.

זינגען זאַנגען מיר אַ ליד:
זום, זום!
פלעכט איך גאַרבן, בינד אַרום,
פיר זיי אין דער מיל אין טאָל
און אויף דינע מעל צעמאָל.

זומער־לידער.

אויף די גערטנער, אויף די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען, —
ווי די פרײַע בלויע וועלן
רוישן, גיסן זיך און קלינגען.

אין אַ פרישן קראַנץ פון זאַנגען,
פרײַ פון טרויער און פון קומער,
אויף די טאָלן, אויף די פעלדער
שוועבט דער שיינער, ליבער זומער.

זומער־פייגעלעך פון גאָרטן,
סטאַיעס בינען פון די שטאָקן
פליען אום און טאַנצן, שפּרינגען
איבער זײַנע שוואַרצע לאָקן.

און דיביימער שלאַנקע שטייען
שיין באַוואַקסן און באַהאַנגען;
אויף די פרײַע גרינע פעלדער
שוין די הויכע שיינע זאַנגען

בייגן אָן די שטאָלצע קעפּלעך
איינס צום אַנדערן און זשומען:
— אַך, ווען וועלן זיי, ווען וועלן
שוין צו אונדז די שניטערס קומען!

און די שניטערס גייען, איילן...
סערפּעס, קאָסעס גלאַנצן, קלינגען...
אויף די טאָלן, אויף די פעלדער
הער איך זיסע שטימען זינגען.

שמעון פרוג.

דאָס העלדישע מיידל.

אין אַ דאָרף האָט זיך אויף אַ בוידעם פון אַ שטוב אָנגעצונדן אַ פּעקל קאָנאָפּלעס, און אין עטלעכע מינוט אַרום — דער דאַך.

די פּויערים זײַנען געווען אין פעלד בײַ דער אַרבעט.

פאַר דער ברענענדיקער שטוב זײַנען געשטאַנען צוויי ווײַבער און געבראָכן די הענט. אַ פּויער איז אויך דערבײַ געשטאַנען, געקוקט אויפן פײַער, האַלטנדיק אין ביידע הענט אַ ליידיקן עמער.

די שטוב איז געווען פאַרשלאָסן. די באַלעבאַטים זײַנען אַוועק אין פעלד.

ס׳האָט געדויערט עטלעכע מינוט — און דער גאַנצער דאַך האָט שוין געפלאַקערט. דער רויך האָט געגעסן די אויגן, און פון פײַער האָט געשלאָגן אַ היץ.

דערווײַל זײַנען אָנגעלאָפן מענטשן מיט אײַזנס, העק און וואַסער.

מע האָט זיך גענומען פונאַנדערוואַרפן דעם פּלויט, וואָס איז גאָרניט געווען אין געפאַר.

אייניקע האָבן גענומען גיסן וואַסער אַזוי, אַז ס׳איז גאָר צום פײַער ניט דערגאַנגען, און האָבן נאָר פאַרגאָסן דעם אַרומיקן עולם. איינע אַ פרוי האָט מען גאָר אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד.

פלוצלונג האָט עמעצער אויסגערופן:

— אַ קינד איז דאָרטן פאַרבליבן! אַ ייִנגעלע!

— וווּ?

— אין שטוב. שלאָפט אין אַ מולטערל אונטערן פענצטער...

— זאָל מען אויסהאַקן די שויב, וועט מען אים נאָך אַרויסשלעפּן אַ לעבעדיקן.

קיינער האָט זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט.

די שטרוי אויפן דאַך איז פאַרברענט געוואָרן און ס׳האָבן זיך שוין אָנגעצונדן די קלעצער.

— נו, רירט זיך שוין ווער! — האָבן געשריען די ווײַבער צו די מענער.

— קריך אַליין אין פײַער, אויב דו ביסט אַזאַ חכמה — האָט עמעצער פון די פּויערים געענטפערט — אַרײַנגיין אינעווייניק — איז אַ זיכערער טויט... און דאָס קינד איז דאָך שוואַך ווי אַ הינדעלע, לעבט שוין געוויס ניט...

די באַלקנס זײַנען שוין פאַרקוילט געוואָרן און האָבן גענומען קראַכן און בויגן זיך.

פון דער ווײַטנס האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעך געשריי פון אַ פרוי:

— ראַטעוועט מײַן קינד!

— האַלט זי! האַלט זי! — האָט מען געענטפערט פון עולם! — זי וועט נאָך אַרײַנשפּרינגען אין פײַער און אומקומען.

— לאָזט מיך! דאָס איז מײַן קינד!

אין דעם איז צוגעלאָפן צו דער שׂרפה אַ יונג מיידל. אין איין אויגנבליק איז זי שוין געווען אין פענצטער פון דער ברענענדיקער שטוב און האָט זיך אַזוי טיף אַרײַנגעבויגן אינעווייניק, אַז מער חוץ אירע פאַרשטויבטע פיס האָבן זיך ניט געזען.

— יאַגנאַ! אהער גיי! — האָט עמעצער זי גערופן.

דער באַלקן האָט גענומען אײַנפאַלן... פונקען זײַנען געפלויגן צום הימל אַרויף.

דאָס מיידל איז פאַרפאַלן געוואָרן אין רויך.

— יאַגנאַ! — האָט זיך ווידער דערהערט אַ קלאָגנדיק קול.

— שוין! שוין!... — האָט דאָס מיידל געענטפערט.

אין דער רגע האָט זי זיך טאַקע באַוויזן, שלעפנדיק אויף די הענט אַ קינד, וואָס האָט געגוואַלדעוועט מיט אַלע כּוחות.

— לעבט נאָך דאָס קינד? — האָט מען זיך נאָכגעפרעגט פון אַלע זײַטן.

— לעבט ווי אַ לעבעדיקער.

— און דאָס מיידל? איז דאָס זײַנע אַ שוועסטער?

— ניין! אַ ווילד פרעמדע! דינט אפילו בײַ אַן אַנדער באַלעבאָס! און איז אַלט אפשר אַ יאָר פופצן, ניט מער!

— און איר האָט גאָרניט געשאַדט?

— צוגעברענט דאָס טיכל און צוגעסמאַלעט אַ ביסל די האָר.

יאַגנע איז אַוועק אַהיים.

אין אַ ווײַלע אַרום איז זי געזעסן אין פירהויז, געשיילט קאַרטאָפל און אונטערגעמורמלט אַ לידל.

ב. פרוס.

מע דרעשט.

אַלע טאָג פון באַגינען אָן צעטראָגן זיך איבערן דאָרף שטאַרקע קלעפּ פון די דרעשערס.

דאָ איינציקע — לופּ! צופּ! לופּ! צופּ!

דאָרט צווייִקע — לופּו! — צופּו! לופּו! — צופּו!

און דאָרט דרײַיִקע — לופּוצופּ! לופּוצופּ! לופּוצופּ!

וואָס ווײַטער, אַלץ גיכער, אַלץ האַסטיקער.

אַזש הינטערן וואַלד הילכט עס אָפּ פון די קלעפּ.

די באַלעבאַטים אײַלן זיך שטאַרק צו באַקומען פון דעם נײַעם שניט זריעה גלײַך ווידער צו פאַרזייען די פעלדער.

און די ערד — אַזוי ווי זי מאָנט שוין די קערנער.

די זון האָט זי צעוואַרעמט, די טויען — אָפּגעפרישט.

די גלײַכע אויסגעאַרבעטע פעלדער צעשפּרייטן זיך ווײַט און ברייט אונטערן שטילן בלאָען הימל.

פון באַגינען ביז נאַכט פליט אַרום איבער זיי די לאַרך, די גראָע זינגערין פון די קאָרנפעלדער.

און קלינגט, און זינגט מיט איר העלן קול:

זאָלן ווערן
פעלדער געל,
געל ווי גאָלד,
פול מיט קאָרן,
קאָרנגאָלד.

עס קלאַפּן די דרעשערס דעם גאָלדענעם שטרוי; די גאָלדענע קערנער שיטן און שיטן זיך, שפּריצן און פאַרשפּריצן זיך אָפּט ווײַט, אַזש ביזן טויער פון דער סטאָדאָלע.

בײַם טויער איז אַ רַעש, אַ געפּילדער.

אַ גאַנצע מַחנֶה שפּערלעך איז באַפאַלן די צעוואָרפענע קערנער און שרײַען, און פּיקן, און קריגן זיך, און שלאָגן זיך.

און גיט זיך וואָס אַ ריר אין דער נאָענט — איז גלײַך פררר...— אויף די נאָענטע טאָפּאָלן, גיך, ווי אַ ווינט וואַלט זיי אַראָפּגעבלאָזן.

— וואָס שרײַען אַזוי הײַנט די פייגל? — פּרוּוון טרעפן די פויערים — איז עס אויף אַ רעגן, צי אויף אַ גוטן וועטער?

ב. קאָנאָפּניצקאַ.



פֿאָלגט דעם ווינט!..

מילן, מילן, ליבע מילן,
פֿאָלגט דעם ווינט און מאָלט די ברויטן!
אין אַ דערפֿל אין אַ שטילן
וואַרטן קינדער בײַ די פֿלויטן.

ס'שמעקט מיט אָפּגעבּרענטע גראָזן,
און מיט הונגער שמעקן הײַפֿן...
פֿאָלגט די ווינטן, ווען זיי בּלאָזן,
ווען זיי טרײַבּן, ווען זיי לויפֿן!

זאָלן קינדער לעבּן זאַטע,
זאָל ניט הונגערן דער טאַטע.
ליבע ווינטן! העלפֿט אונדז מאָלן
אין די אָפּגעבּרענטע טאָלן!

ס'איז ניטאָ קיין צײַט צו דרימלען
אין די ווינטיקע מעת לעתן.
אונטער הויכע, בּלאָע הימלען
וועלן אַלע קינדער עסן.

וועלן אַלע קינדער עסן
און די ווינטן ניט פֿאַרגעסן.

דרייט זיך, דרייט זיך, דרייט זיך, מילן,
פֿאָלגט דעם ווינט און מאָלט די בּרויטן.
אין אַ דערפֿל אין אַ שטילן
וואַרטן קינדער בּײַ די פֿלויטן.

אין די סעדער.

עפּל—פּעפּינקעס און פלוימען
און די שווערע באַרן־בער.
בעטן ביימער: „ליבע קינדער,
נעמט אַראָפּ אַ קאַפּ, ס'איז שווער".

לאָזט זיך חבֿרה לאַנג ניט בעטן,
לאַנג ניט בעטן,—צוליב וואָס?
טרייסלען ביימער, בויגן צווייגן,
פאַלן פרוכטן אויפן גראָז.

עסט מען אָן זיך זיס און זאַפּטיק,
זאַפט און זיסקייט, האָניק—ווייַן:
ווען אין מויל שוין קאָן ניט קריכן,
קריכט אין קעשענע אַריין.

פולע קעשענעס געפּאַקטע,
קוים צו רירן זיך מיט זיי,
און עס גלוסטן נאָך די אויגן;
נאָר די בייכלעך טוען וויי...

מוז מען אָפּרוען אַ ביסל,
און אַ לייג זיך אויפן גראָז—
קוקט אַראָפּ אַ באַק פון עפּל,
און פון פלוים אַ בלויע נאָז.

און אַ בינטל שפּאַניער ווייַנשל
אויף דעם לעצטן צווייַג אָן דאָרט!
אַך, זיי לאָזן דאָך ניט רוען—
און אַ כאַפּ זיך אויף פון אָרט.

קריכן, וואַרפן, רייסן, טרייסלען,
פלאַטער־פליטער, בלעטער־בלאַט!
און געפּאַקט שוין און באַקומען
און אַ לייג זיך ווידער מאַט.

און אַרייַנגעשטעקט די ציינדלעך
און געהאַלטן לאַנג אַזוי,
עפּל, באַרן, ווייַנשל, פלוימען!
אַך, ווי גוט איר זייט, אוי, אוי!

ל. קוויטקאָ



לעמל נאַשער.

1.

איך קאָן אַ יינגל לעמל —
אַ פּײַער נישט קיין יונג.
רוחישע צוויי אייגלעך,
אַ גלעקעלע די צונג.

דאָס היטל אָן אַ דאשעק,
דאָס מײַלכל אָן אַ שלאָס,
סע קוואַקעט ווי אַ פרעשל,
סע פלאַפּלט אָן אַ מאָס.

קוועקזילבער די פיסלעך,
זיי שווינדלען הין און הער,
גיכער ווי דאָס קעצל,
חי ס׳צאַפּעקל נאָך מער...

אָך, איז ער אַ נאַשער,
אַ ווילער פינגערלעך!
ער האָט אַ קונציק נעזל,
און דאָס האָט אַ געשמעק!

באַהאַלט פאַר אים זײַן מאַמע
עפּעס אויף אַן אָרט,
שמעקט ער באַלד און נישטערט
און געפינט דאָס פאָרט.

2.

זומער, אָך, אַ זומער!
פול מיט אויבסן — שלעק,
קאַוועגעס אין שטאַלן,
עפל אין די זעק.

זײַערט מען, מע פּרעגלט —
זויער, אײַנגעמאַכטס,
קאָכט דאָס גאַנצע שטעטל
פון פאַר טאָג ביז נאַכט.

זידן פּײַער=קאַנען,
דרויסן לעבט און רעשט.

אין די טעג האָט לעמל,
אָך, האָט ער גענאַשט!

פלוימען, עפל, ווײַנשל,
ווײַנפּערלעך און נאָך,
אײַנגעטונקט אין פּרעגלעכטס
איז ער גאָר די וואָך.

און אויך לעמלס מאַמע,
לײַטן גלײַך אַזוי,
האָט זי אָפּגעפּרעגלט
אײַנגעמאַכטס אַ סלוי.

גוט פאַרמאַכט, פאַרבונדן,
אײַנגעשנורט מיט שטריק,
אים פאַררוקט אויף הרובע,
ווײַט פון לעמלס בליק.

נו, האָט זי באַהאַלטן.
ווער זשע דאַרף אים דען?
ווייסט פון גאָרנישט לעמל,
וואָס און ווער און ווען...

3.

איין מאָל איז זײַן מאַמע
ווײַט אין מאַרק אַוועק.
איז געבליבן לעמל.
שפּילט ער זיך, דער שנעק,

קערט דאָס טישל איבער,
טענצלט אויף דער גיך,
בינדט צום פוס אַ האַנטעך,
הוידעט, הוידעט זיך.

כאַפּט דעם געלן קאָטער,
טוט אים אָן אַ בריל,
שלעפּט דער מאַמעס קליידל,
מאַכט זיך פרום און שטיל.

שלעפּט אַרויס אַ קאָפּטל,
מאַכט פון דעם אַ באַל,
וואַרפט אים, ביז אויף הרובע
טוט דער באַל אַ פאַל.

טוט אַ הייב זיך לעמל,
טוט אַ קוק: אוי, אוי! —
ס׳שטייט דאָך אויף דער הרובע
איינגעמאַכטס אַ סלוי!

כאַפּט אַ באַנק צום הרובע,
בענקל אויף דער באַנק,
בענקעלע אויף בענקל —
לעמעלע דערלאַנגט!

האָפּ, און נישט געציטערט,
גרינגער פון אַ שטרוי,
זיצט ער אויף דער הרובע
גלייך שוין מיטן סלוי.

בינדט ער אָפּ די שטריקלעך,
ווערט פאַרשוויצט, פאַרברענט,
אינעם סלוי אַריין באַלד
גלייך מיט ביידע הענט.

כאַפּט און לאַפּט און קוויקט זיך,
גיסט און שלינגט און לעקט.
קלעפּט זיך אים דאָס פּנים,
ווערט מיט רויטס באַדעקט.

ביז סע ווערט אים נימאָס.
קוקט ער שוין אין זאַפּט.
זאַפּט איז ווי אַ שפּיגל,
זעט ער זיך און גאַפּט!

קרימט זיך, דרייט די פּיסקעס,
טוט מיט מויל אַ קלונג,
שטופּט דעם קאָפּ צום שפּיגל,
נעמט אים לעקן מיט דער צונג.

.4

לעמל האָט אַ חבֿר,
פּאַסט ער גראָד פּאַר אים,
גאָר אַ פריילעך יינגל —
מענדעלע באַרים.

קומט ער פונעם לערנען,
פאַלט אים פּלוצים איין,
וואָס זאָל לעמל נאַשער
היינט אין שול ניט זיין!

גייט אַריין צו לעמלען —
קיינער איז נישטאָ.
ערשט אין קיך דערהערט ער:
עמעץ איז דאָרט דאָ.

קומט אַריין פּאַמעלעך,
שטיל און שטיל אַזוי,
און דערזעט דאָרט לעמלען
מיטן קאָפּ אין סלוי...

שטיקט אים אַ געלעכטער,
האַלט ער זיך קוים איין.
פאַלט אים איין אַ שפּיצל:
גייט ער שטיל אַריין,

ס׳בענקעלע באַלד כאַפּט ער,
ס׳בענקל און די באַנק,
שטעלט אַוועק זיי ווייטלעך,
שטיל און אָן אַ קלאַנג.

און אַרויס אין דרויסן
מענדעלע דער שנעק.
בלייבט שוין אויף דער הרובע
לעמל פינגערלעק.

.5

ווייסט פון גאָרנישט לעמל,
ווייסט אָבער די טיר.
טוט זי שטיל אַ זינג זיך,
טוט זיך שטיל אַ ריר.

גיט אַ כאַפּ זיך לעמל,
נעמט אים אָן אַ שרעק —
ווײַט פֿאַררוקט די בענקלעך,
אַזש אין צווייטן עק.

ס׳אויסגעשמירטע פּנים,
אײַנגעקלעפּט אין זאַפּט,
רירט זיך, קרימט זיך וויינען,
שרעקט זיך, דרייט זיך, גאַפט.

שפּאַרט ער זיך בײַ ווענטלעך,
וואַרפט אַראָפּ אַ בליק:
— אָך, ווי הויך! — דערשראָקן
כאַפּט ער זיך צוריק.

האָט אַ יאַט געטאָן דאָס,
אַ וועוועריק, צי אַ מויז? —
ער פֿאַרקרימט זיך פּלוצים,
גיט אַ כליפּ אַרויס.

כליפּ און כליפּ און כליפּעט,
און צעוויינט זיך גאָר,
און די פֿײַכטע הענטלעך
אין די נאַסע האָר.

וויינט אַ שעה, אַ צווייטע,
און קיין הילף נישט קיין,
נעמט ער סלוי אַרומעט,
דרימלט שטיל זיך אײַן.

דרימלט, מיטן קעפּל
אָנגעשפּאַרט אין סלוי.
חלומט אַזוי לעמל,
איז אים גוט אַזוי...

6.

קומט אַרײַן אין צימער
מענדעלע באַרים,
און אַ חבֿרה ייִנגלעך
באַלד אַרײַן נאָך אים.

מ׳האַלט זיך בײַ די מײַלער,
שטיל און שטיל זאָל זײַן,
בייגן זיך און קרימען,
האַלטן זיך קוים איין.

נעמט מען זיך פּאַר הענטלעך,
שטעלט מען גלײַך זיך אויס,
פּלוצים קעגן לעמלען
טאַנצט מען, שיסט מען אויס:

„לעמל, לעמל נאַשער,
האָסטו דיר אַ פּסק,
קוק אַראָפּ, מיר האָבן
אײַנגעמאַכטס אַ זאַק!..“

גיט אַ כאַפּ זיך לעמל,
ס׳הערצל טוט אַ קרים,
ער טוט אַ פֿלי פֿון הרובע
און דער סלוי נאָך אים!

דאָס ליד פון בלויען ליַין.

אויף די פליגלען קומט דער ווינט.

— ווינט, ווו ביסטו דאָס געווען?
— כ׳בין אויף פעלדער דאָס געווען.
— ווינט, וואָס האָסטו דאָרט געזען?
— בלויען ליַין האָב איך געזען.
פאַר דער העלער בלויער שיַין
פון דעם אָוונט־שטערן
זיפצט און וויינט דער בלויער ליין
און ער נייגט זיך, בייגט זיך איין:
„וואָס וועט פון מיר ווערן?"
שיינט דער אָוונט־שטערן:
„דו וועסט ווערן לייוונט.

אויף די פליגלען קומט דער ווינט.

— ווינט, ווו ביסטו דאָס געווען?
— כ׳בין אין הייזער דאָס געווען.
— ווינט, וואָס האָסטו דאָרט געזען?
— מאַמעס האָב איך דאָרט געזען.
ביי די וויגן בלייך און מיד
פאַרן שפּעטן שטערן
זינגען זיי: „עס פירט אַ ייִד
ווײַסן ליַיוונט פון יאַריד".
מאַמעס, שערט מיט שערן!
נייט ביים שפּעטן שטערן
העמדלעך פאַר די קינדער.

אויף די פליגלען קומט דער ווינט.

— ווינט, ווו ביסטו דאָס געווען?
— כ׳בין ביַי פענצטער דאָס געווען
— ווינט, וואָס האָסטו דאָרט געזען?
— באָבעס האָב איך דאָרט געזען.
פאַר דעם שפּינראָד זיצן זיי
ביז דעם מאָרגנשטערן:
„דריי זיך, רעדל, דריי זיך, דריי,
זאָל פון ליַין ווי ווײַסער שניי
ווײַסער ליַיוונט ווערן.
שיַינט דער מאָרגנשטערן —
ער זאָל ווערן ווײַסער.

אויף די פליגלען קומט דער ווינט.

— ווינט, ווו ביסטו דאָס געווען?
— כ׳בין אין גאַסן דאָס געווען.
— ווינט, וואָס האָסטו דאָרט געזען?
— קינדער האָב איך דאָרט געזען.
פאַר דער ערשטער ווײַסער שניַי
פון דעם ערשטן שטערן
זינגען קינדער: „ליין, ליין, ליין,
זאָל אויף דיר די בְּרָכָה זיין,
אַז דו זאָלסט זיך מערן!"
און ביים ערשטן שטערן
טאַנצן ווייסע העמדלעך.

מאַני לייב.

דער ליבער זומער איז אוועק.



סוף זומער

שטילע גראָזן ציטערן,
טוליען זיך און בייגן זיך;
און די זון, די היטערין,
נעמט צום אָפּשייד נייגן זיך.

ביימעלעך פּאַראומערטע
ביי די הויפן הוידען זיך.
בלעטלעך אָפּגעזוימערטע
פּלאַטערן און סודען זיך.

וואָלקנדלעך צעשלאָגענע
אין דעם רוים צעשפּרייטן זיך.
פייגל שטום צעטראָגענע
ערגעץ פליען גרייטן זיך.

קילער ווייען ווינטעלעך.
פרעמד און קאַלט געריסנדיק.
בלויז ביים הויז די קינדערלעך
שפּילן, גאַרניט וויסנדיק.

אין האַרבסט.

עס פאַלט שוין אָפּ
דאָס גאָלד פון וועלדער,
א שוואַרצער ראָב
אויף וויסטע פעלדער.

אַלץ גרוי און געל...
אָ, זומער ליבער,
ווי שנעל, ווי שנעל,
דו ביסט אריבער!.

נחום ייד.

אויפן מאַרק.

מאָטקע האָט פון נעכטן אָן אין זיין מויל ניט געהאַט. דאָס האַרץ האָט אים גענאָגט פון הונגער. דער הונגער האָט מאָטקען אין מאַרק געטריבן, טאָמער וועט ער דאָרט עפּעס כאַפּן.

עס איז געווען פרייטאָג אין דער פרי, א מאַרקטאָג פאַר יעסיען, ווען אַלץ אויפן פעלד, אין גאָרטן און אין שטאַל איז רייף און אויסגעוואַקסן. די פויערים האָבן געבראַכט פון די דערפער דאָס בעסטע און דאָס פאַרטיקסטע צום פאַרקויפן. פעטע הינד־לעך מיט געבונדענע פיס זיינען געשפרונגען איבער די פויערשע פורן.

דער מאַרק איז געווען פאַרכאַפּט פון גוואַלדן פון די פאַר־שיידענע עופות. פעדערן זיינען ארומגעפלויגן.

אין מיטן מאַרק איז זעליקל דער דאָרפסייד ביי א באַליע לעבעדיקע פיש געזעסן. גרינוואַרג, פרוכטן און רויטע מאַלינעס זיינען געווען פאַרשפּרייט אַרום זעליקלען.

וואָס א מאָל זיינען ניַע וועגענער אין מאַרק אָנגעקומען מיט פרישע אויבסט, קאַטשקעס, הינער, גענדז. פויערים מיט קעלב־לעך, פויערים מיט זעקלעך קאַרטאָפל, מילכיקער מיט פוטער און אייער, קעז און מילך. און דער גאַנצער מאַרק איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם ריח, וואָס די פרוכטן האָבן ארויסגעגעבן.

מאָטקע איז אָנגעקומען צו די שטעלן פון אויבסט און אויפ־געקליבן פון צווישן די שטיינער די פאַרפוילטע עפּל און ווערעמ־דיקע פלוימען, וואָס האָבן זיך ארומגעוואַלגערט. ער האָט אָבער עס ניט געקענט עסן. עס איז אים אינעווייניק קאַלט געווען, און ער האָט געציטערט.

נאָר שפּעטער א ביסל, ווען ס'האָט זיך באַוויזן די זון, און די שטיינער פון די טרעפּלעך זיינען וואַרעם געוואָרן, האָט ער זיך אויף די טרעפּלעך פון א קלייט אַוועקגעזעצט, געוואַרעמט זיך אין דער זון און אין זיך איינגעאָטעמט דעם ריח פון די פרישע פרוכטן.

דער מאַרק האָט זיך אָנגעהויבן אָנצופילן מיט יידישע ווייבער, און עס איז געוואָרן א גרויס גערודער פון מענטשן־מיילער אויסגעמישט מיט די געשרייען און קולות פון די עופות.

מאָטקע האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס, געווען דאָ ביי א קו, דאָרט ביי א קאַלב. געפּרואווט די הענט אונטער אן אייטער

אַרונטערצושטעקן, אויסצומעלקן מילך און אויסצוטרינקען. האָט אים אַ פּייער מיט אַ שטריק פון דער קו אָפּגעיאָגט.

איינער אַ קַצָב האָט קעלבלעך צוזאַמענגעקליבן פון מאַרק. האָט זיך דער אַלטער ייִד מיט זיי קיין עֵצָה ניט געקענט געבן. די קעלבלעך זיינען זיך צעלאָפן און יעדעס מאָל האָט ער אַן אַנדערס געיאָגט, וואָס איז אַריין צווישן די פורן.

מאָטקע האָט עס באַמערקט. האָט ער גענומען אַ רוט פון דער ערד און בעהאָלפן דעם קַצָב די קעלבער צונויפיאָגן.

— אָט אַזוי, העלף זיי צונויפנעמען, וועסטו קריגן אויף זעמל. טו עפּעס, יונג, העלף! — האָט דער קַצָב געשריִען צו מאָטקען.

מאָטקע האָט געהאָלפן צונויפיאָגן די קעלבער און געקראָגן דערפאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס.

ער איז צו די טישלעך צוגעגאַנגען, פרישע בולקע געקויפט און אַ צופרידענער פון מאַרק אַוועק.

שלום אש.

דאָס פּאָר-פאָלק.

מע פירט דאָס פּאָר-פּאָלק אויפן יאַריד.

דאָס איז געווען איינע פון די פינצטערע, בלאָטיקע נעכט. אַלץ איז געווען איינגעהילט אין פינצטערניש. אַלץ איז געשלאָפן שטיל. רויִק איז געווען אַרום און אַרום. איינער אַ האָן, אַ רויטער, נאָך גאָר אַ יונגיטשקער, נאָר אַ גרויסער עַזות-פָּנים, שפּרינגט אין די אויגן אַריַין. לאַכט און זינגט עפּעס אַ מאָדנע לידל:

קו-קאַ-רי-קו, לאַנגע נאָז!
מ'עט דיך פּאַקן ווי אַ האָז!
מ'עט דיך בינדן, מ'עט דיך שלאָגן,
מ'עט דיך לייגן אין אַ וואָגן,
מ'עט דיך מוטשען אָן אַ סָוף,
מ'עט דיך קוילען ווי אַן עָוף!



דאָס לידל לאָזט אויס דער רויטער האָן מיט אַ קוקאַריקו.

דער אינדיק ווערט אויפגערעגט און טוט זיך אַ לאָז צום האָן צום שייגעץ. ס'ווערט אַ רַעַש, אַ טומל, אַ געראַנגל, אַ גערודערײַ, אַ קלאַפּערײַ פון פיס, אַ שײַן פון ליכט, און קולות, ווילדע אומבאַקאַנטע קולות:

— ניט דער!.. אָט דער!.. יאָ־יאָ!.. נעמט אים!.. כאַפּט אים!.. בינדט אים!.. פּאַוואָלע די פיס!.. ברעכט אים ניט אויס קיין פיס!.. אָט אַזוי!.. פּאַרטיק? נו, ריר זיך! ריר זיך! די נאַכט שטייט ניט!.. מאַרש אין וואָגן אַרײַן!.. — און ער דערפילט געזונטע הענט, ווי אײַזערנע צוואַנגען, האַלטן אים, בינדן אים, דרייען אים צונויף די פיס, און מע טוט אים אַ כאַפּ אויף אין דער לופטן און אַ וואָרף אַרײַן אין אַ ברייטן הויכן וואָגן אַרײַן. אין וואָגן ליגט נאָך אַ נֶפֶש אַזוי ווי ער, דאַכט זיך, אַ „זײ" און ציטערט מיט אַלע אֵברים.

צוויי מענטשן דרייען זיך אַרום זיי: איינער — אָן אַ היטל, דער אַנדערער — מיט אַ קוטשמע אויפן קאָפּ. דער, וואָס אָן דעם היטל, שטייט אונטן, באַטראַכט דעם וואָגן, די רעדער, די פערדלעך. און דער, וואָס מיט דער קוטשמע, האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן.

— גיב נאָר אַכטונג, זיי זאָלן זיך בײַ דיר ניט אויפבינדן, ניט אַרויסגליטשן, ניט אַראָפּשפּרינגען. דו הערסט, צי ניין?

אזוי זאָגט דער, וואָס אָן דעם היטל, צו דער קוטשמע, און די קוטשמע ענטפערט ניט. ער דערלאַנגט אַ רעכטן שמיץ די פערד, און דער וואָגן רירט.

אויפן יאַריד.

דאָס ערשטע מאָל אויף זייער לעבן איז זיי אויסגעקומען צו זען אויף איין אָרט אזוי פיל פערד, בהמות, קעלבלעך, חזירים און מענטשן, אָן אַ שיר מענטשן! אַלערליי וואָגנס מיט אונטערגעהויבענע שטעקנס, פול מיט פאַרשיידענע סחורות, ברויט און לעבעדיקע זאַכן: הינער, געגדז און קאַטשקעס, אָנגעפּאַקט איינס אויף דאָס אַנדערע.

דאָרט, אין דער זײַט, איינער אַליין אויף אַ וואָגן, ליגט אַ געבונדענער חזיר און קוויטשעט מיט אַזעלכע משונהדיקע קולות, אַז מע קען טויב ווערן. נאָר ווער הערט אים? אַלע לויפן, אַלע ריידן, אַלע זײַנען פאַרטאַרעראַמט — ס'איז אַ יאַריד.

אהערצו האָט זיי געבראַכט צו פירן דער פויער, וואָס מיט דער קוטשמע. ער איז אַרויסגעקראָכן פונם וואָגן און גענומען באַברען זיך מיט זיי. די אינדיקעס האָבן זיך אויפגעכאַפּט, דערפילט אַ מאָדנע האַרץ-קלאַפּעניש: „וואָס וועט ער טאָן מיט זיי, אָט דער אין דער קוטשמע? אפשר אויפבינדן? באַפרײַען און לאָזן גיין, ווו די אויגן וועלן טראָגן?"

אָך, אומזיסט איז געווען זייער פרייד — ער האָט זיי נאָר אַרויסגערוקט אַ ביסל העכער. אַפּנים, אַז מע זאָל זיי בעסער קאָנען זען.

עפּעס איינע אַ גראָבע, מיט אַ טערקישער שאַל, גייט צו, טוט אַ טאַפּ אין וואָגן און אַ זאָג צו דער קוטשמע:

— דאָס האָסטו געבראַכט צו פירן דאָס פּאָר-פאָלק?

— וואָס איז דײַן עסק?

— אינדיקאַנער?

— וואָס דען, טערקן?

— וויפיל הייסטו זיך געבן פאַר זיי?

— ווו האָסטו אזוי פיל געלט?

— איך זאָל ניט האָבן קיין געלט, טאָ צוליב וואָס וואָלט איך זיך צועקגעשטעלט ריידן מיט דיר?

אָט אזוי שמועסן זיך דורך די טערקישע שאַל מיט דער קוטשמע, און עס גייט אַוועק בײַ זיי אַ דינגעניש אויף לאַנג. דער מיט דער קוטשמע איז קאַלט ווי אײַז, די טערקישע שאַל היצט זיך, שפּרינגט אָפּ אַלע מאָל און גייט אַוועק און קומט באַלד צוריק, און ווידער אַ מאָל נעמט מען זיך דינגען, אזוי לאַנג, ביז די קוטשמע ווערט אין כעס.

די טערקישע שאַל האָט שוין אַרײַנגעלייגט די הענט אין קעשענע, נעמט אַרויס געלט.

— הַכְּלָל, איז ניט ווינציקער!

— ניט ווינציקער.

— דאָס איז שוין דאָס לעצטע שֶׁבַּלעצטע!

— דאָס לעצטע שֶׁבַּלעצטע.

— אֶפְשָׁר... שאַ, שאַ! זע נאָר אַ רציחה פון אַ מענטשן! נאַ דיר געלט, נאַ!

און דאָס פּאָר-פּאָלק גייט איבער פון דעם מיט דער קוטשמע צו דער גראָבער מיט דער טערקישער שאַל, דאָס הייסט, פון איין געפענקעניש אין אַנדערן.

אונטערן אויוון.

ווי באַלד מע האָט זיי געבראַכט אויפן נײַעם אָרט, אַזוי האָט מען זיי באַלד אויפגעבונדן, און מיט פרייד האָבן זיי דערפילט די ערד אונטער זיך. זיי האָבן גענומען אויסגלײַכן זיך די ביינער און אַרומשפּאַנען הין און צוריק, אויספּרוּוון, אויף די פיס דינען זיי נאָך. פאַר גרויס שימחה האָבן זיי גאָרניט באַמערקט, אַז זיי זײַנען נאָך גאַנץ ווײַט פון דער אֶמֶתער פרײַהײַט. ערשט אַ מינוט שפּעטער האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט, אַז זיי זײַנען אין געפענקעניש. מע האָט זיי אַרײַנגעלאָזט ערגעץ אין אַ פינצטערן ווינקל. פון איין זײַט — אַ וואַרעמער אויוון, פון דער אַנדערער זײַט—אַ קאַלטע וואַנט און פון פאָרנט אָפּגעצאַמט מיט אַן איבערגעקערטן לייטער. און עסן האָט מען זיי אָוועקגעשטעלט, און טרינקען, און מע האָט זיי איבערגעלאָזט איינע אַליין.

באַטראַכט זייער נײַע וווינונג, האָבן זיי זיך אָוועקגעשטעלט איינס קעגן אַנדערן אָנגעבלאָזן, ווי געווײַנטלעך ווילד-פרעמדע, געקוקט און אויסגעדרייט זיך איינס צום אַנדערן מיטן הינטן און צעגאַנגען זיך, ער—אין איין ווינקעלע, זי—אינעם אַנדערן.

עס עפנט זיך די טיר און עס רײַסן זיך אַרײַן פון דרויסן ווי אַ שטורעמווינט, ווי אַ גאַנצער פאָלק סאָלדאַטן, חֶבְרָה קליינוואַרג, קונדייסים, מיט רויטע בעקלעך און מיט שוואַרצע אייגלעך. זיי טוען זיך אַ לאָז אַלע מיט אַ מאָל צום אונטערן אויוון.

— אַנו? וווּ זײַנען זיי? ווו? אָטאָ זײַנען זיי, אָט-אָט-אָט! עין יאַנקל, בערל! וועלוול! עלי! געצל! גיכער! גיכער!

און דאָ הייבן זיך אָן פאַר אונדזער פּאָר פּאָלק די אֶמֶתע צָרוֹת. חֶבְרָה קליינוואַרג זײַנען אָנגעפאַלן אויף זיי ווי די ווילדע, גענומען טאַנצן און שפּרינגען אַרום זיי, באַטראַכטן זיי פון אַלע זײַטן.

— יאָסל, זע נאָר אַ נאָז! כאַ־כאַ־כאַ.

— אַ נאָניע! בערל! אַ נאָניע!

— וועלוול! טו אים אַ צי ביי דער נאָז!

— ביים שנאָבל, עלי! אָט אַזוי אָ!

— שטאַרקער, געצל, לאָז ער אָנהייבן שרייען!

— איר זייט אַלע נאַראָנים! שרייען—שרייען זיי נאָר דעמאָלט, ווען מע פייפט זיי. זיי האָבן פיינט, אַז מע פייפט זיי. אַ סימן האָט איר, אָט הייב איך אָן פייפן: פיו!

דאָס פאָר־פאָלק בלאָזן זיך אָן, ווערן רויט, לאָזן אַראָפּ די נעז און שרייען אויס ביידע מיט אַ מאָל:

— האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר!

חֶברָה קליינוואַרג כאַפּן אונטער אַלע אין איינעם מיט אַ ווילדן געלעכטער:

— האַלט דיר! נאַ דיר! נעם דיר!

דאָס פאָר־פאָלק ווערט נאָך מער אָנגעצונדן און שרייט נאָך העכער:

— האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר!

דאָס געפעלט דער חֶברָה קליינוואַרג דווקא זייער שטאַרק. זיי האַלטן זיך ביי די זייטן פאַר געלעכטער און שרייען נאָך העכער:

— האַלט דיר! נאַ דיר! נעם דיר!

פון אַזאַ מין ווערט איבערשרייען איינע די אַנדערע ווערט די שטוב אָנגעפילט מיט אַזעלכע קולות, אַז עס קומט צו פליען די טערקישע שאַל, כאַפּט אָן חֶברָה קליינוואַרג פאַרן קאַרק און שלײַדערט זיי אַרויס איינציקווייז פון שטוב און טיילט זיי נאָך איין דערביי אַ פּאָר גוטע סטוסאַקעס און לאָזט אויס מיט אַ קְלָלָה:

— אַ שלאַק זאָל אויף אייך קומען!

פּטור געוואָרן פונם דאָזיקן גָלות, האָט אונדזער פאָר־פאָלק ניט געקאָנט קומען צו זיך. די ווילדע געשרייען מיטן פייפן, מיטן געלעכטער פון די קליינע ווילדע נפשות זיינען נאָך לאַנג געשטאַנען און געהילכט זיי אין די אויערן.

שלום-עליכם.

דער טויטער אֶתרוג.

מײַן טאַטע זאָגט, אַז הײַנטיקן סוכּות וועט ער קױפֿן אַן אתרוג.

געקומען אין חדר, קאָן איך זיך נישט אײַנהאַלטן און פּויק אויס, אַז הײַנטיקן יום-טוב וועלן מיר האָבן אַן אתרוג, אַן אייגענעם אתרוג!

נאָר קיינער וויל מיר נישט גלויבן.

– וואָס זאָגט איר אויף זײַן טאַטן? – ריידן ייִנגלעך צווישן זיך – אַזאַ קאַסריליק, אַזאַ אָרעמאַן גלוסט זיך אויך אַן אתרוג! ער מיינט, אַפּנים, ס'איז אַ לימענע, אַן עפּל פֿאַר אַ גראָשן!...

ווי איבערראַשט אָבער בין איך געוואָרן, ווען קומענדיק אַהיים טרעף איך רבֿ הענזל דעם שוחט זיצן מיטן פֿאָטער בײַם טיש, און פֿאַר זיי שטייט אַ קעסטל מיט אתרוגים, וואָס לאָזן זיך הערן מיט זייער גן-עדן-ריח איבער דער גאַנצער שטוב.

רבֿ הענזל דער שוחט לייגט פֿונאַנדער די גאַנצע קראָם זײַנע, קלײַבט אויס אַן אתרוג, טראָגט אים צו דעם טאַטן מיט צוויי פֿינגער און הייסט אים באַטראַכטן.

– אָט דעם אתרוג זאָלט איר נעמען, רבֿ משה-יאַנקל, וועט איר האָבן הנאה...

– אַ קאַרפֿירער? – פֿרעגט דער טאַטע און באַטראַכט דעם אתרוג פֿון אַלע זײַטן, ווי מע באַטראַכט אַ בריליאַנט, און די הענט ציטערן אים פֿאַר פֿרייד.

– נאָך אַ מין קאַרפֿירער! – מאַכט דער שוחט.

דער טאַטע שפּיגלט זיך אינעם אתרוג, שמעקט אים, קאָן זיך אין אים ניט אָנקוקן, רופֿט צו די מאַמען און ווײַזט איר מיט אַ גליקלעך שמייכעלע אויפֿן אתרוג, ווי מע ווײַזט אָן אויף אַ צירונג, אָדער ווי אויף אַ שיין קינד אַ טרייסט.

די מאַמע גייט צו, שטרעקט אויס די האַנט פֿאַוואָלינקע, וויל נעמען דעם אתרוג. גיט מען איר נישט. – „פֿאַוואָלינקע מיט די הענט! אַ שמעק, אויב דו ווילסט"...

די מאַמע באַנוגנט זיך כאָטש מיט אַ שמעק. מיר גיט מען אַפֿילו קיין שמעק אויך ניט טאָן! מיך לאָזט מען אַפֿילו ניט צו, איך זאָל ניט שטיין צו נאָענט, איך זאָל גאָרניט קוקן אַפֿילו, וואָרעם ס'איז אַ געפֿאַר.

– שוין, אָט איז ער דאָ! – זאָגט די מאַמע – אָט לאָז אים נאָר צו, בײַסט ער באַלד אָפּ דעם פּיטום פֿון אתרוג!...

– לאָז גאָט היטן! – זאָגט דער טאַטע.

רבֿ הענזל שענקט זיי אַביסל קלאָטשע אויף אײַנצוּוויקלען דעם אתרוג, און דער ריח צעגייט זיך אין אַלע ווינקעלעך...

ווי אַ בריליאַנט, ווי אַ זעלטענעם שטיין, וואָס מע האָט איבערגעגעבן באַהאַלטן און אָפּהיטן ווי דעם שוואַרצאַפּל פֿונם אויג, אַזוי האָט מען גענומען דעם שמעקעדיקן אתרוג, אײַנגעהילט אין קלאָטשע, ווי מע הילט אײַן אַ ציטעריק קינד, אַן איינאיינציקס, ס'זאָל חלילה ניט צוקילן דאָס העלדזל, און מע האָט פֿאַוואָלינקע אויסגעבעט און באַגלייט

אין אַ שײנער קײַלעכדיקער הילצערנער געטאָקטער, געפּאַרבטער פּושקע פון צוקער. דעם צוקער האָט מען געבעטן מחילה, און דעם אתרוג האָט מען אַרײַנגעבעטן ווי אַ ליבהאַרציקן גאַסט: — בּרוך הבּא, רבֿ אתרוג! אַרײַן, אַרײַן, אין פּושקע אַרײַן!..

די פּושקע האָט מען פּאַוואָלינקע צוגעדעקט מיטן דעקל, אַרײַנגעשטעלט אין דער גלעזערנער שאַפע, צוגעמאַכט דאָס טירל און אַ גוטן טאָג!

— איך האָב מורא, דער ווײַסער חבֿרהניק זאָל זיך ניט דאַביוען צו דער שאַפע חלילה און נישט אָפּבײַסן דעם פּ י ט ו ם פונעם אתרוג!..

אַזוי טוט אַ זאָג די מאַמע נאָך אַ מאָל און נעמט מיך פאַר אַ האַנט, שלעפּט מיך אָפּ פון דער שאַפע.

ווי אַ קאַץ, אַז זי דערשמעקט פּוטער, שפּרינגט אַראָפּ פון פּריפּעטשיק, גלײַכט זיך אויס דעם רוקן, הייבט זיך אָן אַרומדרייען, רײַבן זיך, קוקן איטלעכן באַזונדער אין די אויגן אַרײַן און באַלעקן זיך, אַזוי האָב איך, נעבעך, אַ היפּשע צײַט זיך אַרומגעדרייט לעבן דער שאַפע, אַרײַנגעקוקט אינעם גלעזערנעם טירל, געשמייכלט צו דער פּושקע מיטן אתרוג אַזוי לאַנג, ביז די מאַמע מײַנע האָט דאָס דערזען. האָט זי אַ זאָג געטאָן דעם טאַטן, אַז דער ווײַסער חבֿרהניק האָט חשק זיך דאַביוען צום אתרוג און אָפּבײַסן דעם פּיטום...

— אין חדר אַרײַן, דו שקאָץ אײנער, ניט געדאַכט זאָלסטו ווערן!...

איך בייג אײַן דעם קאָפּ, לאָז אַראָפּ די אויגן און גיי אין חדר אַרײַן.

ב.

די עטלעכע ווערטער, וואָס די מאַמע האָט אַ זאָג געטאָן דעם טאַטן מכּוח דעם פּיטום פונעם אתרוג, זײַנען געווען פאַר מיר, קען מען זאָגן, אַ סם המוות, אַ גיפט אין די ביינער אַרײַן.

פון יענער מינוט אָן האָט זיך דער „פּיטום פונעם אתרוג״ באַזעצט בײַ מיר אין מוח, נישט אַרויסגעקראָכן פון מײַנע געדאַנקען אויף קיין מינוט, בײַ נאַכט געקומען צו חלום, געטאָרעט מיך, געשלעפּט פאַר אַ האַנט:

— „דו האָסט מיך נישט דערקענט, נאַרישו? דאָס בין איך, איך!...״

איך קער זיך איבער אויף דער אַנדערער זײַט, קרעכצע און ווער אַנטשלאָפן. טאָרעט מען מיך ווידער:

„שטיי אויף, נאַרישו! גיי עפן אויף די שאַפע, נעם אַרויס דעם אתרוג און בײַס מיך אָפּ, וועסטו זיך מחיה זײַן!...

•

איין מאָל אין אַ שײנעם פרימאָרגן, אַז איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איך דערזען, אַז איך בין אײנער אַליין, אײנער אַליין אויף דער גאַנצער שטוב. דער טאַטע איז אין געשעפט, די מאַמע אין מאַרק, די דינסט פּאָרעט זיך אין קיך.

— „אַלע אַוועק, נישטאָ קיין לעבעדיקער מענטש!..״ — טראַכט איך זיך און כאַפּ אַ קוק אַהין אין דער שאַפע אַרײַן, דורך דעם גלעזערנעם טירל, און דערזע די פּושקע. זי ווינקט צו מיר, רופט מיך, מאַכט מיט אויגן: „אַהער! אַהער, בּחורל!..״ פּאַוואָלינקע, פּאַמעלעך גיי איך צו צו דער שאַפע, עפן אויף דאָס גלעזערנע טירל, נעם אַרויס־

די פושקע, די שיינע קײַלעכיקע הילצערנע געטאָקטע געפּאַרבטע פּושקע. איך עפן אויף דאָס דעקל, און איידער איך דעק נאָך אָפּ די קליאַטשקע פונעם אתרוג, טוט מיר אַ זעץ אין נאָז אַרײַן אַ ריח, אַ שטאַרקער, שאַרפער ריח, אַ גן־עדן־ריח! און איידער איך קוק זיך אַרום, איז שוין דער אתרוג בײַ מיר אין האַנט און דער פּיטום טוט מיר אַ שפּרונג אין די אויגן אַרײַן.

– ווילסט האָבן הנאָה? פּילן אַ טעם גן־עדן? נעם בײַס מיך אָפּ! האָב קיין מורא ניט, נאַרישו! קיינער וועט ניט וויסן, קיין בן־אָדם וועט ניט זען! קיין פויגל וועט ניט אויסזאָגן! . . . .

. . . .

וואָס איז געווען, ווילט איר וויסן? איר ווילט וויסן, צי איך האָב אָפּגעביסן דעם פּיטום פונעם אתרוג? צי איך האָב זיך אײַנגעהאַלטן, ניט אָפּגעביסן דעם פּיטום פונעם אתרוג? . . . איך וואָלט וועלן וויסן, וואָס וואָלט איר געטאָן אויף מײַן אָרט, ווען מע זאָל אײַך אָנזאָגן צען מאָל, איר זאָלט זיך ניט דערוועגן אָפּבײַסן דעם פּיטום פונעם אתרוג? איר וואָלט ניט וועלן וויסן, וואָס פאַר אַ טעם עס האָט אַ פּיטום פון אַן אתרוג? איר וואָלט ניט געפאָלגט אויף דער עצה וואָס איך: אָפּבײַסן און צוריק צוקלעפּן מיט שפּײַעכץ? איר קאָנט מיר גלויבן אָדער ניין, דאָס איז אײַער זאַך, נאָר בנאמנות שווער איך אײַך, אַז איך ווייס אַליין ניט, ווי דאָס איז געשען: נאָך איידער דער אתרוג איז געווען בײַ מיר אין די הענט, איז שוין דער פּיטום געלעגן בײַ מיר צווישן די ציין...

ג.

דעם טאָג פון ערב סוכות האָט זיך דער טאַטע געאײַלט קומען פאַר פרי און האָט זיך באַשעפטיקט מיט אויסבינדן דעם לולב, צונויפקלײַבן די פיר מינים און צוגרייטן אַלצדינג אויף דעם שענסטן אָרט. דעם צוגעקליבענעם אויסגעפּוצטן לולב האָט ער אָוועקגעשטעלט גאַנץ אויבנאָן אין אַ ווינקעלע, אַ ביסל אים צוגעשפּאַרט אויף אַ זײַט און מיר האָט מען אָנגעזאָגט למען השם, איך זאָל זיך ניט דערוועגן צורירן צום לולב. נאָר ס'איז געווען אומזיסט דאָס אָנזאָגן. איך האָב געהאַט מײַנע אייגענע צרות: סטײַטש דער פּיטום! דער פּיטום! צו וואָס האָב איך געדאַרפט אָפּ־בײַסן דעם פּיטום? וואָס איז מיר דערפון אַרויסגעקומען? וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ פּיטום פון אַן אתרוג, אַז בסך־הכּל איז ער גאָר פּע–גאָר ביטער ווי גאַל, אַ בייזע וויסטע חלשות! אומזיסט, אומנישט קאַליע געמאַכט אַ פּרי, געפּסלט אַן אתרוג!... און אַז דער אתרוג איז געפּסלט – דאָס בין איך שוין געוואָרן אין חדר פון מײַנע חברים. פרעגט זיך אַ קשיא: צו וואָס האָט דאָס מיר געטויגט? צו וואָס האָב איך דאָס געדאַרפט?... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב גענומען אַ לעבעדיקע זאַך, אָפּגעביסן דאָס קעפּל און צוגענומען בײַ איר דאָס חיות: פאַר וואָס? פאַר ווען?

בײַ נאַכט אין שלאָף איז דער אתרוג געקומען צו מיר צו חלום און געטאָרעט און געשלעפּט פאַרן אַרבל, געוועקט מיך און געטענהט: „וואָס האָסטו געהאַט צו מיר, דו שייגעץ איינער?... פאַר וואָס האָסטו אָפּגעביסן מײַן פּיטום? איך בין דאָך שוין איצטער פּסול, פּסול!...“ איך קער זיך איבער אויף דער אַנדערער זײַט, קרעכצע און ווער אַנטשלאָפן. טאָרעט מען מיך ווידער: „קוילער! וואָס האָסטו געהאַט צו מײַן פּיטום? צו מײַן פּיטום? צו מײַן פּיטום“?...

ד.

געקומען דער ערשטער טאָג סוכות. נאָך דעם בײַנאַכטיקן פּראַסטל איז אויפגעגאַנגען די זון אויפן לויטערן בלויען הימל און באַגאָסן די ערד מיט אַ פּאַרשפּעטיקטער וואַרעמקייט פון אַ שטיפמאַמע... דעם טאָג האָט זיך דער טאַטע געפעדערט אויפצושטיין פאַר פרי, איבערקוקן די קריאה, איבערזינגען זי מיט דעם באַקאַנטן שיינעם יום־טובדיקן ניגון. דעם טאָג האָט זיך אויך די מאַמע געפעדערט צו די יום־טובדיקע פיש מיט די יום־טובדיקע פאַרפל, מיטן יום־טובדיקן מערנצימעס. דעם טאָג האָט זיך אויך זלמן דער סטאָליער געפעדערט אָפּבענטשן אתרוג בײַ אונדז אין דער סוכּה פריִער פאַר אַלעמען, בכדי ער זאָל קאָנען טרינקען טיי מיט מילך און זיך אָנטאָן ווילטאָג לכבוד יום־טוב.

– זלמן בעט דעם לולב מיטן אתרוג – מאַכט די מאַמע צום טאַטן.

– עפן אויף די שאַפע, נעם אַרויס די פושקע, נאַר פאַוואָלינקע! – זאָגט צו איר דער טאַטע און אַליין שטעלט ער צו אַ בענקל צו דער שאַפע און נעמט אַראָפּ דעם לולב און איז זיך אַליין מטריח מיט אים אין סוכּה אַריין מכבד צו זײַן דעם סטאָליער מיט דער מיצווה.

– נאַט, בענטשט אתרוג – מאַכט ער צום סטאָליער – נאַר פאַוואָלינקע, למען־השם פאַוואָלינקע!...

זלמן דער סטאָליער, אונדזער שכן, איז קיין עין־הרע אַ ייִד אַ גיבור און האָט צוויי הענט, וואָס איטלעכער פינגער פון זיי וואָלט געקאָנט אָוועקלייגן דרײַ אַזעלכע לייבעלעך ווי איך. אויף יעדן גראָבן פינגער איז בײַ אים פאַראַן אַ נאָגל, תּמיד פאַרפּאַפּט און תּמיד רויט פון לאַק. און מיט דעם נאָגל אַז ער פירט דורך איבער אַ ברעט, בלײַבט אַ טיפער סימן אויסגעקריצט ווי מיט אַ שאַרף פון אַן אײַזן...

לכבוד יום־טוב האָט זלמן אָנגעטאָן אַ ווײַס העמד מיט אַ נײַער קאַפּאָטע און האָט אין באָד זיך לאַנג געזייפט די הענט מיט זייף און מיט זאַמד און נישט געקאָנט אָפּזייפן זיך: די הענט זײַנען געבליבן פאַרפּאַפּט, און די נעגל רויט פון לאַק ווי פריִער.

אָט אין די הענט איז אַרײַנגעפאַלן דער ציטערדיקער שמעקעדיקער אתרוג.

ניט אומזיסט האָט זיך דער טאַטע אַזש אַ וואָרף געטאָן, בשעת זלמן דער סטאָליער האָט אַ נעם געטאָן דעם אתרוג, אַ רעכטן קוועטש געטאָן אים און אַ גוטן טרייסל געטאָן מיטן לולב.

– פאַוואָלינקע! פאַוואָלינקע! – זאָגט צו אים דער טאַטע און ציטערט איבערן אתרוג – אָט איצט קערט, זײַט מוחל, איבער דעם אתרוג מיטן פיטום אַראָפּ און זאָגט, „שהחיינו", נאַר פאַוואָלינקע! פאַוואָלינקע! למען השם פאַוואָלינקע!

פלוצלונג האָט זיך דער טאַטע געגעבן אַ וואָרף און אַ געשריי ניט מיט זײַן קול: „אוי"!

אויף זײַן געשריי איז געקומען צו לויפן אין סוכּה אַרײַן די מאַמע.

– וואָס איז, משה יאַנקל? גאָט איז מיט דיר?!

– גראָבער יוגגאַטש! עם הארץ! – האָט ער זיך צעשריִען אויפן סטאָליער און איז גרייט אים דורס צו זײַן מיט די אויגן – ווי אַזוי איז מען אַזאַ גראָבער יונגאַטש?

אזא עם הָאַרץ? אַן אֶתרוג איז דען אַ האַק? צי אַ דאָלעטע? צי אַן עקבויער? איר האָט דאָך מיר איבערגעקוילעט דעם האָלדז אַן אַ מעסער! איר האָט מיר געפּסלט דעם אֶתרוג! אָט ליגט דער פּיטום, אָט נאָט זעט, גראַבער יונגאַטש! עם הָאַרץ וואָס איר זײַט!..

אַלע זײַנען מיר מיט אַ מאָל טויט געוואָרן. זלמן סטאָליער איז געשטאַנען אַ טויטער, ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי האָט זיך עס אים געטראָפן אַזאַ מין אומגליק, פון וואַנען האָט זיך דאָס גענומען, וואָס דער פּיטום איז אָפּגעשפּרונגען... ער חאַט, דאַכט זיך, געהאַלטן דעם אֶתרוג פון דער גרינג, קוים, מיט די שפּיץ פינגער! אַן אומגליק! אַזאַ אומגליק!...

•

די מאַמע איז געווען טויט, געבראָכן די הענט.

און איך? איך ווײַס ניט: צי זאָל איך טאַנצן פאַר פרייד, וואָס גאָט האָט מיט מיר געטאָן אַזאַ נֵס, אויסגעלייזט פון אַזאַ צָרָה, פון אַזאַ אומגליק? צי איך זאָל וויינען אויפן טאַטנס יסורים און אויף דער מאַמעס טרערן? צי זאָל איך אַרומכאַפּן זלמן דעם סטאָליער און אים קושן די גראָבע הענט מיט די פאַרפּאַפּטע פינגער מיט די רויטע נעגל דערפאַר, וואָס ער איז געווען מײַן שָליח, מײַן גוטער שָליח, מײַן אויסלייזער?... איך טו אַ קוק אויפן טאַטנס פּנים, אויף דער מאַמעס טרערן, אויפן סטאָליערס הענט, אויפן אֶתרוג, וואָס וואַלגערט זיך אויפן טיש אַ טויטער, געל ווי וואַקס, אָן אַ פּיטום, אָן אַ טראָפּן חיות, אַ מֵת, אַ טויטער נֶפֶש...

– אַ טויטער אֶתרוג! – זאָגט דער טאַטע מיט אַן אונטערגעבראָכענער שטימע.

– אַ טויטער אֶתרוג! – זאָגט אים נאָך די מאַמע מיט טרערן אין די אויגן.

– אַ טויטער אֶתרוג! – זאָגט זיי נאָך זלמן דער סטאָליער און קוקט זיך אין די הענט אַרײַן.

– אַ טויטער אֶתרוג – זאָג איך מיט אַ פריילעכן טאָן און פאַרכאַפּ זיך, וואָרעם איך ווייס דאָך יאָ, אַז דאָס בין איך, לייבל, געווען דער גַזלָן, דער קײַלער, דער רוצח פונעם אֶתרוג!...

הַאַרבּסט.

שאָרך, שאָרך... טריפּ, טראָפּ...
און אַ בלעטל פאַלט. און אַ רעגן שפּריצט.
שאָרך, שאָרך... טריפּ, טראָפּ...
נעפּלדיק און קאַלט. זומער גוֹסט איצט.

שאַ, שאַ...
טויט איז אַלץ אַצינד,
שאַ, שאַ,
הערסט, עס וויינט דער ווינט!...

י. טיכבערג

••••••

געלע בלעטער פליִען.



הארבסט.

געלע בלעטער פליִען,
פליִען אויפן ווינט;
און די וואָלקנס ציִען
ערגעץ חוּ געשווינט.

וועלקט דאָס לעצטע בלימל
אויפן הוילן פעלד —
און דער גרויער הימל
טרויערט אויף דער וועלט.

פאַלן פון די וועלדער
בלעטער אויפן וועג;
נעפּלדיקע פעלדער,
אומעטיקע טעג...

נחום י.

אויפן פעלד.

אויפן פעלד
ווייט א קעלט,
יאָגט א ווינט א בייזער.
און ער בייגט,
און ער לייגט
צו דער ערד די גרעזער.

שטיל, מיט וויי
פאַלן זיי
צו דער ערד אַנידער.

ווי גערעדט:
ס'איז שוין שפּעט,
ס'העלפט ניט זיין דערווידער.

אויס, פאַרבײַ
איז דער מײַ
און דער ליבער זומער.
סומנע, קאַלט,
און עס פאַלט
אויפן האַרץ אַן אומער.

אברהם רייזען.

פאַר דער גרויסער רייזע.

וואָס זיינען עפּעס די שוואַלבן אַזוי אומרויִק געוואָרן? זיי זיינען אויפגערעגט און האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גרויסע מַחנות.

אין אַ לאַנגער ענגער שורָה זיצן זיי אויפן פלויט פון דעם שולהויף אֶפשר הונדערט. ניין — טויזנט! צוויי טויזנט!

און כּסדר קומען צו נייע, פון אַלע נעסטן פון דאָרף. אויך אין דער לופטן זיינען זיי פול. אין שיינע בויגנס קרייזן זיי אַרום דעם טורעם, פליען פריילעך אַרויף צום הימל ביז אין די וואָלקנס אַריין, וואַרפן זיך אין האַסטיקן פאַל צוריק אַראָפּ, שוועבן לאַנגזאַם צום דאַך צו, אַ ווײַלע צו רוען, הייבן זיך דאַן ווידער אויף, און צוריק צו דער מַחנֶה. זיי פוצן פלייסיק מיט די שנעבעלעך די פעדערן, פּאַקן מיט די לאַנגע שפּיציקע פליגלען, שטרעקן זיך אויס אויף דער וואַרעמער האַרבסטיקער זון און ריידן אַרום טויזנטערליי זאַכן.

אַ געמורמל, אַ צוויטשעריי הענגט אין דער לופטן.

— עס זאָל נאָר זיין אַ גוט וועטער!

— שוין דאָס צווייטע מאָל, ווי איך מאַך די רייזע!

— דאָס ערגסטע זיינען די פייגלכאַפּער!

— איך בין שטאַרק פאַרזאָרגט וועגן מיין יינגסטן. דער רעכטער פליגל איז ביי אים אַ ביסל שטייף.

— שיין איז דאָס גרויסע בלויע וואַסער, אָבער אויך געפערלעך!

— מיר טוט אַזוי וויי דאָס האַרץ צו פאַרלאָזן מיינע באַלעבאַטים!

• • •

און אויף מאָרגן... ווו זיינען זיי, אונדזערע שוואַלבן? ווייט-ווייט אַוועק אויף דעם וואַנדערפלי, אין פרעמדן וואַרעמען לאַנד.

— ווי אָבער וויסן זיי, אַז ס'איז צייט צו רייזן? ווער האָט זיי צונויפגערופן צו דער גרויסער האַרבסט-פאַרזאַמלונג אויפן שולהויף? ווער ווייזט זיי דעם וועג איבער באַרג און טאָל, איבער וואַלד און פעלד, איבער לאַנד און יַם, דורך נאַכט און ווינט און נעפּל?

וווּנדער איבער וווּנדער!

שטיל שטייען מיר און קוקן אויף די פוסטע נעסטן אונטערן דאַך, עס קלעמט אַזוי דאָס האַרץ...

— פליט אייך, איר וואַנדער-פייגעלעך. אַ גליקלעכן וועג אייך, איר שוועלבעלעך! האָט גליק אין ווייטן לאַנד!

און קומט צוריק, קומט צוריק!

פּריץ אַסט.

אַ האַרבסטיקע עקסקורסיע.

אין וואַלד איז שטיל. קיין לעבעדיק באַשעפעניש. גלײַך בײַם אַרײַנגאַנג דערזעען מיר שפּינוועבס, וואָס איז איבערגעצויגן איבער די ביימער אין דער לופטן, נאָר דעם באַלעבאָס פון דידאָזיקע לופטוועגן, די שפּין, זעט מען ניט.

אַן איבערגעשראָקענע קראָ האָט זיך צעקראַקעט, און פון איר גרילצנדיקן קול איז געוואָרן אומהיימלעך.

אַן אַלטער קאָרטש סטאַרטשעט אַרויס פון דער ערד, און אַרום אים ליגן די געלע בלעטער פון דעם פעדערגראָז, ווי מיט זשאַווער באַדעקטע.

די אונטערגעפוילטע קאָרע נעמט זיך לייַכט אַראָפּ שטיקערווײַז. פון אונטער איר צעלויפן זיך בײַם אַראָפּנעמען צערודערטע מוראַשקעס. טיף אין דער ערד, אונטערן וואָרצל, ציען זיך די געדרייטע ווינונגען פון אָט די קלײנינקע באַשעפענישן.

אַז מע קוקט זיך גוט צו, זעט מען, אַז דער וואַלד איז גאָרניט אָפּגעשטאָרבן: ער האָט זיך נאָר ווי פאַרטײַעט.

פּלוצים לאָזט זיך הערן דאָס פרײלעכע צווידטשען פון קליינע בלויערלעך, וועלכע היפּן אַרום אויף די נאַקעטע צווײַגן. מיט וווּנדערלעכער פלינקייט שפּרינגען זיי איבער פון איין צווײַגל אויפן צווייטן און באַטראַכטן יעדן בוים. זיי שרעקן זיך ניט פאַר אונדז. נאָר אָט האָט זיך איין בלויערל אַ לאָז געטאָן פונעם בוים, און די גאַנצע מחנה איז אים נאָכגעפלויגן און פאַרשוווּנדן געוואָרן אויף יענער זײַט וואַלד.

אויף אַ גערונצלטן שטאַם פון אַ בוים זעען זיך פון אויבן ביז אַראָפּ שפּאַלטן. אין די שפּאַלטן געפינען מיר קליינע קנײַלכעלעך. דאָס זײַנען קאָקאָנעס. אין די קאָקאָנעס זײַנען פאַרבאָרגן לאַרוועס, וועלכע זעען אויס ווי טויט. נאָר די באַוועגונג פון פאַרשפּיצטן בײַכעלע באַווײַזט, אַז זיי לעבן. אין אַ צווייטן שפּעלטל האָט זיך פאַרבאַהאַלטן פון קעלט אַ פליגעלע, און עס ליגט צוגעפּעסטיקט מיט זײַנע פאַרבליווערטע פיסעלעך צום שטאַם ביזן אָנקומען פון פרילינג. וויפיל נאָך לעבעדיקע באַשעפענישן געפינען זיך אַרום און אַרום! און אויב עס דאַכט זיך, אַז אַלץ איז טויט, איז עס נאָר דערפאַר, ווײַל מע קען ניט גענוג אויפמערקזאַם זוכן און באַמערקן.

מיר גייען צו דער סאַזשלקע. דאָס וואַסער גלאַנצט ווי אַ שפּיגל, און עס שפּיגלען זיך אָפּ אין אים די ברעגיקע געוויקסן. מיר לאָזן אַראָפּ אונדזערע פאַנגזעקעלעך אין וואַסער. בײַם אַרויסנעמען פרירן די הענט. אָבער אַלץ ווערט פאַרגעסן, ווען מיר דערזעען אין פאַנגזעקעלע אַ גאַנצן אוצר. אויפן דעק פון זאַנגזעקל האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַ קאָרעסל. אין אַ מינוט אַרום שווימט ער זיך גאַנץ רויִק אַרום אין אונדזער סלוי. צווישן די וואַסערגראָזן וואַרפט זיך אַ זשוק, אַ שווימער. ער וויל זיך מיט אַלע כּוחות אַרויספּאַקן פון געפענקעניש, נאָר עס גיט זיך אים ניט אײַן.

מע דאַרף גיין אין שול און נענטער באַקענען זיך מיט די געפאַנגענע ברואימלעך.

דער פרעמדער.

קאַלט און פינצטער איז די נאַכט.
טיר און טויער צוגעמאַכט.

פענצטער בלינדע אָן אַ שײַן
שטאַרן אין דער נאַכט אַרײַן.

קאַלט און פינצטער, קאַלט און שפעט,—
שלאָפט זיך יעדער אין זײַן בעט.

שלאָפן שלאָפט נאָר ניט דער ווינט
און די בילנדיקע הינט.

אויך דער פרעמדער שלאָפט נאָך ניט.
און מיט האַקלדיקע טריט,

און אין שמאַטעס שטיק אויף שטיק,
און פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק,

מיט אַ טאָרבע אויף די הענט, —
שאַרט ער האַרט זיך בײַ די ווענט.

זעט ער ווײַט אַ פאַלאַץ שטיין.
לאָזט ער זיך צום פאַלאַץ גיין.

ביז עס קרייט דער ערשטער האָן,
קלאַפט ער אין דעם פאַלאַץ אָן:

טוק-טוק-טוק!—ווער קלאַפט אין טיר?
— „גוטע מענטשן, עפנט מיר!

איך בין עלנט אויף דער וועלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט...״

טוק-טוק!..—„פרעמדער, גיי אַוועק!
אונדזער קליינעס קינד ניט וועק!

זאַט און וואַרעם אין ליו-ליו
שלאָפט זיך אונדזער קינד אין רו...״

בייגט דער פרעמדער אײַן דעם קאָפ.
קערט זיך פון דעם פאַלאַץ אָפ.

זעט ער ווײַט אַ שטיבל שטיין.
לאָזט ער זיך צום שטיבל גיין.

ביז עס קרייט דער ערשטער האָן,
קלאַפט ער אין דעם שטיבל אָן:

טוק-טוק-טוק!—ווער קלאַפט אין טיר?
— „גוטע מענטשן, עפנט מיר!

איך בין עלנט אויף דער וועלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט...״

און דער פרעמדער וואַרט ניט פיל,
עמעץ שאַרט זיך אין דער שטיל

בײַ דער טיר און בײַ דעם שלאָס.
ס'קומט אַרויס דער באַלעבאָס:

—„פרעמדער, פרעמדער, קום אַרײַן,
וועסט מײַן גוטער אורח זײַן.״

און דער פרעמדער בייגט זיך אײַן,
קריכט אין שטיבל קוים אַרײַן.

קומט אַרײַן און אָטעמט שווער,
קוקט אַהין און קוקט אַהער,

און ער זאָגט אַרויסעט גלײַך:
— „נו, אַ פינצטערניש בײַ אײַך!״

ענטפערט אים דער באַלעבאָס:
— קויפן נאַפט ניטאָ פאַר וואָס.

—„וו-וו-ווּ, און איז בײַ אײַך דאָ קאַלט,
ממש ווי אין מיטן וואַלד!״

ענטפערט אים דער באַלעבאָס:
— קויפן האָלץ ניטאָ פאַר וואָס.

—„הייסט עס, ס'איז ניט פריילעך דאָ.
און קיין ברויט איז אויך ניטאָ?״

ענטפערט אים דער באַלעבאָס:
— קויפן ברויט ניטאָ פאר וואָס

אָך און וויי צו מײַנע זינד!
אז מײַן הונגעריקעס קינד

האָט געוויינט פאַרשמאַכטערהייט:
„טאַטע, גיב אַ שטיקל ברויט!"

און אָן כּוחות ליגט עס שטיל
איצטער אויפן הארטן דיל..."

קראַצט דער פרעמדער זיך דעם קאָפּ,
לאָזט זיך אויפן דיל אַראָפּ,

שפּרייט זײַן אַלטע טאָרבע אויס,
און ער זאָגט אַזוי אַרויס:

— „אז ס'איז פינצטער דאָ און קאַלט
מַמָש ווי אין מיטן וואַלד,

אז קיין ברויט איז אויך ניטאָ,
לייג איך מיר זיך אָט־אָ־דאָ..."

איז ווי נאָר ער זאָגט אַזוי,
טוט דער ערשטער האָן אַ קריי.

ווי עס קרייט אַזוי דער האָן,
צינדט דער לאָמפּ אַליין זיך אָן.

און דער אויוון, גוט און פײַן,
הייצט מיט האָלץ אַליין זיך אײַן.

און עס ווערט אַליין דער טיש
פול מיט טעלער, פלייש און פיש,

און מיט חלות און מיט ברויט,
ווי אויף יום־טוב צוגעגרייט.

און דער פרעמדער — אָט געווען,
אָט געווען און אָט געזען —

פּלוצלונג טוט אַ זאָג און לאַכט:
— „באַלעבאָס, אַ גוטע נאַכט!" —

און ער פליט, ווי ער איז גרויס,
דורך אַ שפּאַלט פון טיר אַרויס.

— אַי, אַי, נסים, אָדער וואָס? —
טראַכט בײַ זיך דער באַלעבאָס.

נאָר ער זעט: דער אויוון ברענט,
און דער לאָמפּ באַלײַכט די ווענט,

און דער טיש אַ פולער שטייט
מיט מאכָלים צוגעגרייט.

טראַכט דער באַלעבאָס ניט פיל,
הייבט ער אויף דאָס קינד פון דיל,

וואַשן זיי זיך, עסן פרום,
זעצן זיך בײַם טיש אַרום.

עסן זיי און לויבן גאָט
פאַר זײַן חֶסֶד און גענאָד.

און אינדרויסן פײַפט דער ווינט,
און אין פּאַלאַץ וויינט דאָס קינד.

לויפט מען איבער פּאַלאַץ אום,
און מע זוכט אַ לאָמפּ אַרום.

זוכט מען דאָרט און זוכט מען דאָ,
און קיין לאָמפּ איז אַלץ ניטאָ.

און אַלץ שטאַרקער וויינט דאָס קינד,
און אינדרויסן פײַפט דער ווינט...

און אין דרויסן פײַפט דער ווינט,
און עס בילן בייז די הינט.

נאָר דעם פרעמדן אַרט עס ניט,
און מיט וואַקלדיקע טריט,

מיט דער טאָרבע אויף די הענט
שאַרט ער האַרט זיך בײַ די ווענט.

שאַרט ער זיך אַזוי אַוועק
אין דער נאַכט, אין ווײַטן וועג.

סאַני ליב.

בײַ טאַטע-מאַמען.

בערעלע האָט צװײ מאָל געװײנט.

בערעלע ליגט אין בעט. חס-ושלום קײן סכּנת-נפשות. בײַם באָדן אַ שטאַרקן קאַטער געכאַפּט. אַ נעזל — זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען! און קען קױם רײדן. הײזעריק— װי אַ טױב.

די מוטער טרעט נישט אָפּ פון בעט. איז אָבער אױס-געגאַנגען די רעצעפּט, װאָס דער דאָקטאָר האָט פאַר-שריבן און געהײסן נאָך אַ מאָל נעמען, אױב עס װעט נישט בעסער װערן.

כאַפּט בערעלע אָן די מוטער בײַם קלײד און לאָזט זי נישט אַװעק אין דער אַפּטײק אַרײַן, בשום-אופן נישט.

דער פאָטער איז נישט אין דער הײם. די דינסט איז גראָד געגאַנגען מיט אַ פּאַק װעש אין מאַנגל, און ער לאָזט די מוטער נישט אַװעק.

און דאָ פאַלט צו דער אָװנט, מע װעט פאַרמאַכן די אַפּטײק.

בעט זיך די מוטער:

— אין צען, פופצן מינוט קום איך צוריק.

בערעלע, אַ בן-יחידל, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט — באַין-אופן נישט.

געװױנט האָבן זײ פּאַרטער. דאָס פענצטער פון שלאָפשטוב, װוּ בערעלע איז געלעגן, גײט צו דער גאַס.

גײט פאַרן פענצטער פאַרבײַ אַ הענדלער מיט לופט-באַלאָנען. מע זעט דורכן פענצטער, װי עס הײבן זיך אין דער לופטן רױטע און בלאָע לופטבאַלאָנדלעך.

— און אַז איך װעל דיר קױפן אַ לופטבאַלאָנדל?

יאָ, וועט ער לאָזן.

— אַ וואָס פאַר אַ קאָליר?

אַ רויטן וויל ער.

פּויקט די מוטער אין שויב אַרײַן. דער הענדלער בלײַבט שטיין. די מוטער לויפט צו אים אַרויס און קומט צוריק מיט אַ רויטן לופטבאַלאָן אויף אַ פאָדעם. זי גיט בערעלען איבער דעם באַלאָן.

— האַלט נאָר פעסט, בערעלע, דעם פאָדעם! — און גייט אין דער אַפּטייק אַרײַן.

די מוטער גייט אַרויס. בערעלע האַלט דעם פאָדעם פעסט און לאָזט קײַן אויג נישט אַראָפּ פון דעם באַלאָנדל, וואָס פליט אַהין און אַהער איבערן בעט. אויפן באַלאָנדל קוקנדיק ווערן אים די אייגעלעך מיד. ער האָט חשק אײַנצודרימלען. אָבער ניין! — ער וועט דעם פאָדעם פון האַנט ניט אַרויסלאָזן.

האַלט ער דעם פאָדעם אין דער רעכטער האַנט און רײַבט זיך די אייגעלעך מיט דעם פויסט פון דער לינקער האַנט, נישט, גאָט זאָל היטן, אײַנצושלאָפן...

מיד, שלעפעריק איז ער דאָך. די אייגלעך — האַלב צוגעמאַכט, אָבער דאָס שטריקעלע האַלט ער פעסט, וואָס פעסט קען זײַן.

האַלב אין דרימל איז ער דאָך, קומט אַ פליג און שטעלט זיך אים אויפן נעזל... פאַרגעסט ער זיך, כאַפּט זיך מיטן רעכטן הענטל צו דער פליג, לאָזט דעם פאָדעם אַרויס — הוש! — דאָס לופטבאַלאָנדל פליט צו דער סטעליע אַרויס און בלײַבט דאָרט ווי צוגעקלעפּט...

בערעלע איז געוויינט, מע זאָל אים פאָלגן. רופט ער צום באַלאָנדל אַרויף:

— אַראָפּ צו מיר! אַראָפּ! איך וועל דיך מֵמִיתן, אַז דו וועסט נישט פאָלגן! די ביינער צעבּרעכן!

דאָס בּאַלאָנדל פאָלגט אָבער נישט.

— איך בּין אַזוי — טראַכט ער — הייזעריק, אַז דאָס בּאַלאָנדל אין דער הייך הערט מיך נישט. און צעווײנט זיך פאַר רַחמָנות אויף זיך אַליין, וואָס ער איז אַזוי הייזעריק און שוואַך. רינען אים די טרערן אויף די בּעקלעך אַרויף, רינען און קײַקלען זיך, בּיז ער שלאָפט אײַן...

אײַנגעשלאָפן אַפָּנים איז ער זייער האַרט. די מוטער איז אַהיים געקומען—בּערל שלאָפט. שלאָף געזונטערהייט! צוליבּן רעצעפּט האָט דער דאָקטאָר נישט געהייסן וועקן.

די דינסט איז דערווײַל אַהיים געקומען. די מוטער גייט אין קיך אַרײַן, בּאַקוקט די וועש, קומט צוריק. בּערעלע, קיין עַיִן־הָרע, שלאָפט. די מוטער גייט זיך שטילערהייט. בּערעלע כאַפּט זיך נישט אויף...

איז די מוטער אויך אײַנגעשלאָפן...

בּערעלע וועקט זי נישט, שלאָפט זי לאַנג. שוין דרײַ נעכט, אַז בּערעלע לאָזט זי נישט רעכט שלאָפן.

פאַרטאָג, די מוטער שלאָפט, און בּערעלע כאַפּט זיך אויף. ער גיט אַ קוק — אויף זײַן בּעט ליגט עפּעס אַ קליין רויט שמאַטקעלע... נעמט עס אין דער האַנט — די הויט פון לופטבּאַלאָן. צעשאָטן געוואָרן אין דער וואַרעמער הויך, אײַנגעשרומפּן געוואָרן, געפּלאַצט און אַזוי מיאוס אַראָפּגעפאַלן.

בּערעלע האָט זיך נאָך אַ מאָל צעווײנט, נאָר אויף אַ קול, און די מוטער אויפגעוועקט. איבּער נאַכט איז אים בּעסער געוואָרן.

אָלקע.

הינטער װאַרשע, עק אָכאָטע —
אַ הויף מיט בלאָטע.
װױנט דאָרט אָלקע
מיט דער בלויער פּאַראַסאָלקע.

דער טאַטע — אַ שמיד,
די מאַמע — אַרבעס בּריט.
דער דאַך איז אײַנגעפּויגן האַלב.
אונטערן דאַך װױנט אַ שװאַלב.

אין שטוב: אַ טיש און אַ בּעט,
און אַ בּיידעם מיט גרעט.
און לעפל, און טעלער, און טעפּ,
און קריג,
און אַ קינד אין װיג.

און דאָס מיידעלע אָלקע
מיט דער בלויער פּאַראַסאָלקע.

אַ מויד פון זעקס יאָר,
מיט גאָלדענע האָר.

איז אין דרויסן העל
און דער זאַמד איז געל.

נעמט אָלקע זאַמד קנעטן,
אַלע חבֿרטעס פאַרבּעטן.

רופט די מאַמע די מויד,
אַז עס ציטערט אַ שויב.
און דער טאַטע, דער שמיד,
העלפט מיט:

— „גיי אין שטוב!
מע דאַרף דאָס בּרודערל װיגן,
װאַשן טעפּ און קריגן.
מע דאַרף װאַסער בּרענגען,
מע דאַרף העמדעלעך שװענקען,
מע דאַרף קאַרטאָפל שיילן,
מע דאַרף מַעֲשֶׂהלעך דערציילן,
אַ בּיסעלע לייענען,
אַ בּיסעלע שרײַבן —
געדענק, כ'װעל דיך פון שטוב
פאַרטרײַבן!"

גייט אָלקע װאַסער בּרענגען,
העמדעלעך שװענקען.
זעט זי:
גענדז גייען.
גייט די גאַנדז גורע,
און די גענדזעלעך אין שורה —
פעדערן װײַסע,
פיס רויטע,
און דער גאַנער דער שוטה.

עפנט אָלקע
די בלויע פּאַראַסאָלקע,
האָט זי אַ שטוב און אַ דאַך
און גענדזעלעך אַ סך.
װיל אָלקע מיט גענדזעלעך גיין,
בּיז די זון װעט פאַרגיין.
רופט די מאַמע די מויד,
אַז עס ציטערט אַ שויב.
און דער טאַטע, דער שמיד,
העלפט מיט:
— „גיי אין שטוב!
עס איז אין דער װאָכן.
מע דאַרף קאַשע קאָכן,
מע דאַרף האָלץ שפּאַלטן,
מע דאַרף דאָס קינד האַלטן,
מע דאַרף שװעבּעלער צינדן,
מע דאַרף װיקעלעך בּינדן,

א ביסעלע לייענען,
א ביסעלע שרײַבן —
געדענק, כ'װעל דיך פון שטוב
פאַרטרײַבן!"

גײט אָלקע האָלץ שפּאַלטן,
דאָס קינד האַלטן.
זעט זי:
פֿײגעלעך פֿליִען.
א שורה—לאַנג װי א באַן,
און איבער זײ אַן אעראָפּלאַן.
פֿליגעלעך װײַס,
פֿײגעלעך הויך,
און איבער זײ — װאָלקנס,
װי בלויער רויך.
עפּנט אָלקע
די בלויע פּאַראַסאָלקע,
האָט זי א שטוב און א דאַך
און פֿײגעלעך א סך.
װיל אָלקע דאָ שטײן,
ביז די זון װעט פֿאַרגײן.
רופֿט די מאַמע די מויד,
אַז עס ציטערט א שויב.
און דער טאַטע, דער שמיד,
העלפֿט מיט:
— „גײ אין שטוב!
מע דאַרף זאָקן צירעװען,
מע דאַרף פּעדעם קירעװען,
מע דאַרף קניפּלעך דרײען,
קנעפּלעך פֿאַרנײען,
א ביסעלע לײענען,
א ביסעלע שרײַבן —
געדענק, כ'װעל דיך פון שטוב
פאַרטרײַבן!"

גײט אָלקע פּאָדעם דרײען,
קנעפּלעך פֿאַרנײען.
גיבן קנעפּלעך זיך א שאָט
און צעלויפֿן זיך איבער דער
שטאָט.
װערט יעדעס קנעפּל א ראָד.
יאָגן זיך די רעדער קאַראַהאָד.
אײנס יאָגט זיך איבער דער גאַס,
קײַקלט זיך און פֿירט א פֿאַס.
צװײ דרײען א װעלאָסיפּעד.
דרײַ רעדער פֿירן א ברעט.
פֿיר רעדער האָבן זיך צונשלאָגן,
אײַנגעשפּאַנט זיך אין א װאָגן.
עפּנט אָלקע
די בלויע פּאַראַסאָלקע,
האָט זי א שטוב און א דאַך
און רעדער א סך.
װיל אָלקע דאָ שטײן,
ביז די זון װעט פֿאַרגײן.
רופֿט די מאַמע די מויד,
אַז עס ציטערט א שויב.
און דער טאַטע, דער שמיד,
העלפֿט מיט.
נאָר אָלקע װיל נישט הערן,
װיל נישט װיסן.
די רעדער רודערן און בייגן זיך
צו איר, און גריסן.
נעמט אָלקע אַלע רעדער אין
א שפּאַן
און מאַכט א לאַנגע באַן.
און ס'פֿײַפֿט די באַן און אָלקע
פֿאָרט אַװעק
העט װײַט, העט װײַט איבער
א װײַטן װעג.

קאַדיע מאָלאָדאָװסקי.

בערעלע און זײַן מאַמע.

אין שול, אויף דער גאַס, אין קראָם — אומעטום הערט בערעלע װעגן רעכענונגען.

אָט קלאָגט זיך דער טאַטע, אַז ער האָט געמוזט באַצאָלן אַ גרויסע רעכענונג. דאָ שיקט אים די מאַמע אין קראָם — דאָרטן מאַכט מען אויך אַ רעכענונג.

איין מאָל איז בערעלען אײַנגעפאַלן אויסצושטעלן אַ רעכענונג זײַן מאַמען פאַר דעם, וואָס ער האָט פאַר איר געטאָן.

אויף מאָרגן האָט די מאַמע געפונען אין קיך אַזאַ רעכענונג:

די מאַמע קומט בערעלען:

פאַר אײַנקויפן אין קראָם	— — —	20 גראָשן
פאַרן אַרײַנוואַרפן אַ בריוו אין פּאָסטקעסטל	—	10 „
פאַרן טרינקען מילך	— — —	10 „
פאַר זײַן אַ גוטער און וווילער ייִנגל	— —	20 „
צוזאַמען	— —	60 גראָשן

קומענדיק פון שול האָט בערעלע געטראָפן אויף זײַן טיש 60 גראָשן.

אַ צופרידענער האָט ער זיי אַרײַנגעלייגט אין קעשענע.

אויף מאָרגן אין דער פרי אָבער האָט ער בײַ זײַנע קליידער אויך געפונען אַ רעכענונג:

בערעלע איז שולדיק זײַן מאַמען:

פאַר 10 גליקלעכע יאָר אין איר הויז	— — —	גאָרנישט
פאַר 10 יאָר עסן און טרינקען און שפּילצײַג	— —	גאָרנישט
פאַר אָפּהיטן אים, ווען ער איז קראַנק	— — —	גאָרנישט
פאַר האָבן אַ גוטע און ליבנדיקע מאַמע	— — —	גאָרנישט
צוזאַמען	— — —	גאָרנישט

בערעלע האָט געלייענט די דאָזיקע רעכענונג און געשוויגן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוגעגאַנגען צו דער מאַמען, האָט זי אַרומגענומען און אומבאַמערקט אַרײַנגעלייגט די 60 גראָשן צו דער מאַמען אין קעשענע.

אַז די מאַמעשי איז געוואָרן ניט געזונט...

אַז די מאַמעשי איז געוואָרן ניט געזונט און איז נאָר איין טאָג געלעגן צו בעט, איז געפאַלן אַן אומעט אויף דער גאַנצער שטוב.

די קינדער זיינען געזעסן אין אַ ווינקעלע, זיך ניט געשפּילט, געלאָזט צו רו די ליאַלקעס.

דאָס פייגעלע אין שטייגל האָט ניט געהאַט קיין קערנער צו פּיקן, האָט עס ניט געזונגען, ניט געשפּרונגען.

דאָס הינטל, דאָס ווילד לוסטיק הינטל, איז געלעגן ביי דער מאַמעשיס בעט און ניט אָפּגעטראָטן.

די בלומען אויף די פענצטער האָבן אַראָפּגעלאָזט זייערע קעפּלעך. קיינער האָט ניט געטראַכט צו דערפרישן זיי מיט אַ טראָפּן וואַסער...

אַז די מאַמעשי איז געוואָרן ניט געזונט, איז דער זייגער אויף דער וואַנט געבליבן שטיין.

דער טאַטעשי איז גאָר שפּעט אַוועק צו דער אַרבעט און האָט זיך צוריקגעקערט פריער ווי שטענדיק.

ס'איז געקומען דער דאָקטאָר און האָט געזאָגט, אַז דער מאַמעשיס שוואַכקייט קומט פון צו פיל אַרבעטן.

מיטאָג האָבן מיר געגעסן ביים פעטער, אָבער קיינער איז ניט זאַט געוואָרן און ניט געווען פריילעך.

אַז די מאַמעשי איז געוואָרן ניט געזונט, האָט קיינער ניט געקאָנט פירן די שטוב ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

די שכנה האָט גענומען אונדזער קליינטשיק שוועסטערל צו זיך. דאָס קינד האָט אָבער געשריען און זיך געריסן צוריק צו דער מאַמען.

דער טאַטעשי האָט געמאַכט פייער און אַרויפגעשטעלט די מילך, אָבער דאָס פייער האָט געראַבעוועט, און די מילך איז אויסגעלאָפן.

דאָס קליינע ריוועלע האָט זיך זייער געפלייסט אויפצוראַמען די שטוב: זי האָט פונאַנדערגעשטעלט די שטולן, אָפּגעווישט דעם שטויב פון שאַנק און פון טיש, אויסגעקערט די צימערן. זי איז אָבער באַלד זייער מיד געוואָרן.

אויף מאָרגן, ווען דער מאַמעשי איז עטוואָס בעסער געוואָרן און זי איז אַ בלאַסע פאַמעלעך אַראָפּ פון בעט, איז ווידער ליכטיק געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך.

דרײַ ייִנגעלעך.

די מאַמע האָט דרײַ ייִנגעלעך,
דרײַ ייִנגעלער געהאַט,
מיט ווייכע רויטע בעקעלעך,
ווי צאַרטער סאַמעט גלאַט.

האָט איינס געהייסן בערעלע,
דאָס צווייטע — חַיִים־שמערעלע,
דאָס דריטע האָט געהייסן...
מע זאָל אים קיִפן שיך.

איך האָב אײַך אָפּגענאַרט!
איך האָב געוווסט — איר וואַרט.
דאָס דריטע קליינע ייִנגעלע,
דאָס דריטע — דאָס בין איך.

די מאַמע האָט דרײַ ניסעלעך
פון דעם יאַריד געבראַכט.
דרײַ גוטע פעטע ניסעלעך,
דרײַ ניסעלעך אַ פּראַכט.

איז איינס געווען פאַר בערעלען,
און איינס — פאַר חַיִים־שמערעלען,
און גאָר דאָס בעסטע ניסעלע...
האָט זי געלאָזט פאַר זיך.

איר וווּנדערט זיך אַ ביסל:
פאַר וואָס ניט מיר אַ ניסל?
ווײַל ניסן, ניסן, ניסעלע —
דאָס דריטע דאָס בין איך.

די מאַמע האָט אַהיים געבראַכט
צוויי ניסעלעך — און מיך;
צוויי ניסלעך פאַר די ברידערלעך
און מיר — צוויי נײַע שיך.

דער עפּל.

די מאַמע האָט געבראַכט פון קעלער אַ גרויסן רויטן עפּל.

— זע, מירל, סאַר אַן עפּל! — האָט זי געזאָגט צו איר טאָכטער, — װאָס איז געזעסן און געניײט — פריש, װי אָקאָרשט פון בוים. נעם און עס אים אויף.

מירל האָט שוין געװאָלט אײַנבײַסן דעם עפּל. זי האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן יאַנקעלען, איר ייִנגערן ברודערל.

יאַנקעלע האָט נעכטן פאַרדינט בײַ איר אַן עפּל: ער האָט איר צװײ מאָל געפאָלגט אַ גאַנג.

— זאָל זײַן פאַר אים! — האָט זי באַשלאָסן.

און אַז יאַנקעלע איז געקומען פון שול, האָט מירל אים אָפּגעגעבן דעם עפּל.

יאַנקעלע האָט אָבער גראָד ניט לאַנג געגעסן עפּל. האָט ער באַהאַלטן דעם עפּל אויף שפּעטער.

*

שפּעטער האָט די מאַמע געשיקט דורך יאַנקעלען מיטאָג צום טאַטן. דער טאַטע — אַ סטאָלער — האָט געאַרבעט אין אַן אַנדער גאַס.

אַז דער טאַטע האָט אָפּגעגעסן, האָט יאַנקעלע אַרײַנגערוקט די האַנט אין קעשענע און אָנגעטאַפּט דעם עפּל. האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

— דער טאַטע האָרעװעט, פאַרדינט פאַר אַלעמען. דער עפּל געהערט צו אים.

און ער האָט דערלאַנגט דעם טאַטן דעם עפּל און געזאָגט:

— נאַ, טאַטע, די מאַמע האָט דיר געשיקט אַן עפּל אויך!

— װילסט אַ שטיקל? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

— ניין, איך האָב ניט לאַנג געגעסן — האָט יאַנקעלע געענטפערט.

דער טאַטע האָט פרײַנדלעך אַ קוק געטאָן אויף יאַנקעלען, צוגענומען דעם עפּל און באַהאַלטן.

*

צו אָװנטברויט האָט דער טאַטע אַרויסגענומען דעם עפּל און געזאָגט צו דער מאַמען:

— נאַ, נעם און פאַרזוך. מיר האָט זיך הײַנט ניט געװאָלט.

— ווי קומט צו דיר דער עפּל? — האָט די מאַמע פאַרוואונדערט געפרעגט.—זע, מירל, פּונקט אַזאַ, ווי איך האָב דיר היינט געגעבן.

מירל האָט אַ קוק געטאָן אויף יאַנקעלען, יאַנקעלע — אויפן טאַטן, דער טאַטע—אויף יאַנקעלען, און אַלע האָבן גענומען דערציילן, ווי אַזוי דער עפּל איז יעדערן אָנגעקומען.

דערציילט און געלאַכט:

— אַ וואונדער-עפּל!

— יאָ, אַ וואונדער-עפּל בײַ אַזוינע וואונדער-קינדער ווי מײַנע — האָט די מאַמע געזאָגט.

און זי האָט גענומען אַ מעסער, צעשניטן דעם עפּל אויף פיר טײלן, און אַלע האָבן געגעסן דעם עפּל.

געגעסן און געלאַכט.

אַ ברייטעלע.

דער טאַטע האָט אַ ברייטעלע
אין שטוב אַרײַן געבראַכט.
איז דאָס ברייטעלע נאָר אײנס
און מײַלער זײַנען אַכט.

האָט די מאַמע ס׳ברייטעלע
אויף שטיקעלעך צעשניטן.
אײנעם גיט זי ס׳רעפּטעלע,
אַ צווייטן — פון דעם מיטן.

און פאַרן סאַמע פּיצעלע,
וואָס האָט נאָך נישט קײן צײן,
איז גענוג פון ברייטעלע —
די סקאָרינקע אַלײן...

אָט ווי די מאַמע האָט
דאָס ברייטעלע צעטײלט.
קנאַקן אַלע צײנדעלעך
און טאַנצן אַזש פאַר פרייד.

און צום סוף ערשט—פאַר דער מאַמען.
נאָר כאַ-כאַ-כאַ ווי שײן!
ס׳האָט די מאַמע גאָר פאַרגעסן —
טאַקע זיך אַלײן.

ש. [illegible]

בריוו פון שָׁלום־עַלֵיכֶמען צו זײַנע קינדער.

1. בעלאַיאַ צערקאָוו, 21־טן יולי 1897.

טײַער טעכטערל!

דו וואַרטסט געוויס אויף אַ בריוו. דערפיל איך דײַן פאַרלאַנג. זײַ געזונט און שרײַב מיר און דער מאַמען.

איך גלויב קוים, צי מיר וועלן זיך קומענדיקן שַׁבָּת זען, אויב איך וועל ביז שַׁבָּת פון דאַנען אַוועקפאָרן ווײַטער. ווען און וווּהין— ווייס איך נאָך אַליין ניט. אויף יעדן פאַל שיק איך דיר דרײַ הונדערט זיבן און פערציק טויזנט זעקס הונדערט פינף און נײַנציק קושן, און נאָך איין קוש גאָר דעם לעצטן, ניט גערעכנט דרײַ הונדערט קושן פאַרבײַגייענדיק. דײַן פּאַפּאַ.

נאָך איין קוש נאָך. און נאָך איינעם אַ קליינטשינקן. און נאָך איינעם אַ לעצטן. און נאָך צוויי בסוד. און נאָך, און נאָך...

2. כאַרקאָוו. 22־טן אַוגוסט, 1899.

טײַערע ליבע טיסי!

איך בין זייער באַליידיקט פון דער נאָכלעסיקייט און קורצקייט פון דײַנע בריוו. ליאַלי, גיב איבער אַ גרוס עמען. עמע, גריס מישען. מישע, גיב אַ קוש מוזען און, איך בעט דיך, רײַס זיך ניט מיט איר. מיר האָט זיך געחָלומט, אַז דו האָסט איר יאַקבי דערלאַנגט אַ קלאַפּ און געמאַכט אַ לאַמטערן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ ליגן. וואָרעם ווער גלויבט דאָס אין חַלומות? פון דעסט וועגן קאָן זיך עס טרעפן אויך אויף דער וואָר צווישן געוויסע יינגלעך און מיידלעך. איך זאָג עס גלאַט אַזוי, פאַרבײַגייענדיק. פּאַפּאַ.

בריוו פון שָׁלום־עַלֵיכֶמען צו זײַן אייניקל.

1. נערווי (איטאַליע). 11־טן מערץ 1913.

טײַערע טאַמאַרע מײַנע!

דײַן בריוו האָב איך באַקומען. דו שרײַבסט, אַז דו ווילסט אויך קיין נערווי. זייער גוט. איך שיק דיר דאָ איטאַליעניש געלט — 10 לירעס אויפן וועג. לייג צונויף דײַנע זאַכן, וועש און ביכלעך, קויף זיך אַ בילעט אויפן וואָקזאַל און פאָר אַרויס גלײַך קיין נערווי. פריער געזעגן זיך מיטן פּאַפּאַטשקאַ און מיט דער מאַמאַטשקאַ און מיט אַלע חַבֶרטעס און באַקאַנטע; און זאָג אַלעמען, אַז דו פאָרסט קיין נערווי צו מיר אין געסט. און טאָמער וועלן זיי ניט גלויבן, וועסטו זיי באַווײַזן דעם בריוו און דאָס געלט. זיי וועלן דיר מסתָּמָא זייער מקַנֵא זײַן.

איך וואַרט אויף דײַן טעלעגראַמע: „איך פאָר קיין נערווי. טאַמאַרע".

איך קוש דיך שטאַרק.

2

ליבע טײַערע טאַמאַראָטשקע! נערווי, 21-טן מערץ, 1913.

אַ שאָד פון דעסט וועגן, וואָס דו האָסט אָפּגעלייגט דײַן רײַזע אויף נאָך פּסח. מיר איז אומעטיק אַליין צו שפּאַצירן אויפן ברעג ים.

דערפרעג זיך, ווען וועט שוין זײַן פּסח, און קום צו פאָרן וואָס גיכער. און דערווײַל שרײַב אָן נאָך עפּעס אַ דערציילונג. דײַן צווייטע דערציילונג האָב איך באַקומען און איבערגעשיקט צו נומאַן*). ער שרײַבט אויך דערציילונגען. און איך שרײַב אויך דערציילונגען. מיר אַלע שרײַבן דערציילונגען.

פּאַפּאַ.

3

ליבע טאַמאַרע!

איך האָב באַקומען דיין בריוו און האָב מיך געשעמט, וואָס איך האָב דיר אַזוי לאַנג ניט געשריבן! איך שרייב אַלץ ביכער און ביכער, און דיר קיין שורה ניט! אָבער דאָס מיינט ניט, אַז איך האָב דיך פאַרגעסן; פאַרקערט, איך שרייב און טראַכט אַלץ: וואָס וועט זאָגן טאַמאַרע, ווען זי וועט לייענען מיינע ביכלעך? הייסט עס, אַז איך האָב דיך ניט פאַרגעסן. איאָ? גיב איבער אַ גרוס פרוי בעלאַ קויפמאַן*). זאָג איר, אַז זי שרייבט פונקט ווי אַ הון אויפן זאַמד.

איך קוש דיך און טראַכט: ווען וועט שוין זיין זומער?

דיין פּאַפּאַ שָלום עֲלֵיכֶם

און נאָך עפּעס האָב איך דיר פאַרגעסן צו זאָגן, אַז בשעת איך בין געווען אין פּאַריז, האָב איך געזען אַ מיידעלע מיט אַ קליין מאַלפּעלע. ס'איז געווען קאַלט און ביידע האָבן געפרוירן, ביידע האָבן געציטערט און ביידע האָבן געבעטן אַ שטיקל ברויט. ס'איז געווען אַזאַ רחמנות צו קוקן, אַז עס האָט זיך געגלוסט אַזש וויינען.

און נאָך עפּעס האָב איך דיר פאַרגעסן צו זאָגן. אַז אין פּאַריז איז פאַראַן אַ קינעמאַטאָגראַף אין דרויסן, און מע באַווייזט אַזעלכע לעבעדיקע בילדער, אַז מע קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער. איך מוז דיך אַ מאָל נעמען קיין פּאַריז.

גיב אַ קוש פון מיינטוועגן דער מאַמאַ און דעם פּאַפּאַ און ליאַלין און בעלאַן און מיכאַלן.

---

*) שלום-עליכמס אַ זון, דאַן נאָך אַ יונג קינד.

**) שלום-עליכמס בחורס איניקל, דעמאָלט דריי יאָר אַלט.

י. ל. פרץ

דער אומזיסטער פּאַטש.

... פון געבוירנהייט אָן האָב איך פײַנט געהאַט זיסע זאַכן, און מויל אַרײַן נישט גענומען.

„איך וויל, מע זאָל מיך האַלטן פאַר קלוג" – האָט מען זיך גערייצט מיט מיר.

די באָבע פלעגט באַקן מִכּל הַמינים גוטע זאַכן: חײַסן לעקעך, האָניק־לעקעך, טאָרטן, פרעגלען אײַנגעמאַכטס...—פאַר זיך, פאַר די קינדער, פאַר קראַנקע אין הֶקדֵש.

אַלע אייניקלעך פאַרדאַרבן זיך פון צײַט צו צײַט די מעגעלעך.

מע באַקומט און מע גַנבעט אַ ביסל צו.

איך איינער—אַן אויסנאַם. איך עס נישט ביז הײַנט.

מאַכט זיך מײַן ייִנגערן ברודערס ברית.

קומען אָרעמע לײַט אויף לעקעך און בראַנפן. פאַרזאַמלען זיי זיך

אין מיטלשטוב. רעכטס—די מאַמע די קימפּעטאָרין; אין דער שטוב לינקס—די באַלעבאַטישע געסט.

איז געווען ביַי אונדז אַ סאַרווער. זאָל ער מיר מוחל זיַין, אַ „כֶּלֶב שֶׁבִּכְּלָבִים". אַזוי האָבן אים אַלע גערופן. געווען איז ער, איך זע אים פאַר מיַינע אויגן, אַן אויסטערליש הויכער, אַ דאַרער און אַ חיַיסער. אָרעמע ליַיט האָט ער פיַינט געהאַט שינאַת מָוֶת.

טראָגט דער רָשע פון דער מאַמעס שטוב אַרויס, הויך איבערן קאָפּ, אַ טאַץ מיט לעקעך צו די באַלעבאַטים אַריַין, איבער דער מיטלשטוב.

און איך זע, ווי אַ קראַנק מיידל קוקט מיט פאַרברענטע אויגן צו דער טאַץ אַרויף. פלינק בין איך געווען, שפּרינג איך אונטער, כאַפּ אַ שטיק לעקעך און דערלאַנג דעם בלאַסן מיידל...

דער טאַטע—איך האָב נישט געחוּסט דערפון—איז געשטאַנען אין טיר פון דער מאַמעס שטוב. דעם שפּרונג אין דער הייך האָט ער געזען; וואָס איך האָב מיטן לעקעך אין דער נידער געטאָן—נישט.

גייט ער צו און דערלאַנגט מיר אין באַק.

צו מאָרגנס, מיר זיצן אַלע ביַים טיש, פאַרקלאָגט ער מיך פאַר דער מאַמען:

— דער קאָמעדיאַנט עסט מְכֻלוּמָרשט נישט קיין זיסע זאַכן און כאַפּט לעקעך פון טאַץ!

קומט אַריַין די דינסט מיטן יויך—געהערט האָט זי, חיַיזט אויס, הינטער דער טיר—און פאַרציילט, וואָס איך האָב מיטן לעקעך געטאָן. זי האָט געזען.

די מאַמע האָט די ברעמען אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן.

דער טאַטע איז בלאַס געוואָרן. די אויגן וועלן אים פיַיכטלעך און ער הייבט זיך אויף און גייט אָפּ אין צווייטן צימער אַריַין.

פיל איך מיך שולדיק, וואָס איך האָב נישט דערציילט, וויל נאָכגיין און איבערבעטן—איך קאָן נישט.

דער גרויסער בער.

אַ מאָל איז אויף דער ערד געווען אַ גרויסע טריקעניש. אַלע טיַיכן, אַלע קוואַלן, אַלע ברינעמער זיַינען אויסגעטריקנט געוואָרן. אַלע ביימער, אַלע קוסטעס, אַלע גראָזן זיַינען פאַרברענט געוואָרן.

און די מענטשן, און די בעלי־חיים זײַנען געשטאָרבן פון דורשט.

איין מאָל בײַ נאַכט איז אַ מיידעלע אַרויס פון שטוב מיט אַ קריגל זוכן וואַסער פאַר איר קראַנקער מאַמען.

דאָס מיידעלע האָט אָבער אין ערגעץ קיין וואַסער ניט געפונען. פאַר גרויס מידקייט איז זי געפאַלן אין גראָז און איז אײַנגעשלאָפן.

אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז דאָס קריגל פול געווען מיט קלאָרן פרישן וואַסער.

דאָס מיידל האָט זיך דערפרייט און געוואָלט זיך אָנטרינקען. נאָר באַלד האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז ס׳קען נאָך פעלן פאַר דער מאַמען, און זי איז אַוועק מיטן קריגל אַהיים.

פלוצעם האָט זיך בײַ אירע פיס באַוויזן אַ הינטל. זי האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אים און איז אַנידערגעפאַלן.

דאָס הינטל האָט רחמנותדיק געקוויטשעט.

דאָס מיידל האָט זיך געכאַפּט פאַרן קריגל, געמיינט — צעבראָכן, ערשט ניין! — עס איז געשטאַנען גאַנץ. און דאָס וואַסער איז אויך אין גאַנצן געבליבן.

דאָס מיידל האָט אָנגעגאָסן אַ ביסל וואַסער אין הויפּן און געגעבן דעם הינטל.

דאָס הינטל האָט עס אויסגעלעקט און איז פריילעכער געוואָרן.

ווען דאָס מיידל האָט זיך ווידער גענומען פאַרן קריגל, איז עס פון אַ ליימען געוואָרן אַ זילבערן.

דאָס מיידל האָט געבראַכט דאָס קריגל אַהיים און דערלאַנגט דער מאַמען.

— איך שטאַרב שוין סײַ־ווי־סײַ — האָט געזאָגט די מאַמע — טרינק בעסער אַליין.

און זי האָט צוריקגעגעבן דאָס קריגל דער מיידל.

אין דער מינוט איז דאָס קריגל פון אַ זילבערן געוואָרן אַ גאָלדן.

דאָס מיידל האָט זיך שוין ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און געוואָלט אַ טרונק טאָן.

פלוצלונג האָט זיך אין טיר באַוויזן אַ גייער און געבעטן אַ טרונק. דאָס מיידל האָט אַראָפּגעשלונגען די שפּײַעכץ און דערלאַנגט דאָס וואַסער דעם גייער.

דאָן זײַנען פון קריגל אַרויסגעשפּרונגען זיבן גרויסע בריליאַנטן און ס׳האָט אַ פלײץ געטאָן אַ גרויסער שטראָם פריש װאַסער.

און די זיבן בריליאַנטן האָבן זיך גענומען הייבן אַלץ העכער און העכער, דערגרייכט דעם הימל און געשאַפן דעם גרויסן בער.

ל. טאָלסטאָי.



אַלע ריידן.

יאַשען דאַכט:
אַלע זאַכענישן ריידן,
ס׳איז אַ לשון דאָ בײַ יעדן.

אָט, מע עפנט אויף די טיר,
טוט זי באַלד אַ סקריפּ אויף דיר:
„ריפּעט, ריפּעט, כ׳האַלט ניט אויס.
רײַן, רויס!... רײַן, רויס!...“

אָט מע זעצט זיך אויפן בענקל,
טוט דאָס בענקל זיך אַ קװענקל:
„גיי דיר, גיי — —
גיי, ניט דריי!...“

נאָר פון אַלעם ריידן שענער:
לעפל, מעסערס, שיסלען, טעלער.
מיט אַ ליאַרעם,
מיט אַ פרייד —
זײַנען אָנגעשטאָפּט מיט רייד!

נאָר דעם פּאַפּאַס גאָפּל־מעסער
שמועסן שטיל און ניט פון עסן—
פון דער אַרבעט, פון פאַראיין,
פון פאַרזאַמלונג ריידן זיי.

און דער מאַמעס פלינקער גאָפּל
שפּרינגט אַרומעט: „האָפּל, האָפּל,—
קינדער, עסט נאָר ריין און שיין,
װעל מיר הײַנט אין קינאָ גיין,
אין קינאָ גיין — האָפּל, האָפּל.“

חזרט איבער יאַשעס גאָפּל:
„קינאָ גיין — אָט אַ פרייד!“
און דער גאָפּל שטילערהייט:
„אַי, דו יאַשע, זאָג מיר, יאַשע,
פאַרן עסן זיך געװאַשן?
אַי, דו יאַשע, אַי, דו נאַשער...
אַי, ניט פײַן... אַי, ניט שיין...“

טראַכט זיך יאַשע:
„נעמסט שוין טענהן?
מיט דעם שיינעם לשון דײַנעם,
מיט די לאַנגע דײַנע ציין?“
און ער טוט אַ הייב דעם גאָפּל
און אַ שטעק אים אינעם כריין!

ל. קװיטקאָ.

דאָס באַפליגלטע און פּירפּיסיקע פאָלק

אַ חַתוּנָה

ניט אַהינטער יַם און טייכן
אין אַ פּאַלאַץ אין אַ רייכן,
ניט אַהינטער באַרג און טאָל,
ווי מע זאָגט אַזױ אַלע מאָל.

האָט ניט, קינדער, קיין פּאַראיבל, –
נאָר אין גאָר אַ קליינעם שטיבל
האָט אַ מאָל אַ יונגע פליג
חַתוּנָה געהאַט מיט גליק.

ס׳איז אַ חַתוּנָה געװעזן,
װאָס מע קען גאָרניט פאַרגעסן,
װײַל עס טרעפט זיך זעלטן װען
אַזאַ חַתוּנָה צו זען.

מחוּתָּנים רייכע אַלע,
און דער חָתָן מיט דער כַּלָה –
זעלטן װען מע זעט דאָס גאָר
אַזאַ צוגעפּאַסטע פּאָר.

צו דער חתונה, פאַרשטייט זיך,
האָבן אַלע לאַנג געגרייט זיך;
אַזאַ זעלטענעם פּאַראַד
האָט קיין פליג נאָך ניט געהאַט.

אין דעם חופּה־טאָג באַגינען
זיינען פליגן אָן אַ זינען
אומגעפלויגן הין און הער
און געאַרבעט נעבעך שווער;

כלה־מיידלעך, שטאַרק צעטראָגן,
האָבן זיך געפּוצט, געצוואָגן,
די האָט צוגענייט דעם שלעפּ,
יענע האָט געפלאָכטן צעפּ.
װען מען אײַלט זיך–דעמלט גייט ניט.
און דער טאָג–דער טאָג, ער שטייט ניט.
באַלד װעט שוין די זון פאַרגיין.
צו באַדעקנס דאַרף מען גיין.

און אין גאַס דערווייל די גרילן
האָבן שוין גענומען שפּילן
אַ „דאָבּרידזיען“, אַ וויוואַט,
חתנס צד און כּלהס צד.

שפּעט אין אָוונט ערשט גענומען
האָבן בּיסלעכווייז צו קומען
מחותּנים פון דער ווייט —
פיינע אָנזיכטיקע לייט:

פערצן וואַזשנע טאַראַקאַנעס
אין בּאַזילבּערטע זשופּאַנעס
האָבן זיך געלאָזט אַליין
צו דעם חתן-מאָלצייט גיין.

און נאָך זיי אַ חבֿרה פּרייסן,
און אַ פלאַטערל אין ווייסן,
צוויי גאָטס-בּהמהלעך אין גרין,
זיבּן מוקן און אַ בּין.

בּאַלד פון דעם קבלת-פּנים
זיינען אַלע מחותּנים
אין אַ גוטער שעה אַוועק
צו דער חופּה איבּער וועג.

אונטערפירער, טאַראַקאַנעס
מיט די וואָנצן ווי בּיי פּאַנעס,
מיט הבדלות אין די הענט —
האָבן גאָר אַ וועלט געבּרענט!

און אַנטקעגן הינטער הרובּע
האָט מען אויפגעשטעלט אַ חופּה;
דאָרטן האָט די יונגע-פּאָר
זיך פאַרקניפּט אויף לאַנגע יאָר.

פון דער חופּה נאָר געקומען,
האָט מען תּיכּף זיך גענומען
אויסצוזעצן יעדן גאַסט
בּײַ די טישן ווי עס פּאַסט.

אין די שאָלעכצן פון ניסלעך
איז געווען אַלץ צו בּיסלעך:
בּרעקלעך צוקער, גרייפּלעך בּרויט
און אַפילו ווערעמקרויט.

אַלץ געווען, גאָט צו דאַנקען!
און די עסנס, די געטראַנקען
האָבן אַלעמען געשמעקט,
מ'האָט די פינגער גאָר געלעקט.

נאָכן עסן האָבן גרילן
אָנגעהויבּן טענץ צו שפּילן,
און דער עולם האָט מיט פרייד
אין אַ פריילעכס זיך געדרייט.

און געטאַנצט מיט פאַרגעניגן
האָבן אַלע: פּרייסן, פליגן,
ניט געקוקט מיט וועמען ווער
זיך געהאָפּקעט אין אַ שער.

און די מוקן, ווילדע יונגען,
האָבן טאַנצנדיק געזונגען,
און דאָס פלאַטערל אין ווייס
האָט צעקושט זיך מיט אַ פּרייס.

מיט אַ מאָל אין מיטן רומל
איז געוואָרן דאָרט אַ טומל:
ערשט מע זעט: אַ שפּין קומט אָן
גלײַך צום רעכטן אויבּנאָן.

גייט און ציט נאָך זיך אַ קנײַלכל.
און איר קײַלעכדיקע בײַכל —
אַזוי מאָדנע ווי עס איז —
טראָגט זי אויף די לאַנגע פיס.

איז געוואָרן אַ מהומה.
פון דער כּלהס צד אַ מומע
האָט אין גרויסן טומל דאָרט
גלײַך געחלשט אויפן אָרט.

און אין טומל אין דעם גרויסן
האָט מען זיך גענומען שטויסן.
בלויז אַ שטילער טאַראַקאַן,
אַ באַיאָרטער קלוגער מאַן,

האָט זיך דאָרטן ניט פאַרלאָרן.
ער איז מער ניט בייז געוואָרן,
אויפגעשטעלט זיך און האָט באַלד
אויפגעהויבן דאָרט אַ גוואַלד:

„סטאַטש, אַ שׂימחה גאָר פאַרשטערן!
לאָמיר קאָרשט אַפריער הערן,
אָפשר קומט די שפין אַהער
ווי אַ פראָסטער גאַסט ניט מער!

איך וועל קאָרשט איר גיין אַנטקעגן,
און איך וועל זי טאַקע פרעגן, —
ווייל די שפין איז, ווי מיר שיינט,
מיינער גאָר אַן אַלטער פריינט".

און אַ ביסל אָנגעבלאָזן,
האָט ער זיך צו איר געלאָזן.
וואָס גערעדט זיי האָבן דאָרט,
האָט מען ניט געהערט קיין וואָרט.

נאָר ער איז צוריקגעקומען
מיט דער שפין אַרומגענומען —
„קום, מײַן ליבער פרײַנד, אַריין
נעמען דאָ צו ביסלעך וויין".

און אַ הויכע פליג, אַ דאַרע,
האָט גענומען מאַכן וואַרע,
מאַכן וואַרע, ווי עס פּאַסט
פאַר אַן אָנגעלייגטן גאַסט.

און די קלעזמער־קלוגע גרילן —
האָבן אָנגעהויבן שפּילן
פאַר דער שפין מיט גרויס פּאַראַד
אַ גרויסאַרטיקן וויוואַט.

און די שפין האָט פון דער ווײַטן
זיך גענויגט אין אַלע זייטן,
און זי האָט דער יונגער פּאָר
צוגעווונטשן לאַנגע יאָר.

אָנגעקוואָלן האָבן אַלע,
ווען דער חתן מיט דער כּלה
האָבן איידל, שיין און פיין
מיט דער שפין געטרונקען וויין.

און אַזוי איז מען געזעסן
און געטרונקען און געגעסן.
נאָך דעם האָט די שפין אַליין
זיך געלאָזט אַ טענצל גיין.

אוי, וואָס דאָרטן האָט געטאָן זיך!
איצטער אויך, אַז איך דערמאָן זיך,
נעמען מיינע פיס אַליין
איבער שטוב אַ טענצל גיין.

ס'איז אַ חתונה געווען,
וואָס מע קען גאָר ניט פאַרגעסן,
ווייל עס טרעפט זיך זעלטן ווען
אַזאַ חתונה צו זען.

נחום יוד.

דער זשוק און דאָס פלאַטערל.

אַ זשוק, וואָס האָט געלעבט אַ לאַנגע צייט
צוזאַמען מיט אַ פלאַטערל אַ שיינעם,
(ס'הייסט, אייגנטלעך, ניט גאָר אין איינעם,
נאָר ביי דעם זעלבן בוים, ניט ווייט ...)
האָט איין מאָל זיך געטראָפן מיט זײַן שָכן
און האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס:
פון דער גאָרער וועלט,
פון קומענדיקן ווינטער מיט די קעלט, —
צום סוף איז ער אַזוי פאַרקראָכן
אין זיינע רייד,
אַז ער האָט ווייט און ברייט
גענומען מוסרן דעם פלאַטערל אַליין:
—„איך קאָן דאָס ניט פאַרשטיין,
און וויל, דו זאָלסט מיר זאָגן,
פאַר וואָס זאָלסטו זיך שטענדיק טראָגן
אַ פרייער,
און סוף־כל־סוף די פליגל אָנווערן ביים פייער . . .
דו האַלטסט, ווייזט אויס, דאָס לעבן פאַר אַ שפּיל;
ביי מיר קומט אויס — פון פײַער דאַרף מען ווײַכן!
צו זיך, פאַרשטייסטו, קאָן איך דיך דאָך ניט פאַרגלייכן!
דען גיב אַ קוק, ווי איך בין פעט און דיק,—
נאָר נעם אַ ביישפיל פון אַ פליג!
איך האַלט דיך גאָר ניט ערגער פון די פליגן.
דו קענסט דאָך אויך, ווי זיי, ביי יעדן בערגל מיסט
דיין אויסקומעניש קריגן, —
און ניט ביים פייער אומקומען אומזיסט!" . . .

—„מיין ליבער זשוק"— האָט מיט געפיל
דאָס פלאַטערל אים אָפּגעענטפערט שטיל —
„ווען דו וואָלסט טיפער טאָן אַ קוק, וואָלסטו אַליין
פאַרשטיין,
אַז ס'איז דיין עצה מיר ניט נויטיק:
איך קאָן ניט לעבן דאָרט, וווּ פינצטער איז
און קויטיק" . . .

נחום יוד.

חַבֵר סירקאָ.

א.

איך מיין, אַז נאָכן נאָמען אַליין איז ניט שווער צו שטויסן זיך, אַז סירקאָ איז געווען ניט קיין מענטש, נאָר אַ הונט, אַ געוויינלעכער הונט מיט אַ גרויער פעל, וואָס דעריבער האָט ער געהייסן „סירקאָ“.

איך זאָג: אַ הונט אַ געווינלעכער—איך מוז מיך אָבער באַלד פֿאַרענטפערן, אַז ניין, ניט קיין געוויינלעכער, ווי מיר וועלן עס באַלד געווירע ווערן. פֿריער אָבער מוז מען זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם הונטס ביאָגראַפֿיע—פֿון וואַנען קומט צו אַ יידן אַ הונט? איז אַזאַ מַעֲשֶׂה:

אַז נָחוּם וועוויקס איז אַראָפּגעקומען פֿון שטאָט אין שטעטל אַריין און איבערגענומען די „פּאָטשט“ מיטן הויף, מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט, האָט זיך אין הויף געפֿונען דער הונט סירקאָ, נאָך גאָר אַ יונגער, נאָר שוין אַ פֿאַרשטענדיקער, אַן אֱמֶתער „בַר־דַעַת“—אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט געקענט די נייע באַלעבאַטים.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיט די נייע באַלעבאַטים האָט סירקאָ ניט געהאַט קיין שום מַגע־ומַשָׂא, אין שטוב ניט אַריינגעשמעקט אַפילו. מִסתָמָא האָט מען אים לכַתחילה געגעבן אָנצוהערעניש מיט אַ שייט האָלץ איבערן קאָפּ, אַז אין אַ יידישער שטוב זאָל אַ הונט ניט קריכן...

אין קיך האָט ער אויך ניט געטאָרט אַריין. „פֿרומע די מויד“ מיטן בלינדן אייגל האָט אים „אָפּגעלאָנטשעט“ דערפֿון סַך־הַכֹּל מיט אַן אָקרעפּ זודיק וואַסער, וואָס זי האָט איין מאָל אין אַ עֶרֶב־שַבָּת אויסגעגאָסן אויף אים מיט אַ כּיוון און אָפּגעקאָכט אים אַ שטיק פעל, און דַחקא גאָר אין גוטן מוט, און נאָך געלאַכט אויך.

אַרויסגעטריבן געוואָרן אַזוי מיאוס סיי פֿון שטוב, סיי פֿון קיך, האַלט אַן אַנדער הונט אויף זײַן אָרט געוויס אָפּגעטראָטן פֿונעם דאָזיקן הויף: „לעבט אייך הונדערט און צוואַנציק יאָר“! ניין, סירקאָ איז געווען ניט אַזאַ מין. ער זאָל וויסן—דער טויט זאָל זיין, וועט ער פֿון הויף ניט אַוועק! דאָ איז ער געבאָרן געוואָרן, דאָ וועט ער פּגֵרן... ובִפרַט, אַז ער האָט געהאַט גוטע מליצים פֿאַר זיך: די קינדער פֿון דעם באַלעבאָס. ער האָט נושׂא חֵן געווען אין זייערע אויגן, כאָטש פֿרומע האָט זיך געפֿלייסט אים צו פֿאַרמיאוסן. אַ סַך, אַ סַך הינט האַלטן זיך ווינטשן האָבן אַזאַ אויסקומעניש מיט אַזעלכע קעסט, ווי סירקאָ האָט געהאַט. פֿונעם שענסטן און פֿונעם בעסטן האָבן אים חֶברָה

ארויסגעטראָגן אין די קעשענעס, פאַרשטייט זיך, בסוד־סודות, אַז קיינער זאָל ניט זען און אַפילו ניט אָנשטויסן זיך, וואָרעם ס'וואָלט געקאָנט זיין זייער מיאוס פאַר ביידע צדדים. סירקאָ האָט שוין געוווּסט די צייט פון „אָנבייסן", פון „וואַרמעס" און פון „וועטשערע", און האָט שוין ארויסגעקוקט מיט אַלע אויגן, ווען וועט מען אים שוין ארויס־טראָגן פון אלע גוטע זאַכן. ער האָט שוין געוווּסט אַפילו, ביי וועמען אין וואָסער קעשענע אָנצושמעקן און האָט שוין אליין געשטופּט די מאָרדע אַהין—אַ הונט אַ חכם!

היינט די קונצן, וואָס חברה האָבן אים אויסגעלערנט! אַנידערלייגן אים, למשל, אויפן שפּיץ נאָז אַן אָפּגעלעקטביינדל, אָדער אַ שטיקל ברויט, און זאָגן אים „ניע רוש"! (געוויינטלעך, רעדט מען מיט אַ הונט אויף גויִיש)—וועט עוי אייך וואַרטן מיט דרך־ארץ, וויפל איר ווילט, ביז ער וועט דערהערן דאָס גוטע וואָרט: „האַם"! דעמאָלט טוט ער אַ שפּרונג אונטער און—פאַרטיק.

ב.

ווינטער ביי נאַכט, ווען די קינדער גייען אין חדר אריין, האָט זיך סירקאָ ניט געקאָנט דערוואַרטן אויף זיינע חברים, און אַלע מאָל, אַרום אַ זייגער ניין, איז ער אויסגעוואַקסן אונטערן פענצטער, געשאַרט מיט די לאַפּעס איבער די געפראָרענע טאַפּליס—אַ סימן, אַז ס'איז שוין צייט צו פאַרמאַכן די ספרים און גיין אַהיים עסן „וועטשערע". ביים רבין איז סירקאָ געווען, להבדיל, אַ זייגער. „ניט אַנדערש—האָט ער געזאָגט—אַז אייער הונט איז אַ גלגול"!—און געלאָזט די קינדער פריי נעמען די פּאַפּירענע, מיט שמאַלץ באַשמירטע לאַמטערנעס, און גיין אַהיים האָ־פּערדיק, מיט די פריילעכע יוָנישע לידער, סאַלדאַטסקע ניגונים:

סירקאָ איז געלאָפן אויף צו פריער און פאַר גרויס פרייד און התפּעלות געשפּרונגען און געקאַטשעט זיך אין שניי—און אַלץ צוליב די שטיקלעך ברויט מיט די אָפּגעלעקטע ביינדלעך פון דער וועטשערע.

וויפל מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז אויפן האַרצן איז וויסט, אויף דער נשמה סומנע, אין דער היים געכאַפּט אַ פּסק, אין חדר פאַרבע־סערט,—דעמאָלט פאַרקלייבט זיך שלום נחום וועוויקס ווייט אין גאָרטן, אויף יענער זייט ביימער—און סירקאָ מיט אים. דאָרט, אונטערן פּלויט, אויף אַ בערגל מיסט, זעצט ער זיך אַוועק מיט זיין געטרייען סירקאָ, וואָס ציט אויס די מאָרדע, קוקט גלייך אין די אויגן אריין, ווי אַ זינדיקער מענטש. „וואָס קוקט ער? וואָס טראַכט ער בעת־מעשה? פאַרשטייט ער טאַקע

יעדע זאַך ווי אַ מענטש? האָט ער אויך אַ נשמָה, ווי להַבדיל, אַ מענטש?"...

„פאַר וואָס זשע איז ער אַ הונט און איך אַ מענטש?"...—אַזוי טראַכט ער זיך, שָלום, און ער קוקט מיט רַחמָנות און, צו גלייכער צייט, מיט דֶרֶך־אֶרֶץ אויפן הונט, און דער הונט—אויף אים, ווי זײַנס אַ גלײַכן. אַ הונט אַ חַבֵר! אַ טייערער, אַ געטרייער חַבֵר — סירקאָ!...

ג.

עס וועט ניט זיין קיין גוזמָא, ווען איך וועל זאָגן, אַז סירקאָ איז געווען אַ הונט אַ חָכָם, וואָס האָט פאַרשטאַנען, ווער עס האָט אים מער ליב פאַר אַלעמען, און דעריבער איז קיין חידוש ניט, וואָס מער ווי צו אַלע קינדער האָט זיך סירקאָ דער הונט צוגעבונדן צו שָלומען, געשלאָסן מיט אים חַבֶרשאַפט אָן ווערטער און ליב געהאַט, און טאַקע בּאֶמֶת גרייט געווען זיך מַפקיר זיין פאַר זיין חַבֵר און פאַר זיין האַר. אַ שטומע צונג—ניט געווען בּכוחַ דאָס אַרויסצובאַווייזן, איבערגעבן מיט ווערטער, האָט ער עס אַרויסבאַוויזן, ווי אַ הונט, מיט זיין שפּרינגען און מיט זיין קוויטשען און מיט זיין וואַרפן זיך פאַר אים אין דער ערד אַריין אויף זיין הינטישן שטייגער. ס'איז געווען אַ זאַך, אין וואָרט, אַז זיין חַבֵר און זיין האַר זאָל אים אַ זאָג טאָן: „נאַ מיעס־טאַ!"—זאָל סירקאָ אַוועק ווי אַ סטאַטיק און ליגן ווי אַ קעצעלע, שטיל, און נאָר מיט איין אייגל לאָקערן, אַכטונג געבן, וואָס זיין האַר טוט.

צווישן „האַר" און זיין „קנעכט" סירקאָ איז געווען אַ שטילע ליבע, און דער האַר האָט בּשום אופן ניט געקענט פאַרשטעלן זיך, וואָס וועט זיין, אַז סירקאָ וועט ניט זיין. וואָס הייסט, ער וועט ניט זיין? ווי איז דאָס מעגלעך? סירקאָ איז דען אַ מענטש, וואָס זאָל אַוועק־פאָרן און פאַרגעסן דעם זיי־געזונט?... וויפיל מאָל האָבן גוים געפּרוּווט פאַרנאַרן סירקאָן צו זיך אין דאָרף אַריין,—איז ער דען ניט געקומען צו לויפן אויף מאָרגן אַ פאַרסאָפּעטער מיט אַן אַרויסגעשטעלטער צונג און געוואָרפן זיך און געקאַטשעט זיך און געשפּרונגען צו זיין האַר אויפן האַלדז און געקוויטשעט און געלעקט אים דעם קאָלנער. און מע וואָלט געמעגט שווערן, אַז טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די אויגן.

און דאָך... און דאָך איז געקומען דער טאָג, יענער פינצטערער חיסטער טאָג, וואָס דער גוטער געטרייער סירקאָ איז אַוועק, אַוועק אויף תָמיד, אויף אייבּיק, און אַזוי אומגעריכט אַוועק.

זומער האָט זיך געטראָפן די דאָזיקע טרויערדיקע געשיכטע, אום סאָמע תַמוז. דאָס איז געווען אַ זומער פון שרעקלעכע היצן, אָן אַ טראָפּן

רעגן—מענטשן זיינען מַמָש אויסגעגאַנגען פון היץ. און דאָס ,ווייסט איר דאָך, אַז אין די גרויסע היצן זיינען די הינט מסוכּן—זיי ווערן משוגע.

איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטעטל, אַז אַ הונט איז משוגע געוואָרן און האָט צעביסן נאָך עטלעכע הינט, מע ווייס ניט ווועלכע. איז גע-פאַלן אַ פּחד אויף די שטאָטלײַט. און מע האָט זיך אַ נעם געגעבן צו די הינט פון שטאָט. מע האָט אַראָפּגעבראַכט, גאָט ווייס פון וואַנען, צוויי קאַצאַפּעס, הינטשלעגערס, אָנגעוואָפּנט מיט גראָבע שטריק און מיט אייזערנע קרוקעס, און די קאַצאַפּעס האָבן זיך אַ נעם געגעבן צו דער אַרבעט. אין איין טאָג האָבן די דאָזיקע תּלִיָנים אַוועקגעלייגט אַ פּאָר צענדלינג הינט. אויפן קוק האָבן זיי אײַך געקענט אָפּשאַצן, וועלכער הונט ס'איז משוגע און וועלכער ניט.

ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַשטייגער, אַז דער גורל וועט פאַלן אויף דעם גוטן, קלוגן, סטאַטעטשנעם סירקאָ?

אַ סבָרָה, אַז די קאַצאַפּעס האָבן באַקומען פון דער שטאָט זייער לוין נאָך דער צאָל פון די אויסגעהַרגעטע הינט, און וויבאַלד אַזוי, איז גאַנץ מעגלעך, אַז ס'זיינען געווען נעבעך אַ סַך אומשולדיקע קָרבָּנות—און סירקאָ אײנער פון די ערשטע.

פון דעם אומגליק זיינען די קינדער געוווירע געוואָרן שוין לאַחַר המַעשׂה, קומענדיק פון חֵדֶר אַהיים—און זיי האָבן אויפגעהויבן אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין שטוב. „סטייטש, סירקאָ... סטייטש, ווי האָט מען עס דערלאָזט אַזאַ מַעשׂה!״...

פאַרשטייט זיך, אַז די רעוואָלוציע האָט זיך אויסגעלאָזט מיאוּס. „חֵדֶר-יינגלעך זאָלן אין זינען האָבן הינט!...״

און מע האָט זיי מכַבֵּד געווען מיט רעכטע פּעטש.

נאָר דאָס אַלצדינג איז געווען גאָרניט אַקעגן דעם, וואָס סירקאָ אין נעבעך אומגעקומען אומזיסט-אומנישט!

מער פון אַלע איז געווען דערשלאָגן סירקאָס ליבלינג—שָׁלום. דער האָט עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד ניט געגעסן, עטלעכע נעכט ניט געשלאָפן, געקאַטשעט זיך אויף אַלע זייטן, געזיפצט און געקרעכצט שטילערהייט, ניט געקענט מוחל זיין די שלעכטע בייזע מענטשן, וואָס האָבן ניט אין זיך קיין קאַפּל רַחמָנות, קיין צַעַר-בַּעלֵי-חַיים, קיין טראָפּן יושֶׁר. און עס קומט אים אויפן זינען סירקאָ מיט די קלוגע גוטע אויגן, און ער פאַלט צו מיטן פּנים צו דער קישן און באַנעצט זי מיט בּיטערע, ביטערע טרערן.

שלום-עליכם

דער שוואַן, דער העכט און דער קרעפּס.

ווען אייניקייט פעלט צווישן די חבֵרים אויס,
דאַן וועט פון זייער אַרבעט קיין זאַך ניט אַרויס.
נאָר מאַטערניש און צָרות בלויז.

אַ קרעפּס, אַ העכט צוזאַמען מיט אַ שוואַן
גענומען האָבן זיך אַ וואָגן משׂא פירן,
און זיינען אַלע זאַלבעדריט אַריין אין שפּאַן.
זיי קריכן דאָרט פון הויט, — און פאָרט
דער וואָגן פרוּווט זיך גאָר פון אָרט ניט רירן.

ניט שווער וואָלט זיין פאַר זיי די אַרבעט אויך;
צום הימל אָבער רייסט דער שוואַן זיך אין דער הייך,
דער קרעפּס קריכט אויף צוריק, אין וואַסער שלעפּט דער העכט...

ווער שולדיק איז פון זיי און ווער גערעכט.דאָס קאָן איך אייך ניט זאָגן.
נאָר אויף דעם זעלבן אָרט שטייט דאָרט נאָך איצט דער וואָגן...

די מויז און דער ראַץ.

— „האָסטו געהערט שוין, מחותּנתטע, די נייס,
פון וואָס עס ריידן איצטער אַלע מײַז! —
האָט אַ צופרידענע געפרעגט די מויז דעם ראַץ —
„מע זאָגט, אַז ס'איז די קאַץ
אַריינגעפאַלן אין די נעגל צו דעם לייבן"
— „ניט גלויב
און פריי זיך ניט מיט קיין אומזיסטער פרייד" —
האָט איר דאָ אָפּגעשטעלט דער ראַץ אין מיטן רייד —
„ מע דאַרף פאַרשטיין,
אַז ווען ביי זיי זאָל צו די נעגל נאָר דערגיין,
וועט דאָרטן שוין דער לייב געוויס ניט בלייבן לעבן.
ווייל שטאַרקער פון אַ קאַץ קאָן אויף דער וועלט ניט זיין!"

נחום יוד, פון אַ קרילאָוו

די קאַץ און דער הונט.

אָנטיילנעמער:

אַ הונט. אַ קאַץ. דאָס שטובמיידל — באַשע

סצענע — אַ קיך. לעבן אויוון — אַ בענקל. אויפן בענקל וואַלגט זיך אַ הון. אויפן פּריפּעטשיק זיצט די קאַץ, און נישט ווײַט פון בענקל אויף דר'ערד — דער הונט. דאָס שטובמיידל קלײַבט זיך אַוועקצוגיין. זי רעדט צו זיך.

שטובמיידל: — נאָר אויף אַ מינוטקעלע — אויף איין מינוטקעלע... און איר וועט דאָ אַכטונג געבן, איינע אויף די אַנדערע זאָלט איר אַכטונג געבן: זי אויף דיר (ווייזט אויף דער קאַץ, דערנאָך אויפן הונט) און דו אויף איר (ווייזט אויפן הונט, דערנאָך אויף דער קאַץ). עס זאָל אײַך נאָר נישט אָנכאַפּן חלילה קיין יצר הרע צום כּופּיק מיטן לעבערל. אין אַ גוטער שעה צו ריידן... טפו, טפו, טפו!... איר זאָלט אַפילו אין יענעם גבול נישט קוקן, פּונקט עס וואָלט גאָר ניט זיין קיין הון אויפן בענקל! (צום הונט ווייכער) פּונקט עס וואָלט קיין מאָל קיין הון נישט געווען. (אָפּ). (אַ פּאָר מינוט איז שטיל. די קאַץ מיטן הונט זיצן אויף זייערע ערטער, קוקן זיך אָן, היטן איינע די אַנדערע. דערנאָך טוט די קאַץ אַ שמיר מיטן פיסל איבערן פּנים און כאַפּט פון אונטערן פיסל אַ קוק צום בענקל...)

דער הונט: שוועסטערקע, מע קען אײַך! — דו האָסט געכאַפּט אַ קוק — איך זאָל אַזוי האָבן לייטזעליקייט אין די אויגן פון אונדזערע באַלעבאַטים, ווי דו האָסט געקוקט!

די קאַץ: (באַליידיקט). אַ משל! ווער געקוקט, וואָס געקוקט! מאָל דיך, אַז עס איז מיר אַפילו אויפן געדאַנק נישט אַרויף. אַ קוק צו טאָן... און אַז געקוקט, איז וואָס? פון אַ קוק קומט עפּעס אָפּ?

דער הונט: אָפּקומען קומט גאָרנישט אָפּ. נאָר אַז באַשע גייט אַוועק און זאָגט אָן, אַז מע זאָל נישט קוקן, דאַרף מען נישט קוקן.

די קאַץ: מאַלע, וואָס מ'זאָגט אָן... ווען מ'זאָל זיך אָנהייבן צוהערן צו אַלץ, וואָס מ'זאָגט אָן, וואָלטן אונדזערע שוועסטער אָנגעשפּאַרט — ווייסט ווו? — אָט דאָרט ווו מע באַקט בייגל און מע פאַרגעסט זיך שוין צוריק צו קומען.

דער הונט: איז וואָס קומט אַרויס פון דיינע רייד? — אַז מע נעמט גאָר אַליין?... און וואָס וועט באַשע זאָגן?

די קאַץ: באַשע... אַ שפּאַס — אַ צדיקת! — איידער זי דערלאַנגט צום טיש, עסט זי אויף די העלפט... נאָר זי פאַרזוכט — אַ מאָל מיט דעם

לעפל און אַ מאָל מיטן גאָפל, אַ מאָל מיטן גאָפל, אַ מאָל מיט דעם לעפל... עס זאָל איר כאָטש קומען אויפן געדאַנק — אַ וואָרף טאָן עפּעס פאַר מיר אויך. בין איך נישט קיין געטרייע, ערלעכע קאַץ אין שטוב?...

דער הונט: איך מיש זיך ניט אין באַלעבאַטישע געשעפטן. דו ביסט מער אין שטוב. אפשר זעסטו מער, ווייסטו מער. איך מיש זיך ניט צווישן באַלעבאַטים!

די קאַץ: ערשט יענע וואָך, — איז פּלוצלונג — ס'פעלט אַ פּוטער־קוכן. ווער האָט גענומען דעם פּוטער־קוכן? (זי לויפט אַרום איבערן פּריפּעטשיק, מאַכט זיך זוכנדיק) באַשע, ווו איז דער פּוטער־קוכן? פּוטער־קוכן, פּוטער־קוכן... צו וועמען לאָזט מען אויס דעם כּעס? מסתּמא צו מיר.

דער הונט: (מיט מיטלייד). ווער האָט געשלאָגן?

די קאַץ: אַלע האָבן געשלאָגן: די באַלעבאָסטע מיטן פוס, דער באַלעבאָס מיטן שטעקן, מיט דעם זילבערנעם הענטל. וואָס זעט אויס ווי אַ הונט מיט אַן אָפענעם מויל. באַשע מיט אַ סצירקע. דערנאָך האָט מען נאָך פאַרשפּאַרט אויף אַ טאָג אין שפּייכלער.

דער הונט: (מיט מיטלייד). אויף אַ גאַנצן טאָג אין שפּייכלער?...

די קאַץ: וואָלט איך כאָטש פון דעם קוכן האָבן פאַרזוכט, וואָלט מיר אַזוי נישט געקרענקט. אָבער גלאַט אַזוי, פאַר וועמעס זינד?

דער הונט: (מיט אַ גענעץ). אַן עוולה!

(אַ מינוט זיצן ביידע פאַרקלערט און מע קוקט נישט אין דער זייט. דערנאָך וואַשט די קאַץ מיטן רעכטן פיסל גוט אויס די אויגן, לעקט דאָס פיסל אַרום און כאַפּט הינטן אַרום אַ קוק אויפן בענקל).

די קאַץ: איך זיץ דאָ אַלץ און קלער: געווען אַ הון, אַ שיינע הון, אַ רויִקע הון, אַ שטילע הון. האָט וועמען געאַרט. אַז זי איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב, געזונגען, געלייגט אייער?.. האָט מען גענומען און מע האָט זי געשאָכטן אָן אַ דין און אָן אַ משפּט. ווו איז יושר? איך פרעג דיך, זאָלסט מיר לעבן, ווו איז אַהינגעקומען דער יושר?...

דער הונט: (כאַפּט בגנבה אַ קוק צום בענקל. באַלעקט זיך). איך ווייס נישט, איך מיש זיך נישט צווישן די באַלעבאַטים, נאָר מסתּמא, אַז באַשע טוט, ווייס זי, וואָס זי טוט.

די קאַץ: באַשע — ווען עס זאָל זײַן אין גאַנצן באַשעס דעה, וואָלט זי זיך באַגאַנגען אָן הון. זי האָט גלאַט נישט ליב קיין עוף. אַ פעט שטיקל רינדפלייש שמעקט איר אַ סך בעסער; פון מילכיקס איז שוין אָפּגערעדט— דאָס איז אַלץ פאַר דער באַלעבאָסטע. די גאַנצע וועלט הינער וואָלט זי אויסגעקוילעט!

דער הונט: (פאַראינטערעסירט) די באַלעבאָסטע? גלויב מיר, אַז איך פאַרגין איר ניִשט. דאָס איז אַ גיפטיקע יידינע. שוין באַלד אַ יאָר, אַז זי האָט מיר געגעבן אַ בריק אין פוס און עד־היום פאַר אַ רעגן רופט זיך אָפּ דער ווייטאָק. (ער גייט זיך דורך איבערן קיך מיט אַן אויפגעהויבענעם הינטערפיסל און וויזט, ווי ער הינקט).

די קאַץ: (פאַרוואונדערט) זעסט! איך האָב גאָרנישט געוווּסט... אַז צוליב דער באַלעבאָסטע... און דו האָסט געמיינט, אַז די הון איז פאַר באַשען? אַוודאי!... באַשע האָט סך הכּל גאָר נישט ליב קיין עוף.—(שווייגט אַ רגע) אינטערעסאַנט, גלאַט אַזוי אויף אַ טשיקאַוועס, וואָס האָסטו העלטער – אַ שטיקל רינדפלייש, צי אַ שטיקל עוף? (כאַפּט אַ קוק צום בענקל און באַלעקט זיך).

דער הונט: עס ווענדט זיך, ווי אַזוי: אויב געקאָכטע – איז רינדפלייש אויך נישט שלעכט. נאָר אַז רויע, איז שוין גלייכער עוף. (כאַפּט אַ קוק צום בענקל און גיט אַכטונג, צו די קאַץ באַמערקט נישט).

די קאַץ: מיין נאַטור. און וואָס האָסטו ליבער אין עוף – ביילקע, צי פּאָלקע? (קוקט צום בענקל).

דער הונט: (קוקט אויף) כּ׳לעבן, איך האָב קיין מאָל נישט גע־קלערט וועגן דעם. מ׳עסט, וואָס עס איז דאָ. וואָלט נאָר אַזוי פיל געווען.

די קאַץ: לעבן זאָלסטו! פּונקט ווי איך. איך האָב אויך נישט ליב איבערצוקלייבן: אָט, וואָס ס׳איז דאָ, עסט מען. וואָלט נאָר אַזוי פיל געווען. (אַ ביסל פאַרקלערט, רוקט זיך צו נישט באַמערקט צום ברעג פון פריפּעטשיק) וואָס וואָלסטו געזאָגט, למשל, צו אַזאַ שטיקל עוף? (ווייזט מיטן קאָפּ אויפן בענקל).

דער הונט: (גיט אַ שפּרונג צו איר, כדי צו פאַרשטעלן איר דעם וועג) זאָל מען אָפּגעהיט ווערן פון אַזאַ געדאַנק!.. באַשע וועט דאָך שרייען!

די קאַץ: ער איז ווידער מיט זיין באַשען! ערשטנס, קען באַשע נישט קוקן אויף קיין עוף און צווייטנס – וואָס איז ווערט, אַז די באַלע־באָסטע זאָל האָבן אַ צעפּוקעניש!..

דער הונט: איז מיינסטו, אַז באַשע וועט זיך נישט בייזערן?

(די קאַץ הערט נישט דעם סוף, גיט אַ שפּרונג צום בענקל און כאַפּט אַראָפּ די הון. דער הונט פּרוּווט פריער נישט לאָזן, דערנאָך לויפט ער מיט איר אונטערן שלאָף־באַנק. עס עפנט זיך די טיר. באַשע דערזעט אַ ליידיק בענקל. כאַפּט זיך מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ)

באַשע: וויי איז מיר! אַ דונער האָט מיך געטראָפן! דער שלאַק האָט מיך אָנגעטראָגן אַוועקצוגיין פון שטוב און דאָ איבערלאָזן די גנבים, די פרעסערס. די נאַשערס!..

מ. סטאַווסקי

דער וואָלף און דער פוקס.

מיר שענקען יענעם אַלץ, וואָס טויג אונדז ניט אַליין;
איך וויל דאָס אין אַ פאַבל געבן צו פאַרשטיין.

אַ פוקס האָט אָנגעגעסן זיך מיט עוֹף
און פײַנעם בײליק.
באַהאַלטנדיק אויף שפּעטער, נאָכן שלאָף,
אַ היפּשן חלק,
האָט ער זיך צוגעלייגט בײַם סטויג אַ דרימל טאָן.
ערשט מיטאַמאָל — אַ הונגעריקער וואָלף קומט אָן.

— „ווען דו וואָלסט וויסן, ליבער פרײַנט,
וואָס איך האָב זיך דאָס אויסגעשטאַנען הײַנט! —
האָט זיך דער וואָלף באַקלאָגן דאָ גענומען —
איך האָב קײַן ביינדל ערגעץ ניט געקאָנט באַקומען:
די הינט די בייזע בילן אָן אַ סוֹף,
און אויך דעם פּאַסטוך נעמט גאָרניט קײַן שלאָף.
דער הונגער מאַטערט מיך אַזוי, אַז כ׳וויס ניט, וואָס צו טאָן,
כאָטש נעם אַ מיתה טו זיך אָן״!...

— „אַזוי, מײַן טײַערער? אוי, וויי!
צי ווילסטו אפשר ניט אַ ביסל היי?
מיר האָבן אָט אַ גאַנצע קופּע דאָ,
און איך בין גרייט צו יעדער שעה
אַ גוטן חבר צו באַדינען״...

נאָר ניט פון היי האָט אונדזער וואָלף געטראַכט.
ער האָט אַ פליישיקס גאָר געהאַט אין זינען...
נאָר פון דעם פלייש האָט אונדזער פוקס אַ שווײַג געמאַכט.
און אָט אַזוי, מיט גרויסן כּבֿוד אויפגענומען,
איז נעבעך אונדזער וואָלף אַוועק אַהיים פאַרשמאַכט,
אַ הונגעריקער, ווי ער איז געקומען...

נחום יערוסאַלימטשיק.

לויט א. קרילאָוו.

סעגיִענס ווײַסע ציג.

סעגיִען האָט קײן מַזל ניט געהאַט צו זײַנע ציגן.

זײ פלעגן בײַ אים פאַרפאַלן ווערן, אַלע אויף אײן שטײגער: אין אַ שײנעם פרימאָרגן פלעגן זײ זיך אָפּרײַסן פון שטריקל, אוועקלויפן אין די בערג, און דאָרט אין דער הײך פלעגט זײ דער וואָלף אויפ־פרעסן. קײן שום זאַך האָט זײ ניט געקאָנט אָפּהאַלטן: ניט די ליבע פון דעם באַלעבאָס, ניט דער פּחד פאַרן וואָלף.

דאָס זײַנען, ווײַזט אויס, געווען ציגן, וואָס זײַנען געווען גרײט אויף אַלץ, אַבי האָבן פרישע לופט און זײַן פרײַ.

סעגיִען האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטײן, וואָס איז מיט זײַנע ציגן, און ער האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן.

— אַ סוף! — האָט ער געזאָגט — די ציגן איז לאַנגווײַליק בײַ מיר. מער קויף איך ניט קײן אײן ציג אַפילו.

ער האָט אָבער ניט אויסגעהאַלטן. און הגם עס זײַנען שוין אומ־געקומען בײַ אים זעקס ציגן אויף אײן און דעם זעלבן אופן, האָט ער דאָך געקויפט אַ זיבעטע. נאָר דאָס מאָל האָט ער אויסגעקליבן גאָר אַ יונגע ציג, כּדי זי זאָל זיך בעסער צוגעוווינען זײַן בײַ אים.

אַך, סאַר אַ שײנינקע ס׳איז געווען אָט די דאָזיקע קלײנע סעגיִענס ציג! ווי שײן זי האָט אויסגעזען מיט אירע צאַרטע אויגן, מיט איר שפּיציקן בערדל, מיט אירע שוואַרצע און גלאַנצנדיקע קאָפּיטעס, מיט אירע געשטרײַפטע הערנערלעך און מיט איר לאַנגער ווײַסער וואָל, וואָס האָט זי ווי מיט אַ מאַנטל אײַנגעהילט! דערצו איז זי נאָך געווען אַ שטילינקע און מילדע, האָט זיך רויִק געלאָזט מעלקן און איז ניט געקראָכן מיט די פיסלעך אין מעלקשעפל אַרײַן.

דאָס איז געווען אַן אַנטיקל אַ ציג...

סעגיִען האָט הינטערן שטיבל זײַנעם געהאַט אַ שטיקל פעלד, וואָס איז אַרום און אַרום פאַרוואַקסן געווען מיט דערנער־קוסטעס. אַהינצו האָט ער אָפּגעפירט זײַן ציג. אויף דעם בעסטן שטיקל פּלאַץ האָט ער זי דאָרט צוגעבונדן אויף אַ לאַנגן שטריקל צו אַ פּלעקל און פלעגט אַלע מאָל קומען אַ קוק טאָן, וואָס מאַכט זי. די ציג האָט אויס־געזען זײער גליקלעך, האָט פרײלעך געריסן מיט די צײנדלעך דאָס גראָז און סעגיִען האָט געקליבן נחת פון איר.

— דאַנקען גאָט! — האָט זיך געטראַכט דער אָרעמער סעגיִען. — אָט איז כאָטש אײנע, וואָס עס וועט איר ניט זײַן אומעטיק בײַ מיר.

סעגיען האָט אָבער א טָעות געהאַט. זײַן ציג האָט זיך פאַרבענקט. איין מאָל האָט די ציג זיך פאַרקוקט אויף די בערג און א טראַכט געגעבן:

— ווי גוט דאַרף זײַן דאָרט אין דער הייך! סאַראַ פאַרגעניגן דאַרף זײַן אַרומצושפּרינגען דאָרט אין גראָז אָן אָט דעם מיאוסן שטריקל, וואָס רײַבט אָן דעם האַלדז און נאַקן! דאָס פּאַסט נאָר פאַר אַן אייזל, אָדער פאַר אַן עקסל זיך פּיטערן אויף אַן אָפּגעצוימטן פּלאַץ. ציגן דאַרפן האָבן א פרײַ פעלד.

פון דעמאָלט אָן איז איר נמאס געוואָרן דאָס גראָז פונם אָפּגע-צוימטן שטיק פעלד. עס האָט זי אָנגעכאַפּט א בענקעניש. זי איז געוואָרן מאָגער, האָט אויפגעהערט צו געבן מילך. עס איז געווען א רחמנות צו זען, ווי זי האָט א גאַנצן טאָג געציפּט דאָס שטריקל, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די בערג, צעשפּרייט די נאָזלעכער און טרויעריק געמעקעט.

סעגיען האָט זיך געכאַפּט, אַז עפּעס איז איר, דער ציג זײַנער, נאָר ער האָט ניט געוווּסט וואָס... איין מאָל אין דער פרי, אַז ער האָט זי אויסגעמאָלקן, האָט זיך די ציג אויסגעקערעוועט צו אים און א זאָג געטאָן אויף איר לשון:

— הערט נאָר, באַלעבאָס, ס׳מיר אומעטיק בײַ אײַך, לאָזט מיך אָפּ אין די בערג.

— אַך, גאָט מײַנער, זי אויך! — האָט סעגיען דערשראָקן אויסגע-שריגן, און פון גרויס שרעק האָט ער איבערגעקערט דאָס מעלקשעפל און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז לעבן זײַן ציג.

— בלאַנקעטע, וואָס הייסט, דו ווילסט מיך אוועקוואַרפן?

בלאַנקעטע האָט געענטפערט:

— יאָ, הער סעגיען.

— וואָס, ס׳פעלט דיר דען גראָז?

— אָ, ניין, הער סעגיען.

— אָפשר איז דאָס שטריקל צו קורץ? ווילסט, וועל איך צובינדן א לענגערס.

— ניט כדאַי די טרחה, באַלעבאָס.

— וואָס זשע דען דאַרפסטו, וואָס זשע ווילסטו?

— איך וויל גיין אין די בערג, הער סעגיען.

— צי ווייסטו דען ניט, אומגליקלעכע, אַז אין די בערג איז דאָ דער וואָלף? וואָס וועסטו טאָן, אַז ער וועט אָנקומען?

— איך וועל אים געבן אַ שטויס מיט די הערנער, הער סעגיען!

— דער וואָלף לאַכט זיך אויס פון דײַנע הערנער. ער האָט שוין גענוג ציגן מיר אויפגעפרעסן, און מיט אַביסל גרעסערע הערנער ווי דײַנע. געדענקסט די אָרעמע אַלטיטשקע רענאַד, וואָס איז דאָ געווען פאַר אַ יאָרן? סאַר אַ גרויסע ציג דאָס איז געווען, און אַ מין שטאַרקע און בייזע, ווי אַ באָק! אַ גאַנצע נאַכט האָט זי זיך געראַנגלט מיטן וואָלף, און אין דער פרי האָט זי פאָרט דער וואָלף אויפגעפרעסן.

— אומגליקלעכע רענאַד, נעבעך!.. אָבער דאָס מאַכט ניט אויס, — הער סעגיען, לאָזט מיך אַוועקגיין אין די בערג.

— גאָט מײַנער! — האָט סעגיען געזאָגט — וואָס איז געוואָרן מיט מײַנע ציגן? אָט וועט דער וואָלף נאָך איינע פאַרצוקן. אָבער ניין! איך וועל דיך ראַטעווען, דו שלעכטס איינע, הגם דו ווילסט ניט. און כּדי דו זאָלסט זיך ניט אָפּרײַסן פון שטריקל, וועל איך דיך אויף שטענדיק פאַרשפּאַרן אין שטעלכל.

און סעגיען האָט אַוועקגעטראָגן די ציג אין פינצטערן שטעלכל און האָט פאַרשלאָסן די טיר אויף אַ צווייענדיקן שלאָס. צום אומגליק האָט ער פאַרגעסן, אַז דאָרט איז פאַראַן אַ פענצטערל. און ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגעקערט, האָט די ציג זיך אַרויסגעכאַפּט פון דאָרט.

*

אַז די ציג איז געקומען אין די בערג אַרײַן, איז דאָרט געוואָרן אַ גרויסע פרייד. די אַלטע סאָסנעס האָבן נאָך קיין מאָל ניט געזען אַזאַ שיינקייט. מע האָט זי אויפגענומען ווי אַ קליינע פרינצעסין. די קאַשטאַן=ביימער האָבן זיך אָנגעבויגן ביז צו דער ערד, כּדי צו גלעטן די ציג מיט די שפּיצן פון זייערע צווײַגן. די גאָלדענע גרעזעלעך האָבן פאַר איר געמאַכט אַ וואַרע, בעת זי איז געגאַנגען, און האָבן פאַרשפּרייט בשׂמים=ריחות, וויפיל זיי האָבן נאָר געקאָנט. דער גאַנצער באַרג האָט זי אויפגענומען יום=טובֿדיק.

איר שטעלט זיך פאָר, ווי אונדזער ציג איז געווען גליקלעך! ניטאָ מער קיין שטריקל, ניטאָ מער קיין פּלעקל... ניטאָ מער, וואָס זאָל זי ניט לאָזן שפּרינגען, רײַסן די בלעטלעך, ווי איר גלוסט זיך. און וויפיל גראָז דאָ איז פאַראַן! העכער איבער די הערנער! און וואָס פאַר אַ גראָז! געשמאַקס, דינינקס, מיט שפּיצן, טויזנטערליי מינים... אַ ביסל בעסער גראָז, ווי דאָרט אויפן אָפּגעצוימטן פּלאַץ! און וויפיל בלומען! גרויסע, בלויע גלעקעלעך, פּורפּורנע פינגערהוטן מיט לאַנגע בעכערלעך — אַ גאַנצער וואַלד מיט ווילדע בלומען, וואָס פון זייער שטאַרקער זאַפט פאַרדרייט זיך דער קאָפּ.

די חײַסע ציג, וואָס איז געווען אַ ביסל פֿאַרשיכּורט, האָט זיך גע־חאַלגערט אין גראָז מיט די פֿיס אין דער לופֿטן און האָט זיך אראָפּגע־קײַלערט אין אײנעם מיט די אראָפּגעפֿאַלענע בלעטלעך און קאַשטאַנעס באַרג־אַראָפּ... דערנאָך האָט זי מיט אַ מאָל מיט איין שפּרונג זיך ווידער געשטעלט אויף די פֿיס: האָפּ! און זי איז אַוועק ווײַטער מיט אַן אויסגע־צויגענעם קאָפּ איבער די געדיכטע קוסטעס און קלײנע בוקסבײמעלעך; אָן פֿליט זי אַרויף ביזן סאַמע שפּיץ באַרג, און אָן לאָזט זי זיך אַראָפּ אין אַ טיפֿער גרוב; אַרויף, אַראָפּ, אומעטום. עפּעס האָט דאָס אויס־געזען, גלײַך ווי ניט אײנע, נאָר גאַנצע צען ציגן זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון סעגיִענען.

בלאַנקעטע האָט פֿאַר קיין שום זאַך ניט מורא געהאַט.

מיט איין שפּרונג איז זי אַריבער ברייטע באַרגשטראָמען, וואָס האָבן זי באַשפּריצט מיט פֿײַכטן וואַסערשטויב און שוים. דערנאָך האָט זי זיך, אין גאַנצן אַ נאַסע, פֿאַרקליבן אויף אַ גלאַטן שטיין און זיך גענומען טריקענען אויף דער זון. איין מאָל איז זי צוגעלאָפֿן מיט אַ בלימעלע ביזן ראַנד פֿון אַ פּלאַכן באַרג און האָט מיט אַ מאָל דערזען אונטן, דאָרט גאָר־גאָר אונטן אין טאָל, סעגיִענס שטיבל מיטן פֿעלדל הינטער דעם. זי האָט געלאַכט כּמעט ביז טרערן.

— ווי קליין דאָס איז! — האָט זי געזאָגט — ווי האָב איך געקענט דאָרט אויסהאַלטן!

אָרעמע! זי האָט זיך פֿאַרקליבן אַזוי הויך, אַז איר האָט זיך אויס־געוויזן, אַז זי איז, ווייניקסטנס אַזוי גרויס ווי די וועלט...

הכּלל, דאָס איז געווען אַ גוטער טאָג פֿאַר סעגיִענס ציג. אַרום האַלבן טאָג האָט זי, אַרומלויפֿנדיק אויף אַלע זײַטן, באַגעגנט אַ משפּ־רעדע ווילדע ציגן, וואָס האָבן געשיקט אַרומגעריסן מיט די שיינע ציינדלעך די ווילדע ווײַנטרויבן. די ציג מיט איר ווײַסן מענטעלע האָט בײַ זיי אַלעמען שטאַרק אויסגענומען. מע האָט איר אָפּגעגעבן דאָס בעסטע אָרט אינעם ווײַנגאָרטן, אַלע האָבן אַרום איר געדרייט זיך...

*

מיט אַ מאָל האָט אַ בלאָז געטאָן אַ קאַלט ווינטל. דער באַרג איז געוואָרן פֿיאָלעט. די נאַכט איז צוגעפֿאַלן.

— שוין! — האָט די קלוגע ציג געזאָגט און איז געבליבן שטיין שטאַרק פֿאַרוווּנדערט.

אונטן זײַנען די פֿעלדער פֿאַרזונקען געוואָרן אין געדיכטן נעפּל. און פֿון דער שטוב האָט מען מער ניט אַרויסגעזען ווי דעם דאַך און

א קלײנינקן רויך איבער אים. די ציג האָט דערהערט גלעקלעך פון א טשערעדע, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דער פּאַשע, און אויפן הארצן איז איר געוואָרן אזוי אומעטיק... א נאַכטפויגל איז איבער איר דורכגעפלויגן און האָט זי א ריר געגעבן מיט די פליגלען. זי האָט א ציטער געטאָן... דערנאָך האָט עפּעס אָנגעהויבן צו ברומען אין די בערג:

— הו! — הו!

זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם וואָלף. א גאַנצן טאָג איז ער איר, דער נאַרישער ציגעלע, אפילו אויף דעם זינען ניט אַרויף... ווײַט-ווײַט אין טאָל האָט זיך אין דער זעלבער רגע געלאָזט הערן א שאָלן פון האָרן. דאָס האָט סעגיען זי גערופן.

— הו! — הו! — האָט געברומט דער וואָלף.

— קער זיך אום! קער זיך אום! — האָט געשריען דער האָרן.

בלאַנקעטע איז שוין געווען גרייט זיך אומצוקערן, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פלעקל, שטריק און ארומגעצוימטן פעלד, און זי האָט געפילט, אַז זי וועט שוין מער דאָרט ניט קענען לעבן און אַז ס'איז בעסער שוין בלײַבן דאָ... דער האָרן איז אנטשוויגן געוואָרן.

די ציג האָט דערהערט הינטער זיך א גערויש פון די בלעטלעך. זי האָט זיך איבערגעדרייט און דערזען אין דער פינצטערניש צוויי קורצע און אָנגעשפּיצטע אויערן מיט צוויי ברענענדיקע אויגן...
דאָס איז געווען דער וואָלף.

ער איז געזעסן אויף די הינטערשטע פיס א גוואַלדיק גרויסער, ווי א פארגליווערטער, האָט געקוקט אויף דער קלײנינקער ווײַסער ציג און זיך באַלעקט פון פארגעניגן. דער וואָלף האָט געוווּסט, אַז ער וועט זי אויפפרעסן, און דעריבער האָט ער זיך בײַז צעלאַכט:

— האַ, האָ! סעגיענס קלײן ציגעלע!—און ער האָט א פיר געטאָן מיט זײַן גראָבער רויטער צונג איבער די צונטער-רויטע יאַסלעס.

בלאַנקעטע האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז פאַרפאַלן. זי האָט זיך דערמאָנט די געשיכטע מיט דער אַלטער רענאַד, ווי זי האָט זיך געראַנגלט א גאַנצע נאַכט מיטן וואָלף, ביז זי איז גאַנץ פרי פאַר-צוקט געוואָרן. און זי איז געווען גרייט, אַז ער זאָל זי תּיכּף אויפ-פרעסן. אָבער דערנאָך האָט זי זיך באַטראַכט און האָט זיך אַוועקגע-שטעלט גרייט מלחמה צו האַלטן, האָט אָנגעבויגן דאָס קעפּל, אָנגע-שטעלט די הערנערלעך, ווי עס פּאַסט פאַר סעגיענס אַ דרייסטער ציג. דאָס האָט ניט געמיינט, אַז זי האָט געהאָפט צו דערהרגענען דעם וואָלף—

ציגן הַרגענעֶן ניט קײן װעלף — זי האָט מער ניט געװאָלט זען, צי װעט זי אױך קענען זיך האַלטן אַזױ לאַנג װי רענאַד...

דער מורָאדיקער װאָלף האָט זיך דערנענטערט, און די קלײנע הערנערלעך האָבן אָנגעהױבן אַרומטאַנצן.

אָ, די בּראַװע ציג, װי זי האָט זיך געפּלײַסט! אָן אַ גוזמָא — צען מאָל האָט זי געצװוּנגען דעם װאָלף אָפּצוטרעטן און איבּערצוכאַפּן דעם אָטעם... בּעַת די דאָזיקע קלײנינקע הַפסָקות האָט די נאַשערין אַ כאַפּ געטאָן אַ ריטל און אַ זיס גרעזעלע און מיט אַ פולן מױל זיך אומגעקערט צום געשלעג. אַזױ האָט עס זיך געצױגן אַ גאַנצע נאַכט. פון צײַט צו צײַט האָט סעגיענס ציג אַ קוק געגעבּן אױף די שטערן, װאָס האָבּן געפינטלט אין ליכטיקן הימל, און האָט זיך געטראַכט:

— אָ, װען איך זאָל נאָר דערציען בּיז עס װעט אָנהײבּן טאָגן...

אײנס נאָכן אַנדערן האָבּן די שטערן אָנגעהױבּן זיך אױסלעשן. בּלאַנקעטע האָט מיט אַ טאָפּלטער קראַפט געקלאַפּט מיט די הערנער, אַלץ טיפער האָבּן זיך אײַנגעבּיסן דעם װאָלפס צײן... אױפן האָריזאָנט האָט זיך בּאַװיזן אַ בּלײכער ליכט־פּאַס. פון אַ פאַרם האָט זיך געלאָזט הערן אַ הײזעריק קרײען פון אַ האָן.

— אַ סוף — האָט געזאָגט די אָרעמע ציג, װאָס האָט נאָר גע־װאַרט אױפן טאָג כּדי צו שטאַרבּן, און זי האָט אַ פאַל געטאָן אױף דער ערד, איר װײַסער פוטער איז געװען אין גאַנצן אין בּלוט...

דעמאָלט האָט זיך דער װאָלף אַרױפגעװאָרפן אױף דער קלײנער ציג און האָט זי אױפגעפרעסן.

א. דאָדע,

ידיש—ד. ב. סלוצקי.

דער העלדישער האָז.

אַ האָז איז געבוירן געוואָרן אין וואַלד און האָט זיך פאַר אַלץ געשראָקן. ברעכט זיך אָפּ אַ צווייַגל, פליט דורך אַ פויגל, פאַלט אַראָפּ פון בוים אַ שטיק שניי—ווערט דער האָז הערשראָקן אויף טויט.

געשראָקן זיך אַ טאָג, צוויי, אַ וואָך, אַ יאָר, דער האָז איז געוואָרן אַ גרויסער—און מיט אַ מאָל האָט אים דערעסן זיך צו שרעקן.

איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא ניט!—האָט ער אויסגעשריען אויפן גאַנצן וואַלד—אַפילו קיין קאָפּ קיין מורא ניט—און גאָר!

עס זיינען זיך צונויפגעקומען אַלטע האָזן, זיך צונויפגעלאָפן קליי-נינקע העזעלעך, געבראַכט צו שלעפּן אַלטעטשקע העזעכעס—אַלע הערן, ווי עס באַרימט זיך דער האָז „לאַנגע אויערן-קרומע אויגן-קורצער עק" (אַזוי האָט מען אים גערופן)—זיי הערן און גלויבן ניט זייערע אויערן. ס'איז נאָך אַזעלכעס ניט געהערט געוואָרן—אַ האָז זאָל זיך פאַר קיינעם ניט שרעקן?

—הער דו, קרומע אויגן, האָסט ניט מורא פאַר קיין וואָלף?



—איך האָב ניט מורא פאַר קיין וואָלף, פאַר קיין פוקס, פאַר קיין בער, פאַר קיינעם האָב איך קיין מורא ניט!

דאָס איז שוין גאָר געווען אַ געלעכטער. ס'האָבן געלאַכט די יונגע העזעלעך, צודעקנדיק די מיילכעלעך מיט די פאָדערשטע פיסעלעך, ס'האָבן געלאַכט די גוטע אַלטע העזעכעס, און אַפילו די אַלטע האָזן, וואָס זיינען שוין גע-ווען אין די לאַפּעס פון די פוקסן און פאַרזוכט די ציין פון וועלף, האָבן אויך געשמייכלט:

—אָך וואָס פאַר אַ לעכערלעכער האָז דאָס איז, ס'איז טאַקע אַ געלעכטער!...

און אַלעמען איז מיט אַ מאָל געוואָרן פריילעך. זיי האָבן אָנגעהויבן

שטיפן, שפרינגען, איבעריאָגן איינער דעם צווייטן, גלײַך זיי זיינען פון זינען אַראָפּ.

— וואָס איז דאָ לאַנג צו ריידן! — האָט אויסגעשריִען דער העלדישער האָז. — ווען מיר טרעפט זיך אַ וואָלף — נעם איך און עס אים אויף איינער אַליין.

— אַך וואָס פאַר אַ לעכערלעכער האָז דאָס איז! וואָס פאַר אַ נאַרישער!

אַלע הערן, ווי ער רעדט נאַרישקייטן, און אַלע לאַכן.

די האָזן שרײַען און ריידן פונעם וואָלף — און אָט איז ער טאַקע דאָ!

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער דעם וואַלד צוליב זײַנע וועלפישע געשעפטן, האָט זיך אויסגעהונגערט און אַ קלער געטאָן: „ס׳וואָלט גאָר ניט שלעכט געווען פאַרבײַסן מיט אַ העזעלע!״ פּלוצים דערהערט ער, די האָזן שרײַען דאָ גאָר נאָענט און דערמאָנען זײַן נאָמען.

האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ צי געטאָן מיט דער נאָז די לופט פון אַרום און זיך אָנגעהויבן אונטערצוגנבענען.

דער וואָלף האָט זיך אונטערגערוקט שוין גאָר נאָענט צו די שטיפנדיקע האָזן און הערט, ווי זיי לאַכן אים אויס, און מער פאַר אַלעמען — דער באַרימער, דער האָז „לאַנגע־אויערן־קרומע־אויגן־קורצער עק״.

— „ע-־טראַכט דער וואָלף — וואַרט אַ ביסל, דיך באַרימער וועל איך טאַקע אויפעסן!״ און ער האָט אָנגעהויבן זיך צוקוקן, וועלכער פון די האָזן באַרימט זיך עס מיט זײַן העלדישקייט.

און די האָזן באַמערקן גאָרניט און שפּילן זיך נאָך פריילעכער ווי פריער. צום סוף איז דער באַרימער אַרויפגעשפרונגען אויף אַ קלעצל, זיך צוגעזעצט אויף די הינטערשטע פיסלעך און גענומען ריידן: „הערט נאָר, איר שרעקעדיקע! הערט און קוקט אויף מיר! איך וועל אײַך באַלד באַווײַזן אַ שפּיצל... איך... איך״...

דאָ איז בײַ דעם באַרימער מיט אַ מאָל אַזוי ווי אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון: דער האָז האָט דערזען דעם וואָלף, ווי ער קוקט אויף אים.

די איבעריקע האָזן האָבן גאָר ניט באַמערקט, נאָר ער אַליין האָט געזען און געציטערט אַן אָטעם צו טאָן.

ווייַטער האָט זיך געטראָפן גאָר אַן אומגעווייִנלעכע זאַך...

דער באַרימער האָט אַ שפרונג געטאָן אין דער לופטן, און פון שרעק איז ער אַרויפגעפאַלן צום וואָלף אויפן ברייטן שטערן, האָט זיך ווי אַ קויל דורכגעקייַקלט איבער דעם וואָלפס פּלייצע, נאָך אַ מאָל זיך איבערגעקערט אין דער הויך—און גענומען לויפן מיט אַזאַ אימפּעט, פּונקט ווי ער וואָלט וועלן אַרויסשפּרינגען פון זיין אייגענער פעל.



דער אומגליקלעכער האָז איז אַזוי געלאָפן און געלאָפן, ביז ער האָט זיך אין גאַנצן אַרויסגעשלאָגן פון די כּוחות.

אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז דער וואָלף יאָגט זיך נאָך אים נאָך און אָט, אָט כאַפּט ער אים מיט זיינע שאַרפע ציין. צום סוף איז ער געבליבן אָן כּוחות און מיט פאַרמאַכטע אויגן כּמעט ווי טויט אַנידערגעפאַלן אונטער אַ בוים.

דער וואָלף איז אין דער זעלביקער צייט געלאָפן גאָר אין אַן אַנדער זייט. ווען דער האָז איז אויף אים אַרויפגעפאַלן, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עס האָט אים געטראָפן אַ קויל פון אַ ביקס, און ער איז אַנטלאָפן.

דערביי האָט ער געקלערט: קאַרג אַנדערע האָזן אין וואַלד! דער איז עפּעס גאָר אַ משוגענער.

לאַנג האָבן די איבעריקע האָזן ניט געקאָנט קומען צו זיך: ווער ס'איז אַנטלאָפן געוואָרן, ווער ס'האָט זיך באַהאַלטן צווישן די ביימער, ווער ס'האָט זיך פאַררוקט אין אַ גריבל.

ענדלעך איז זיי נמאס געוואָרן צו באַהאַלטן זיך, און זיי האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַרויסצוקריכן פון זייערע לעכער.

— נו, האָט דאָס אונדזער האָז אָנגעשראָקן דעם וואָלף! — האָבן

אלע באשטימט.— ווען ניט ער, וואָלטן מיר קײַן לעבעדיקע ניט אַרויס פון זיינע ציין!... ווו איז ער אָבער, אונדזער העלד?

מ׳האָט אים אָנגעהויבן זוכן.

מע איז געגאַנגען, געזוכט,—ניטאָ אין ערגעץ דער העלדישער האָז. צי האָט אים ניט אויפגעגעסן אַן אַנדער וואָלף?

ענדלעך האָט מען אים געפונען: ער איז געלעגן אין אַ גרוב אונטער אַ בוים, קוים קוים אַ לעבעדיקער פון שרעק.

—ביסט אַ וווילער יונג!—האָבן אַלע האָזן אין איין קול אויסגעשריען.—אָט אַ מַזיק! האָסט אים פײַן אָנגעשראָקן, דעם אַלטן וואָלף. אַ דאַנק, ברודער! און מיר האָבן אַלץ געקלערט, אַז דו ביסט נאָר אַ באַרימער.

דער העלדישער האָז איז מיט אַ מאָל בײַ זיך שטאַרק געוואָרן, אַרויסגעקראָכן פון זיין גריבל, זיך אָפּגעטרייסלט, האָט פאַרגלאָנצט די אויגן און אַ זאָג געטאָן:

—אַזוי גאָר, האָט איר גערעכנט? ע, איר שרעקעדיקע!...

און פון דעמאָלט אָן האָט דער העלדישער האָז אָנגעהויבן אַליין צו גלויבן, אַז ער האָט אין דער אֶמֶתן קיין מורא ניט פאַר קיינעם אין דער וועלט.

מאמין סיביריאַק

ווי מיר וווינען.

די שטאָט קאַסרילעווקע.

פאַראַן אַלערליי שטעט אויף דער וועלט. פאַראַן אויך אַזאַ שטאָט, וואָס מע רופט זי „קאַסרילעווקע".

ווו געפינט זיך קאַסרילעווקע, ווילט איר וויסן?

ווײַט, ערגעץ אין אַ זײַט, פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, ווײַט פון אַ באַן, ווײַט פון אַ יַם — און מע האָט דערפון קאַרג וואָס יסורים; ווינציקער טאַראַראַם.

ווי אַזוי זעט אויס די שטאָט קאַסרילעווקע?

זי זעט אויס ווי אַ... ווי אַ וואָס זאָל איך אײַך זאָגן אַ שטייגער? ווי אַ סאָנישניק, וואָס איז אָנגעזעצט מיט סעמעטשקעס. אָדער ווי אַ לאָקשנברעט מיט פאַרפל אַ סך.

די לאָקשנברעט — דאָס איז די שטאָט, די פאַרפל — דאָס זײַנען די שטיבלעך, וואָס זײַנען אָנגעזעצט איינס אויף דאָס אַנדערע.

קאַסרילעווקע שטייט אויף אַ באַרג, דאָס הייסט—אויף קאַסרילעווקע



שלום עליכם

שטייט אַ באַרג, און אויפן באַרג און אונטערן באַרג שטייען הײַזלעך אַ סך איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי קבָרים אויף אַן אַלטן בית־עולמין, אַלטע, שוואַרצע, אײַנגעבויגענע, האַלב־אײַנגעפאַלענע מַצֵבות.

קיין גאַסן איז ניט שַייך צו זאָגן, מַחמת די הײַזער גייען נישט געבויט אויסגערעכנט און אויסגעמאָסטן נאָכן צירקול. און קיין סך פלאַץ צווישן די הײַזער איז אויך נישטאָ: למאַי זאָל שטיין אומזיסט־אומנישט אַ ליידיקער פלאַץ, אַז מע קאָן דערויף אַנידערשטעלן אַ שטוב?

פון דעסט וועגן האָט קיין יסורים ניט. פאַראַן גאַסן אויך. גרויסע גאַסן און קליינע געסלעך, און שמאָלע געסלעך, און הינטערגעסלעך. אַי וואָס, ס'איז נישט עפּעס אַזוי גלײַך, אַ ביסל געדרייט, באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף — און פּלוצעם נאָט אײַך אַ שטוב. אָדער אַ קעלער, אָדער גלאַט אַ גרוב? — וועט איר אַ ברֵירָה האָבן נישט צו גיין איינער אַליין בײַ נאַכט אָן אַ לאַמטערן! פאַר די קאַסרילעווקער זאָלט איר זיך ניט זאָרגן: אַ קאַסרילעווקער אין קאַסרילעווקע צווישן קאַסרילעווקער וועט ניט פאַרבלאָנדזשעט ווערן קיין מאָל. איטלעכער טרעפט צו זיך אַהיים ווי אַ פייגעלע צו זיך אין נעסט אַרײַן.

און ווײַטער איז פאַראַן אין מיטן שטאָט אַ ברייטער, האַלב קײַלעכיקער, און אֶפשר אַ דרײַעקיקער פלאַץ, וואָס דאָרטן זײַנען די געוועלבן מיט די יאַטקעס מיט די שטעלעכלעך, און דאָרטן שטעלט

ויך אויס דער מאַרק אַלע פרימאָרגן, ווו עס פאָרן זיך צונויף א סך גוים מיט א סך גויעס מיט אַלערליי מינים סחורות און עסנוואַרג, פון פיש ביז ציבעלעס מיט כריין מיט פעטרעשקע און מיט שאָר ירקות. און דאָרטן ליגן אויסגעצויגן בײַ טאָג אַלע ציגן פון שטאָט און וואַרעמען זיך קעגן דער זון.

קאַסריליעווקע ווייס ניט פון קיין קאַנאַליזאַציע און פון קײַן עלעקטר ע.

שלום עליכם.

אין שטעטל.

סונקל רויט גייט אויף די זון
און צינדט אָן דעם הימל.
ס׳רוט דאָס קליינע שטעטעלע
איינגעהילט אין דרימל.

טרו=טרו=טרו, דער פּאַסטוך קומט
בלאָזנדיק אין האָרן—
איז די שלאָפנדיקע גאַס
פריילעכער געוואָרן.

לענגער, דוכט זיך, איז די גאַס,
און די הייזלעך קלענער.
הייזעריק, פאַרשלאָפענע
קרייען ערגעץ הענער.

גייען בהמות שוין אין פעלד,
וואַרפן מיט די עקן,
טרייבט אַ יידינע איר ציג
מיט אַ לאַנגן שטעקן.

גייט א פויערטע צום טייך
אָנפילן די עמער.
גייט א ייד אין שול אַריין—
און אין קראָם דער קרעמער.

נ. מ ו ס ר.

אַ שטעטל בײַ דער ווײַסל.

דאָס שטעטל ליגט אַ האַלבס אויפן באַרג, און דער עק פון צווייטן האַלבן שטעטל גרייכט שוין אין וואַסער אַרײַן. און שטייענדיק אויפן באַרג פאַרן שול=פלאַץ, קוקט מען גלײַך אַריבער אויף יענער זײַט וואַסער, ווו די פעלדער ציען זיך ווײַט אַוועק... און שטייענדיק אויפן באַרג, און אַראָפקוקנדיק דאָרט ווײַט אין די פעלדער אַריבער, וואָס זײַנען אויף יענער זײַט וואַסער, ווילט זיך טייל מאָל א ייִנגעלע די הענט פאַרשפרייטן, די פיס דערהויבן, און היידא... א פלי אַריבער, ווײַט אוועק, איבערן וואַסער, ווײַט אין די פעלדער אַריבער.

אַ דאָנערשטיק נאָך מיטאָג, די קינדער זײַנען פריער פון חדר אהיים געקומען. מע לאָזט זיך צום וואַסער אראָפּ.

אָט שטייט אַ יידינע בײַם ברעג און וואַשט די קינדערלעך אויס לכּבֿוד שבּת. דאָס קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס, רײַסט ארויס איר נאָסן, אײַנגעזייפטן קאָפּ פון אונטער דער מוטערס הענט און וויינט הויך.

די יינגלעך שטיפן ארום אויף אַ שיפל, וואָס שטייט בײַם ברעג. איינער שטופּט מיט דעם רודער פון דעם ברעג אָפּ, און אָט לאָזט זיך דאָס שיפל אין וואַסער. די קינדער שרײַען און שאַלן מיט גדולה.

און אָט קומט פון דער ווײַטן אַ בערלינקע אָן צו שווימען און שווימט זיך רויִק, פּאַמעלעך, ווי אַ שאָטן דורך דאָס שטעטל.

פון דאָרט, פון דער ווײַטן, ווײַזן זיך רויטע ספּאָדניצעס, און באָר־וועסע פיס שטייען אין װאַסער, און פאַרקאַטשעטע הענט קלאַפּן אײַ ווײַסע שטיקער וועש.

אַ מיידל שטייט בײַם ברעג און וואַשט דאָס געפעס אָפּ. עס שווימט איר אַ טעלערל אוועק אין וואַסער. זי וויינט. קומט אָן אַ חדר־קונדעס, ער לאָזט שוין זײַן לאַנגע קאַפּאָטקעלע אין וואַסער נעצן און מיטן הוט שלעפּט ער פון וואַסער דאָס אוועקגעשווימטע טעלערל ארויס.

און אָט קומען אויף אַ שיפל ר׳ חיים־דוד און בּרוך פישער צו שווימען מיט אַ גרויסער פולער נעץ פיש.

און נאַקעטע קינדערלעך באָדן זיך און האָדעווען זיך אין וואַסער.

ש לו ם א ש.

אויף די קאַרוסעלן.

רונדאַ, רונדאַ, רונד אַרום
אויף די קאַרוסעלן!
יאַנקל־באַנקל בול־בול־בול
הערט ניט אויף צו קוועלן.

ראָד־ארײַן און ראָד־ארויס,
אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט זיך.
יאַנקל־באַנקל יאָגט זײַן פערד,
יאָגט זײַן פערד און פרייט זיך.

אַ פּוס אַהער, אַ פּוס אַהין,
און דאָס פערד אין מיטן.
יאַנקל־באַנקל פײַער־פלאַם,
אַז רײַטן, איז געריטן!

קלינגען גלעקלעך, פּויקט די פּויק,
די שאַרמאַנקע זשומעט,
טאַנצט די וועלט אַ קאַראַהאָד,
דרייט זיך אַלץ אַרומעט.

י. גויכבערג.

עק וועלט.

דאָרט, אויף יענער זייט בית־עולם, הינטער דער שטאָט, גייט זיך צונויף דער הימל מיט דער ערד.

דאָרט, אויף יענער זייט בית־עולם, הינטער דער שטאָט, איז עק וועלט. אַזוי האָבן מיר אַלע אין חדר אָפּגעפּסקנט און האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך צונויפצוזאַמלען זיך שבת בייטאָג, ווען דער עולם, ווען אַלע יידן, ווען די גאַנצע שטאָט שלאָפן מיטן זיסן שבתדיקן שלאָף, און זיך לאָזן גיין און גיין ביזן עק־וועלט.

ס'איז בײַ טאָג, ווען דער עולם, ווען אַלע יידן, ווען די גאַנצע שטאָט זיינען געשלאָפן מיטן זיסן שבתדיקן שלאָף, האָבן מיר זיך צונויפגעזאַמלט און זיך געלאָזט גיין און גיין ביזן עק־וועלט.

און מיר זיינען געגאַנגען — צי אַ שעה, צי צוויי, צי דריי — ווייס איך נישט; נאָר מיר זיינען ב״ה מיט גאָטס הילף געקומען בשלום ביז דער מיל, ביז דער ווינטמיל.

דאָ, בײַ דער ווינטמיל, האָבן מיר זיך געזעצט רוען; זיך צוגע־זעצט, צוגעלייגט: צוגעלייגט זיך, אויסגעצויגן זיך אויפן גרינעם גראָז, אויפן שמעקנדיקן גראָז און געכאַפּט אַ דרעמל.

יעדער פון אונדז איז פאַרנומען מיט זיין זאַך, מיט זיינע געדאַנקען, מיט זיין פאַרגעניגן; ס'איז שטיל. קיינער זאָגט ניט קיין וואָרט; קיינער וויל, מע זאָל אים איבערשלאָגן, קיינער וויל יענעם איבערשלאָגן.

הו! זשע איז עק וועלט? — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון אונדז.

— אָט דאָס איז דאָך עק וועלט, נאַרעלע! — האָט אים דער אַנדערער געענטפערט.

און ס'איז בײַ אונדז אַלעמען געבליבן דער הסכם, אַז דאָ, הינטער דער ווינטמיל, איז עק־וועלט; אַז ווייטער פון דער מיל איז הרי־חושך, די פינצטערע בערג, וואָס זיינען באַדעקט מיט אַ שוואַרצן גראָז, און דאָרט, אויף די בערג געפינען זיך עד־היום קליינע יידעלעך מיט לאַנגע בערד ביז די שפּיץ פינגער פון די פיס.

און אויף יענער זייט בערג איז דער פאַרגליווערטער ים, וואָס דער שטורעמווינט פאַרטרייבט אַהין אַלע אָקרענטן מיט אַלע שיפן און וואָס קיינער קומט שוין פון דאָרטן ניט צוריק...



לעגענדע וועגן ווילנע.

אויף דעם אָרט, ווו עס געפינט זיך איצט ווילנע, זײַנען פֿאַר צײַטן, מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק, געווען גרויסע געדיכטע וועלדער. די וועלדער זײַנען פול געווען מיט וועלף, בערן, בופלאָקסן און אַנדערע ווילדע חיות. פון אַלע אַרומיקע געגנטן פלעגן קומען אַהער יעגער אויף געיעג.

אויך דער ליטווישער פירשט געדימין פלעגט אַהער אַראָפּקומען אויף געיעג פון זײַן הויפּטשטאָט טראָק, וואָס איז געווען ניט ווײַט.

איין מאָל האָט זיך געדימין אַרומגעיאָגט נאָך ווילדע חיות אויף די בערג, וואָס ליגן בײַ דער ווילִיע. אויף איינעם פון די בערג האָט זיך דעם פירשט אײַנגעגעבן אַוועקצולייגן אַ ווילדן בופלאָקס.

אויף יענעם באַרג איז געשטאַנען אַ טעמפל פאַר דעם גאָט פּערקונאָס (דער גאָט פון דונער בײַ די אַלטע ליטווינער).

פאַרמאַטערט פון יאַגד, איז געדימין דאָרט געבליבן שלאָפן. האָט זיך אים געחלומט, אַז אַ גרויסער וואָלף מיט אַן אײַזערנעם פאַנצער אויפן קאָפּ שטייט אויפן שפּיץ באַרג און ברומט מיט אַ שרעקלעכן געשריי, ווי פון הונדערט וועלף.

געדימין האָט זיך דערשראָקן און זיך אויפגעכאַפּט. באַלד איז ער געגאַנגען צום פּריסטער פון דעם גאָט פּערקונאַס און געבעטן באַשיידן אים דעם חלום. דער פּריסטער האָט אים געזאָגט:

-דער גרויסער וואָלף, וואָס דו האָסט געזען, דאָס איז אַ שטאַרקע פעסטונג און אַ גרויסע שטאָט, וואָס וועלן שטיין אויף דעמדאָזיקן פלאַץ. און וואָס דער וואָלף האָט אַזוי שטאַרק געברומט, דאָס ווײַזט, אַז מיט דער שטאָט וועט קלינגען אַ וועלט.

געדימינען איז געפעלן געוואָרן דער באַשייד פון דעם חלום, און ער האָט באַלד אָנגעהויבן צו בויען אויף דעם אָרט די פעסטונג און די שטאָט, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען ווילנע.

געדימין האָט געמאַכט ווילנע פאַר זײַן הויפּטשטאָט.

פון דעמאָלט אָן האָט ווילנע גענומען וואַקסן און איז געוואָרן אַ באַרימטע גרויסע שטאָט.

לעגענדע וועגן וואַרשע.

איין מאָל פאַר צײַטן איז אַ פירשט ארויס אויף געיעג אין די וועלדער בײַ דער ווײַסל. פּלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקלעכער שטורעם. עס איז געוואָרן שטאָק-פינצטער. עס האָט גענומען גיסן אַ שלאַקס רעגן.

אַ דורכגענעצטער, אַ דורכגעפראָרענער האָט דער פירשט געבלאָנדזשעט איבערן וואַלד. מיטאַמאָל האָט ער דערזען אַ פײַערל פון דער ווײַטנס. ער איז אַוועק אַהין. דאָס האָט זיך געהייצט אַן אייוועלע אין אַ קליינעם לײמשטיבל. אין דעם שטיבל האָט געוווינט אַן אָרעמער פוייער מיט זײַן פרוי און צוויי קלייניקע קינדער, אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע. דאָס ייִנגעלע האָט געהייסן וואַר, און דאָס מיידעלע סאַוואַ.

דער אָרעמער באַלעבאָס האָט זייער פרײַנדלעך אויפגענומען דעם פאַרבלאָנדזשעטן און האָט אים מכבד געווען מיט זײַן לעצטן שטיקל ברויט און געגעבן אים אַ וואַרעמען געלעגער.

אויף מאָרגן האָט דער גאַסט דערציילט די באַלעבאַטים פון שטיבל, אַז ער איז דער פירשט פון דער גאַנצער געגנט. פאַר זייער גוטסקײַט האָט ער זיי געשאָנקען אַ גרויסע שטיק ערד בײַ דער ווײַסל.

אַז וואַר און סאַוואַ זײַנען אויסגעוואַקסן, האָבן זיי דאָ אויסגעבויט זייער שיינע הײַזער. מיט דער צײַט איז דאָ, אויף דעם ברעג פון דער ווײַסל, אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע שטאָט. לויט די נעמען פון וואַר און סאַוואַ האָט מען אָנגערופן די שטאָט וואַרסאַוואַ. מיט דער צײַט האָט זיך דער נאָמען פאַרענדערט אין — וואַרשאַוואַ.

אויף ייִדיש רופט מען די שטאָט — וואַרשע.



די קולות פון דער שטאָט.

פרי־פאַרטאָג דערהערט זיך מיט אַ מאָל איבער דער שטאָט אַ ברום:
או־ו־ו־ו־ו...

פון אַלע עקן שרײַען זיך דורך פאַרשיידענע קולות, דינע און גראָבע:
או־יו — או־יו...

דאָס פײַפן די פאַבריקן. זיי פײַפן און ברומען, רופן צו דער אַרבעט.

פאַר טאָג פאָרן שוין אַרויס: די ערשטע טראַמווײַען. זיי פירן די אַרבעטער אויף די פאַבריקן.

עס קלאַפן די רעדער: דזין־דזין־טראַ־טאַ־טאַ.

אַ טראַמוויי איז אַוועק.

— פיפי! פיפי! פיפי! — האָט זיך צעטרובעט אַן אויטאָ.

איבערן קאָפּ האָט עפּעס מיט אַ מאָל גענומען טרעשטשען טר־טר־טר! — אַן אַעראָפּלאַן איז דורכגעפלויגן.

— ר־ר־ר־ר — זײַנען פאַרבײַגעפאָרן שווערע וואָגנס.

— טר־ר־ר־ר — ווי אַרבעס וואָלט זיך צעשיטן: ס'איז דורכגעפאָרן אַ דראָזשקע.

מענטשן אויף די גאַסן ווערט אַלץ מערער, און עס הילכן אַלץ שטאַרקער זייערע טריט אויף די טראָטואַרן.

— האַנדל! האַנדל! האַנדל! צו פאַרקויפן! ווער האָט עפּעס צו פאַרקויפן? אַלטוואַרג, שוכוואַרג, גלאָזוואַרג, צו פאַרקויפן! — צעשרייַען זיך איבערן הויף עטלעכע ווייַבער מיט זעק אויף די פּלייצעס.

— פיש! פיש! לעבעדיקע פיש! — רופט אויס אַ ייִד מיט אַן עמער אויפן קאָפּ.

— אייערבייגל, פרישע אייערבייגל! זעמל, זעמל! — רייַסט זיך אַרייַן אַ דין קעלכעלע פון אַ בעקער־ייִנגל.

— גלין! גלין! גלין! מעסער שאַרפן, שערעלעך, בריטוועס! גלין! גלין! גלין! — קלינגט אַ שלייַפער אין אַ גלעקל, און באַלד דערהערט זיך דאָס ראַצן פון אַ מעסער אָן אַ שלייַפשטיין.

— קוילן! קוילן! קוילן! — לאָזט זיך מיט אַ מאָל הערן אַ קלינגע-דיקע שטים, און אויפן הויף באַווייַזט זיך, דעם קאָפּ פאַריסן אין דער הייך, מיט אַ בייַטש אין דער האַנט, אַ שוואַרצער קוילנהענדלער.

עס גרילצט, עס פייַפט, עס הילכט, עס קלאַפּט, עס קלינגט, עס טרעשטשעט, עס קוויטשעט, און אַלע קולות גיסן זיך צונויף אין איין גרויסן טומל.

ראַדיאָ.

קינדער, הערט!
ראַדיאָ, ראַדיאָ, ראַדיאָ!..
איבער דראָט און אָן דראָט,
איבער ים,
איבער פעלד,
איבער דאָרף,
איבער שטאָט
גייט דאָס וואָרט,
גייט דער קלאַנג,
גייט געזאַנג.
ראַדיאָ, ראַדיאָ, ראַדיאָ!

ווחד תאָפּשטיין.

אין מאַגיסטראַט.

איך און מײַן חבֿר יודל זײַנען געקומען אין שטאָט אַרײַן זיך לערנען אין אַ יידישער שול. מיר זײַנען געפאָרן מיט דער באַן.

אָנגעקומען זײַנען מיר אין דער שטאָט בײַ נאַכט.

שוין פון דער ווײַטנס האָבן זיך געזען די פײַערן פון דער שטאָט. זיי האָבן געשײַנט ווי שטערן.

אָט האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. מיר גייען אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע.

– אַך, ווי ליכטיק דאָ איז! צענדליגגער עלעקטרישע לאַמטערנעס גיסן זייער שײַן אויף אַלץ אַרום.

בײַ דער באַן וואַרט אויף אונדז מײַן מומע. זי פירט אונדז אין שטאָט אַרײַן צו זיך אַהיים.

אין די גאַסן איז אויך ליכטיק.

מיר גייען לאַנג און קומען צו אַ גרויסן פּלאַץ בײַ אַ טײַך. דאָ דערזעען מיר אַ הויכן מויער. אויף זײַן דאַך – אַ פיגור פון אַ פּרוי מיט אַ העלן עלעקטרישן לאַמטערן אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט.

– וואָס איז דאָס פאַר אַ הויז? – פרעגן מיר בײַ דער מומען.

– דאָס איז די עלעקטרישע סטאַציע – דערקלערט אונדז די מומע – דאָ ווערט אויסגעאַרבעט עלעקטריש ליכט פאַר דער גאַנצער שטאָט.

– פאַר דער גאַנצער שטאָט? – וווּנדערן מיר זיך.

– יאָ, פאַר אַלע הײַזער, פאַבריקן, טעאַטערס, קינאָס. עס קלעקט נאָך ליכט פאַר די פאָרשטעט אויך – זאָגט די מומע.

– בײַ אונדז אין שטעטל איז איצט פינצטער און אַלע שלאָפן שוין, און דאָ איז העלער טאָג! – זאָגט יודל!

מיר זײַנען זייער מיד פון וועג. עס בלײַבט, אַז יודל נעכטיקט הײַנטיקע נאַכט בײַ מײַן מומען, און מאָרגן פרי וועלן מיר אויפזוכן זײַן פעטער.

•

אויף מאָרגן אין דער פרי גייען מיר, איך מיט יודלען, זוכן יודלס פעטער. מיר קומען צו גיין, ערשט – שוין אַ פּאָר וואָכן, ווי ער האָט זיך אַרויסגעקליבן פון דער דירה אין אַן אַנדערער.

– ווּ איז זײַן נײַע דירה? – קיינער ווייס ניט.

– וואָס טוט מען?

איך זע, ווי מײַן יודל האַלט בײַם וויינען.

מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ קומען מיר צוריק צו מײַן מומען. מיר דערציילן איר די גאַנצע מעשה.

– זײַ ניט אַזוי צעטראָגן, יודל – זאָגט די מומע – קום, כ'וועל מיט דיר אַרײַנגיין אין אַדרעסן־ביוראָ און דאָרט דערגיין דײַן פעטערס נײַעם אַדרעס.

יודל ווערט פריילעכער. זאַלבעדריט לאָזן מיר זיך גיין צום אַדרעסן־ביוראָ.

*

מיר קומען צו אויף אַ גרויסער גאַס צו אַ שיינעם מויער מיט אַ הויכן טורעם-אויפן טורעם זעט זיך אַ זייגער.

– אָט דאָ דאַרפן מיר – זאָגט די מומע – דאָ איז דער מאַגיסטראַט.

פון טויער לויפן אַרויס עטלעכע אויטאָס מיט פײַערלעשער אין מעשענע היטלען.

– אין מאַגיסטראַט מוז זײַן אַ שׂרפֿה – זאָגט יודל דערשראָקן.

– ניין, פאַרקערט, דאָס פאָרן די פײַערלעשער אַרויס פון דאַנען ערגעץ אויף אַ שׂרפֿה. דאָ איז זייער שטענדיק אָרט.

*

מיר גייען אַרײַן אין אַ גרויסן צימער. בײַ טישן זיצן פרויען און שרײַבן עפּעס אַרײַן אין דיקע ביכער.

די מומע קויפט אַ צעטעלע, שרײַבט אויף אים אָן דעם נאָמען און פאַמיליע פון יודלס פעטער און דערלאַנגט דאָס צעטעלע איינער פון די פרויען.

די פרוי נעמט דאָס צעטעלע און זוכט עפּעס אין די פּאַליצעס.

באַלד דערלאַנגט זי אונדז דאָס צעטעלע מיטן נײַעם אַדרעס.

די מומע לייענט איבער.

– נו, אָפּגעפונען זיך דײַן פעטער! – זאָגט זי צו יודלען. – ער וווינט ניט ווײַט פון אונדז.

יודל נעמט לויפן.

– וואַרט אַ ווײַלע – זאָגט די מומען – מיר מוזן נאָך אַרײַנגיין אין דער צווייטער אָפּטיילונג – איך דאַרף באַצאָלן פאַר עלעקטרע.

– מומע, – פרעג איך – די עלעקטרישע סטאַציע איז דאָך גאָר ערגעץ אַנ-דערשוואו, פאַר וואָס צאָלסטו דאָס געלט דאָ?

– ווײַל די עלעקטרישע סטאַציע געהערט אויך צום מאַגיסטראַט. דאַרף מען אים צאָלן פאַר דער באַלײַכטונג.

*

מיר קומען אַרײַן אין אַ ברייטן קאָרידאָר מיט אַ סך פענצטערלעך. בײַ די פענצטערלעך שטייען רייען פון מענטשן. די מומע שטעלט זיך בײַ אַ פענצטערל, אויף וועלכן עס איז אָנגעשריבן: „דאָ צאָלט מען פאַר עלעקטרע"?

– מומע, פאַר וואָס צאָלט מען דאָרטן? – פרעג איך, אָנווײַזנדיק אויף די אַנדערע פענצטערלעך.

– דאָרטן צאָלט מען פאַר וואַסער, שטײַערן פאַר פערד, פאַר הינט, פאַר ראָוערן, פאַר לאָקאַלן.

– אַלץ צאָלט מען דעם מאַגיסטראַט? אויף וואָס דאַרף ער אַזוי פיל געלט? – וווּנדער איך זיך.

– דער מאַגיסטראַט שטעלט צו דער שטאָט וואַסער, באַלײַכטונג; ער בויט שפּיטאָלן, זעט, אַז אין שטאָט זאָל זײַן ריין און שיין. דערפאַר דאַרף מען אים צאָלן שטײַערן – דערקלערט אונדז די מומע.

עס קומט דער מומעס ריי. זי באַצאָלט לויט איר רעכענונג און מיר גייען אַרויס פון מאַגיסטראַט.

אַ מַעשׂה מיט אַ בּריוו.

מאָטעלע שרײַבּט אַ בּריוו צו זײַן מאַמען.

מאָטעלע האָט געשריבּן זײַן ערשטן בּריוו. ער האָט שטאַרק גע־האָרעוועט, נידעריק אַראָפּגעבּויגן דעם קאָפּ איבּערן פּאַפּיר און פּלײַסיק געפּירט מיט דער פּען. דערבּײַ האָט ער זיך צוגעהאָלפן מיטן שפּיץ פונם אַרויסגעשטעקטן צינגל, וואָס ער האָט איבּערגערוקט דאָ רעכטס, דאָ לינקס צוזאַמען מיט דער פּען.

„טײַערע מאַמע!

איך שרײַבּ, ווײַל איך קאָן שוין מער ניט אויסהאַלטן. אָפּט בּענק איך אַזוי שטאַרק נאָך דיר און נאָך דער היים, אַז עס ציטערט מיר מײַן האַרץ. און ניט דערפאַר, ווײַל עס איז מיר שלעכט אין שול, ניין! איך האָבּ נאָך קיין איין צוויי ניט בּאַקומען. און אַלע זײַנען גוט צו מיר, און שבּת איז געווען צו מיטאָק שטרודל. אָבּער אַז איך דער־מאָן זיך, וואָס ס'איז געווען און וואָס ס'וועט נאָך זײַן ערשט יום־טוב, בּאַהאַלט איך דעם קאָפּ אונטערן קישן, און טרערן, מאַמינקע, גיסן זיך אַלײַן. שרײַבּ מיר, טײַערע, וועגן אַלץ, וואָס ס'הערט זיך אין דער היים און שיק מיר צו אַ בּיסל עפּל, אָט פון די געלע, וואָס וואַקסן הינטער דער סטאָדאָלע.

דײַן זון מאָטעלע.“

מאָטעלע האָט געענדיקט און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. ער האָט זיך געשטעלט און מיט שטאָלץ בּאַטראַכט זײַן ווערק. אָבּער מע דאַרף זיך אײַלן. ער האָט געהערט, ווי עלטערע זאָגן: וואָס ס'איז אָנגע־שריבּן, דאַרף מען גלײַך אָפּשיקן.

ווי נאָר דער בּריוו האָט זיך אָפּגעטריקנט, האָט ער אים גלײַך צונויפגעלייגט אין פירן און אַרײַנגעלייגט אין אַ קאָנווערט, וועלכן ער האָט געקויפט צוזאַמען מיטן בּייגעלע פּאַפּיר.

פאַרקלעפּט דעם קאָנווערט, האָט ער זיך פאַרטראַכט: איצט דאַרף מען אַן אַדרעס. אָבּער ווי שרײַבּט מען אַן אַדרעס? מע דאַרף אַ קוק טאָן אויף אַ קאָנווערט בּײַם בּאַלעבּאָס. אין פּאַפּירקויש מוז אוודאי ליגן אַ קאָנווערט.

ער איז צוגעלאָפן צום שרײַבּטיש, אַרויסגענומען דעם קויש — ס'איז דאָ! ער לויפט אַרײַן צו זיך אין צימער, גלעט פאָרזיכטיק אויס דעם צעקנייטשטן קאָנווערט און לייענט איבּער דעם אַדרעס. איצט

חײם ער שוין ווי צו שרײַבן. מע דאַרף אָנשרײַבן דעם נאָמען, די פאַמיליע און דאָס שטעטל. מער גאָרנישט. און ער שרײַבט אָן:

פרוי פייגע לעווין.

באָסטאָן.

דעם נאָמען פון שטעטל שרײַבט ער מיט געצוקטע אותיות און שטרײַכט צוויי מאָל אונטער, עס זאָל זיך וואַרפן אין די אויגן.

אויף דער צווייטער זײַט שרײַבט ער אָן מיט קליינע אותיות זײַן אייגענעם אַדרעס.

איצט בלײַבט נאָר אָנצוקלעפּן אַ מאַרקע. אָבער בײַ זיך האָט ער ניט קיין מאַרקע. טוט ער זיך אָן, לייגט אַרײַן דעם בריוו אין קעשענע און לויפט אויף דער הויפּטפּאָסט קויפן אַ מאַרקע.

אויף דער פּאָסט.

אויף דער פּאָסט איז אַ געדראַנג. די טיר מאַכט זיך אויף אַ רגע ניט צו. מענטשן לויפן אַרײַן און אַרויס.

מאָטעלע ווענדט זיך צו עפּעס אַ הערן:

— זײַט אַזוי גוט, וווּ קען מען דאָ קויפן אַ מאַרקע?

— דאָרטן איז אָנגעשריבן — ענטפערט אים דער הער און לויפט אַוועק.

מאָטעלע קוקט זיך אַרום און דערזעט אַ גאַנצע ריי פענצטערלעך מיט אויפשריפטן איבער זיי.

ער לאָזט זיך גיין פון איין פענצטערל צום צווייטן און לייענט:

„קאַסע".

„געלט=אָנווײַזונגען".

„פּאָסט=רעסטאַנט".

„דאָ ווערן אָנגענומען רעקאָמענדירטע בריוו".

„טעלעגראַף".

מאָטעלע גייט אַרום צווישן די געדיכטע רייען, וואָס שטייען פאַר די פענצטערלעך, און לייענט די אויפשריפטן.

ענדלעך געפינט ער:

„דאָ פאַרקויפט מען מאַרקעס".

בײַ דעם פענצטערל איז געווען די לענגסטע ריי.

מאָטעלע שטעלט זיך דער לעצטער.

די ריי ווערט אַלץ קירצער.

ענדלעך דערגייט מאָטעלע צום פענצטערל און נעמט זוכן דאָס געלט אין קעשענע.

— גיכער, יינגעלע, — טרײַבט אים אונטער אַ הער, וואָס שטייט הינטער אים.

— ביטע מיר אַ מאַרקע אויף אַ בריוו! — ווענדט זיך מאָטעלע צו דער פרוי, וואָס זיצט בײַם פענצטערל.

— אויף אַ היגן, צי אויף אַן אויסלענדישן? — פרעגט די פרוי.

מאָטעלע פאַרשטייט ניט גענוי, וואָס מע פרעגט אים. איבערפרעגן אָבער האָט ער מורא, ווײַל מע אײַלט אים.

— אַן אויסלענדישן! — כאַפּט זיך בײַ אים אַרויס.

ער צאָלט אײַן און טרעט אָפּ פון פענצטערל.

ער קלעפּט אָן די מאַרקע אויפן קאָנווערט און וואַרפט אים אַרײַן אין אַ בריווקאַסטן.

אויפן בריווקאַסטן לייענט ער איבער:

„פּאָסטקעסטל".

„די בריוו ווערן אַרויסגענומען אַלע שעה".

אַ פריילעכער, אַ צופרידענער לויפט מאָטעלע צוריק אַהיים.

אין פּאָסטקעסטל.

אין קעסטל, ווו מאָטעלעס בריוו איז אַרײַנגעפאַלן, זײַנען געלעגן נאָך אַ סך פאַרשיידענע בריוו: אין האַרטע קאָנווערטן, אין ווייכע, אין ווײַסע, גראָע, גרינע, בלאָע... דאָ זײַנען געלעגן בריוו, וואָס ס'האָט פון זיי געשמעקט, און די קאָנווערטן זײַנען געווען ווי זײַדענע. אויף אַ סך קאָנווערטן איז דער אַדרעס געווען געשריבן מיט טינט, אויף אייניקע איז ער געווען געדרוקט אויף אַ שרײַבמאַשין. אייניקע קאָנווערטן זײַנען אויך געווען מיט פירמעס — די נעמען און די אַדרעסן פון געשעפטן און קאָנטאָרן. געווען בריוו מיט איין מאַרקע און געווען מיט גאַנצע קרענץ מאַרקעס. געווען אויך אַ פּאָר בריוו אין גאַנצן אָן מאַרקעס.

צי וועלן אַזוינע בריוו דערגיין?

יאָ, זיי וועלן דערגיין, אָבער די, וואָס וועלן זיי באַקומען, וועלן מוזן צאָלן טאָפּלט, וויפיל עס קאָסט די מאַרקע.

די צײַטונגען, זשורנאַלן און אַנדערע דרוקזאַכן זײַנען געווען גאָר אָן קאָנווערטן נאָר מיט אַ באַנדעראָל אַרומגענומען.

באַלד האָט זיך בײַם פּאָסטקעסטל אָפּגעשטעלט אַ פאַרמאַכטער אויטאָ מיט דער אויפשריפט „פּאָסט". פון אויטאָ איז אַראָפּגעשפרונגען אַ באַאַמטער. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ זאַק מיט אַן אײַזערנער

ראַם פון אויבן. ער האָט אָפּגעשלאָסן דאָס קעסטל, אַרויסגעצויגן דעם זאַק, אין וועלכן די בריוו זײַנען געלעגן, און אַרײַנגערוקט אין קעסטל דעם ליידיקן זאַק.

דעם זאַק מיט די בריוו האָט דער באַאַמטער צוזאַמען מיט אַנדערע אַזעלכע זעק אַרויפגעטראָגן אין אַ גרויסן זאַל פון דער הויפּטפּאָסט. אין זאַל זײַנען געשטאַנען אַ סך טישן, בײַ וועלכע עס זײַנען געזעסן באַאַמטע, וואָס האָבן די בריוו געשטעמפּלט און סאָרטירט — פונאַנדער־געוואָרפן די בריוו אין פאַרשיידענע ערטער, אויסרופנדיק: ליניע — וואַרשע, דאַנציק, דײַטשלאַנד, אַמעריקע א. א. וו. אַנדערע באַאַמטע זײַנען געקומען צו די טישן, גענומען די אויסגעסאָרטירטע בריוו, פאַרפּאַקט זיי ווידער אין זעקלעך און אָפּגעשיקט זיי צו דער באַן.

עס איז דערגאַנגען די ריי אויך צו מאָטעלעס בריוו.

דער באַאַמטער האָט אים גענומען אין האַנט און זאָגט צו זײַן חבֿר:

— עפּעס אַ מאָדנע שטאָט... ווי קען עס מאַכן?—באָסטאָן, באָסטאָן—צו וועלכער ליניע קען עס געהערן?

דער אַנדער באַאַמטער גיט אַ קוק אויפן נאָמען און זאָגט:

— דער בריוו איז אַן אויסלענדישער. איר זעט דאָך די מאַרקע. די שטאָט איז געוויס „באָסטאָן”, עס פעלט נאָר די אויפשריפט „אַמע־ריקע”—און ער נעמט אַ רויטן בלײַשטיפט און שרײַבט אָן אויפן בריוו: „אַמעריקע” און לייגט אים אַרײַן אין פּעקל פון די אַמעריקאַנער בריוו.

איבער לאַנד און וואַסער.

מיט דער באַן איז דער בריוו געפאָרן הונדערטער קילאָמעטער, איז איבערגעוועזן אין פאַרשיידענע וואַגאָנעס און ענדלעך געקומען אין אַ האַפנשטאָט.

דאָ האָט מען די אַמעריקאַנער בריוו אָנגעלאָדן אויף אַ שיף.

לאַנג האָט זיך דער בריוו געוויגט אויפן ים און ענדלעך אָנגעקומען אין האַפן פון ניו־יאָרק. דאָ איז שוין געשטאַנען אַ מחנה פּאָסט־באַאַמטע. זיי האָבן ניט געוואַרט, ביז די פּאַסאַזשירן זײַנען אַראָפּ פון שיף, ביז מע האָט רעווידירט זייער באַגאַזש. זיי האָבן איבערגענומען די זעק מיט די בריוו, אַרײַנגעפּאַקט אין אויטאָס און היידאַ — צו דער הויפּטפּאָסט.

סאַר אַ קאָלאָסאַלער בנין, סאַר אַ מאַסע גאָרנס!

די פּעק בריוו ווערן אַרויפגעבראַכט אין דער הייך אויף אַ ווינדע — איינס־צוויי — און די בריוו זײַנען שוין ווידער אין אַ גרויסן זאַל אין די הענט פון באַאַמטע.

עס קומט די ריי צו מאָטעלעס בריוו.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאָט? — טראַכט זיך דער באַאַמטער — זאָל דאָס זײַן באָסטאָן? מילא, זאָל ער גיין קיין באָסטאָן.

און דער בריוו פאַלט ווידער אַרײַן אין אַ פעקל, און אין אַ ווײַלע אַרום פליט ער שוין ווײַטער אין אַ צוג אין אַ פּינצטערן זאַק ביז באָסטאָן.

אָנגעקומען קיין באָסטאָן, דער באַאַמטער גיט אַ קוק אויפן אַדרעס — ניטאָ קיין גאַס, ניטאָ קיין הויז.

ניט לאַנג געטראַכט, לייגט ער אַוועק דעם בריוו אין אַ פעקל פון זעלבן מין — אָן גאַסן און אָן נומערן. דעם גענויעם אַדרעס פון זייערע אַדרעסאַטן וועט מען דערגיין אין אַדרעסן־ביוראָ.

פאַרשטייט זיך, אַז די וווינונג פון מאָטעלעס מוטער האָט מען אין באָסטאָן ניט געפונען.

דער באַאַמטער האָט דאַן גענומען דעם בריוו און אָנגעשריבן: „דעם אַדרעסאַט ניט געפונען, צוריקשיקן" און אַוועקגעלייגט דעם בריוו צו די, וואָס ווערן אָפּגעשיקט קיין אייראָפּע.

דער בריוו קומט אָן צוריק.

מאָטעלע האָט שוין דערווײַל באַוויזן צו זײַן אין דער היים אויף ווינטער־פעריען. ער איז שוין ווידער אין שטאָט און בענקט שוין ווידער אַהיים.

אין איין שיינעם טאָג — מע קלינגט. מאָטעלע לויפט אַרויס און דערזעט דעם בריווטרעגער.

— אַ בריוו פון דער מאַמען! — טראַכט ער זיך, און זײַן האַרץ קלאַפּט.

דער פּאָסטאַליאָן נעמט אַרויס עפּעס אַ מאָדנעם קאָנווערט מיט אַ סך שטעמפּלען, מיט רויטע טינט געשריבן און געמעקט.

מאָטעלע נעמט דעם בריוו אין האַנט. ער האָט אָבער קיין צײַט ניט אים צו באַטראַכטן, ווײַל דער פּאָסטאַליאָן נעמט אַרויס אַ ביכל און הייסט מאָטעלען זיך אונטערשרײַבן, אַז ער האָט באַקומען דעם בריוו.

מיט אַ ציטערדיקער האַנט שרײַבט זיך מאָטעלע אונטער, כאַפּט דעם בריוו און לויפט צו זיך אין צימער אַרײַן. ער רײַסט אויף דעם קאָנווערט, ערשט — עס איז זײַן אייגענער בריוו.

דרײַ בריװעלעך.

ברײַנדעלע האָט אָנגעשריבן אַ בריװעלע צו איר באָבע בײלען און אַרײַנגעװאָרפן אין פּאָסטקעסטל.

איז געקומען אַ מענטש און אַרױסגענומען דאָס בריװעלע. עס אָפּגעשטעמפּלט און אַװעקגעטראָגן צו אַ שיף.

דאָס בריװעלע איז געפאָרן אַכצן טעג מיט אַכצן נעכט אױף שיף און אױף באַן, ביז עס איז געקומען קײן װאַרשע אױף דער הױפּטפּאָסט. דאָ האָט עס זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט טױזנטער און טױזנטער בריװ פון פאַרשײדענע שטעט און לענדער.

ליגנדיק צװישן אַ גרױסן באַרג מיט בריװ, האָט זיך ברײַנדעלעס בריװ צערעדט מיט זײַן שכן:

– פון װאַנען קומסטו?

– איך קום פון פּאַלעסטינע.

– און איך קום פון אַרגענטינע!

– און איך קום פון ניו-יאָרק! –שרײַט אױס אַ דריט בריװעלע.

– װוּהין פאָרסטו?

– איך פאָר קײן מעזריטש.

– קײן מעזריטש פאָר איך אױך.

– און איך פאָר אױך קײן מעזריטש! – שרײַט דאָס דריטע בריװעלע.

– אַזױ? – דערפרײען זײ זיך – לאָמיר פאָרן צוזאַמען.

– גוט, לאָמיר פאָרן צוזאַמען.

אין אַ װײַלע אַרום פרעגט אײן בריװעלע:

– צו װעמען פאָרסטו קײן מעזריטש?

– איך פאָר צו דער באָבע בײלען.

– צו דער באָבע בײלען פאָר איך אױך.

– און איך פאָר אױך! – שרײַט דאָס דריטע בריװעלע.

– אײ, װי שײן! – דערפרײען זײ זיך – פאָרן מיר דאָך אַלע צו אײן באָבען.

– פון װעמען קומסטו?

– און פון װעמען קומסטו?

– מיך האָט געשיקט דער באָבע בײלעס אײניקל ברײַנדעלע.

– מיך האָט אױך געשיקט אַן אײניקל ברײַנדעלע!

– און מיך אױך!

– וואָס שרײַבט דײַן ברײַנדעלע?

– און דײַן ברײַנדעלע וואָס שרײַבט?

– מײַן ברײַנדעלע שרײַבט דער באָבען, אַז זי זאָל קומען צו איר קיין ארגענטינע.

– אַזוי? און מײַן ברײַנדעלע שרײַבט, זי זאָל קומען צו איר קיין פּאַלעסטינע.

– און מײַנע שרײַבט, אַז זי זאָל קומען צו איר קיין ניו־יאָרק.

– צו וועמען וועט די באָבע פאָרן?

– איך מײן, אַז זי וועט פאָרן צו מײַן ברײַנדעלען.

– ניין, נאָר צו מײַן ברײַנדעלען!

– איר האָט אַ טעות. די באָבע בײלע וועט פאָרן צו מײַן ברײַנדעלען.

– מײַן ברײַנדעלע איז אַ גוטע.

מײַן ברײַנדעלע איז אַ בעסערע!

– מײַנע איז נאָך בעסער!

די בריוועלעך הײבן זיך אָן קריגן און קריגן זיך אָפּ אַ גאַנצן וועג.

ווען זײ קומען שוין אָן אין שטעטל, זאָגן זײ:

– שאַט! וואָס דאַרפֿן מיר זיך קריגן? מירן באַלד זײַן בײַ דער באָבען, וועלן מיר זען.

•

ווען דער פּאָסטטרעגער האָט דער באָבען געבראַכט די דרײַ בריוו, האָט זי זיך שטאַרק דערפרײט. זי האָט גלײַך אָנגעטאָן די ברילן און זײ אײנציקווײַז איבערגעלײענט.

די בריוו האָבן מיט הארצקלאַפּעניש געקוקט דער באָבען אין די אויגן אַרײַן, געוואַרט, וואָס זי וועט זאָגן. זײ האָבן געזען, ווי פון אירע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט דרײַ גרויסע טרערן, וועלכע זי האָט שווײַגנדיק אָפּגעווישט מיט אַ טיכל.

– וואָס וויינסטו, באָבעשי? – האָט געפרעגט איין בריוועלע.

דרײַ ברײַנדעלעך – האָט די באָבע געזאָגט – אַלע שײנע, אַלע גוטע, אַלע ווױלע, אָבער איך קען זײ קײנע נישט זען. איך בין שוין צו אַלט צו לאָזן זיך אין אַזעלכע ווײַטע וועגן.

די בריוועלעך האָבן שטאַרק רחמנות געהאַט אויף דער אַלטער באָבען און זײ האָבן זיך צוגעטוליעט צו איר און צוגעזאָגט צו בלײַבן שטענדיק מיט איר און זי טרײסטן און דערצײלן פון אירע ווײַטע אײניקלעך.

ליסמן.

מ י ר פ אָ ר ן!

דער ערשטער אַרויספאָר.

נאָר דער, וואָס איז אַליין אויסגעוואַקסן אין אַ קליין שטעטל און איז דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבן אַרויסגעפאָרן פונעם קליינעם שטעטל אויף גאָטס וועלט, יענער וועט פאַרשטיין און וועט מיטפילן דאָס גליק מיט דעם פאַרגעניגן, וואָס קליינוואַרג האָט געפילט פון דער דאָזיקער ערשטער אָנגעלייגטער נסיעה. די ערשטע צייט האָט מען זיך אין בויד גאָר קיין אָרט ניט געקענט געפינען. האָט מען זיך אָנגעלענט, ווי דער טאַטע צום סדר, אויף דער עסן־בעט, אָדער מע האָט אַריינגעלייגט די הענט אין די קעשענעס, אויסגעצויגן זיך אין דער לענג אָדער מע האָט זיך גאָר אויפגעשטעלט, אָנגעהאַלטן זיך מיט די הענט אָן די רייפן פוןביידל.

ווער עס געדענקט דעם טעם פון פאָרן דעם ערשטן מאָל, דער ווייסט, ווי אַזוי דער וועג לויפט, ווי אַזוי די ערד ווערט פאַרשוואונדן אונטער די רעדער און אונטער די פיס פון די פערד, ווי אַזוי אַלעס שוועבט פאַר די אויגן, ווי אַזוי סע שמעקט אַ פאַרשפעטיקט גרעזל, אָדער אַ פאַרטשעפּעטע צווייג פון אַן עלנטן בוים, ווי אַזוי די פרישע לופט כאַפּט זיך אַריין דורך דער נאָז און דורך דעם האַלדז אינעווייניק אַריין און גלעט, גלעט — אַ מחיה! און עס הייבט אייך, און עס זינגט זיך אייך — ס'איז אייך גוט אָן אַן עק און אָן אַ שיעור! דורכגעלאָזט אַלע הייזער מיטן בריקל, מיט דער לעוואַדע, מיטן בית־עולם, פליט איר ווייטער און ווייטער און איר דערזעט הויכע „לעבעדיקע כּתים", וואָס דרייען מיט די הענט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, עס נעמט אַזש אָן אַ פּחד. צום סוף, אַז מע קומט צו נאָענט, זעט מען, אַז ס'איז גאָר ווינטמילן. נאָר אָט באַלד ווערן זיי אויך פאַרשוואונדן. און איר זעט מער ניט נאָר הימל און פעלד, פעלד און הימל. און עס גלוסט זיך אייך אַראָפּשפּרינגען פון וואָגן, אָדער בעסער אַרויספליען פון וואָגן און אַריינשווימען אין דער דאָזיקער בלויקייט, וואָס האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סוף.

און אַ פאַרוויגטער פון די געדאַנקען הייבט איר אָן צו דרעמלען.

נאָר אָט שניידט זיך אויס פאַר די אויגן עפּעס אַ גרויסע פור, מיט אַ פּאָר גרויסע אָקסן, מיט גרויסע הערנער, און אַ גוי אַ באָרוועסער

מיט אַ גרויס היטל, גייט צופוס, און מֵאיר וועלוול דער בַּעל־עֲגָלָה גערייסט זיך מיטן גוי. דער גוי טוט אַ מאַך מיטן קאָפּ און אַ מורקע אונטער דער נאָז אַ דאַנק און פאָרט ווייטער.

און אַזוי גייט עס ווייטער דעם גאַנצן טאָג, דעם ערשטן טאָג פון דער גליקלעכער נסיעה—אין סוף זומער.

די לעצטע טעג פון זומער—ווי שיין זיי זיינען! די פעלדער נאַקעט, ערטערווייז צעאַקערט, דאָס ברייט שוין לאַנג אָראָפּגענומען, נאָר ווי־ניט־ווי וואָרפט זיך דורך אַ בלימל, אַ זאַנג, אַ קווייטל. אין די גוישע גערטנער ליגן נאָך די קאַוואָנעס און די אַרבוזעס, וואָס דאַרפן פאַרטיק ווערן, אויך לאַנגע טיקוועס, וואָס נעמען זיך אָן מיט זאַפט, און די הויכע סאָנישניקעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצויגן מיט שטאָלץ, באַווייזן זייערע געלע רייכע קוטשמעס.

און די גאַנצע וועלט איז נאָך פול מיט פליגעלעך און מערעשקעס, וואָס זשומען און הודזשען, מיט היישעריקלעך, וואָס שפּרינגען, מיט פליי־טערלעך, וואָס טראָגן זיך און וויגן זיך יום־טובדיק אין דער לופטן. און דער ריח פון פעלד פאַרטראָגט אין נאָז אַריין, און די וועלט אַרום און אַרום זעט אויס אַזוי גרויס, און דער הימל אויבן אַזוי קיילעכדיק, און צום צווייטן מאָל קומט אויף די געדאַנקען, אַז די מענטשן זיינען צו קליין, צו קליין פאַר אַזאַ גרויסער וועלט.

שלום־עליכם.

דער קירצערער וועג.

אַ גאַנצע נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק האָט געגאָסן ווי פון עמערס. ערשט פאַרטאָג האָט דער רעגן אויפגעהערט, און ס׳האָט זיך באַוויזן די זון. אויף די ביימער און קוסטעס זיינען נאָך געהאַנגען טראָפּנס וואַסער און אין די קאַלושעס אויפן וועג האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער בלאָער הימל.

צוויי פויערים—דער עלטערער טאָמאַש און דער יונגער יאַן—זיינען צוזאַמען אַרויסגעפאָרן אין שטאָט אַריין צום פרייטיקדיקן מאַרק. זיי האָבן געפירט אין שטאָט אַריין גרינסן, מילך, פּוטער, אייער, קעז.

אָנגעקומען הינטערן דאָרף, פרעגט יאַן:

— ווי פאָרן מיר?

— פאַרשטייט זיך, מיטן שאָסיי — ענטפערט טאָמאַש.

— עס לוינט ניט אָנצולייגן קיין וועג — זאָגט יאַן — דער שאָסיי ציט זיך צו לאַנג. בעסער פאָרן מיט אַן ערגערן וועגל, נאָר מיט אַ קירצערן, וועלן מיר פריער זײַן אין שטאָט.

— איך גלויב ניט, אַז מיטן זײַטיקן וועגל וועלן מיר קומען פריער. איך האַלט, אַז קירצער איז דער וועג, וואָס איז זיכערער.

— נו, טאָ פאָרט זיך אײַך געזונטערהייט מיטן שאָסיי. אָבער זעט, איר זאָלט ניט פאַרשפּעטיקן צום מאַרק, וואָרום די זון שטייט שוין גאַנץ הויך.

און יאַן פאַרקערעוועט אויף אַ זײַטיקן וועגל.

— דאָס וועלן מיר נאָך זען, ווער עס וועט קומען פריער! — זאָגט טאָמאַש — און ער פאָרט זיך רויִק, אָן אײַלעניש מיטן שאָסיי, און אין צוויי שָעה אַרום איז ער אין שטאָט.

דער מאַרק איז אַ גוטער. ער פאַרקויפט גיך זײַנע סחורָה און וויל שוין פאָרן צוריק אַהיים. ער נעמט זיך אַרומקוקן, נאָכפרעגן וועגן זײַן שָכן — יענער איז נאָך ניטאָ.

ענדלעך, בעת דער מאַרק איז שוין כמעט אַ פּוסטער, קומט אָן יאַנעק. אָבער אוי, ווי ער זעט אויס: פאַרשמוצט, פאַרבלאָטיקט, פאַרמאַטערט — קוים אַ לעבעדיקער. און די פערד — ביז איבערן בויך אין בלאָטע, און מאַכן מיט די זײַטן, אַז ס'איז אַ רַחמָנות צו קוקן.

— וואָס איז מיט דיר, יאַנעק? — פרעגט אים טאָמאַש.

יאַנעק טוט אַ שפּײַ און אַ מאַך מיט דער האַנט:

— אַך, זאָל דאָס גיין! מיט די פערד צוזאַמען שיר ניט דערטרונקען געוואָרן אין בלאָטע!

זײַנע סחורָה האָט ער געמוזט אָפּגעבן כמעט אומזיסט. ער האָט זיך נאָך געפרייט, וואָס מע דאַרף ניט פירן צוריק.

אויף צוריק האָט ער שוין ניט געזוכט קיין קירצערן וועג. ער איז שוין געפאָרן מיטן שאָסיי צוזאַמען מיט טאָמאַשן.



אין טראַמוויַ.

מיט אַ פּאָר טעג צוריק בּין איך געפאָרן מיטן טראַמוויַ דורך דער שטאָט. אַזוי ווי ס'איז געווען אַ שיין וועטער, האָבּ איך זיך אַוועקגעשטעלט פון פאָרנט, דאָרט, ווו דער פירער שטייט. מיט איין האַנט האָט ער געהאַלטן דעם רודער און מיט דער אַנדערער — דאָס געלע הענטל, מיט וועלכן ער רעגולירט דעם עלעקטרישן שטראָם.

איך בין געשטאַנען און געקוקט פאָרויס אויף דער גאַס. דראָזשקעס זײַנען פאַרבײַגעפאָרן, אויטאָס — פאַרבײַגעפלויגן. אייניקע האָבּן אונדז אַריבּערגעיאָגט, אַנדערע האָבּן געמוזט פאַרקערעווען אָן אַ זײַט, כּדי דער טראַמוויַ זאָל קענען דורכפאָרן.

אויף די אָפּשטעל־פּלעצער זײַנען מענטשן אַרײַנ־ און אַרויס־געגאַנגען. אַלע ווײַלע האָט זיך געהערט אַ קלונג. דער קאָנדוקטאָר איז געווען אין וואַגאָן און פאַרקויפט בּילעטן.

די גאַסן זײַנען פול געווען מיט מענטשן. אומעטום — אַ לויפעניש, אַ האַוועניש. יעדן אויגנבּליק האָט מען געזען עפּעס נײַס.

מיר איז געוואָרן זייער פריילעך. און ווײַל מיר איז געווען אַזוי גוט אויפן האַרצן, האָבּ איך זיך אַנידערגעשטעלט לעבּן דעם פירער פון וואַגאָן און געזאָגט צו אים:

— סאַר אַ שיין וועטער הײַנט איז! וויפיל צײַט איז נייטיק, כּדי מיט אַזאַ עלעקטרישער בּאַן דורכצופאָרן פון איין עק שטאָט בּיזן צווייטן?

ער האָט גאָרנישט געענטפערט און ווידער געהאַלטן זײַנע הענט אויפן רודער און אויפן עלעקטרישן שליסל, גלײַך קיינער האָט צו אים קיין וואָרט ניט געזאָגט.

איך האָבּ איבּערגעחזרט מײַן פראַגע:

— ווי לאַנג דאַרף דויערן דורפאָרן די שטאָט מיטן טראַמוויַ? ווידער קיין ענטפער.

— נו־נו — טראַכט איך זיך — איז דער מענטש טויבּלעך?

איך האָבּ אים אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פינגער אויפן אַקסל:

— זײַט אַזוי גוט, זאָגט מיר, ווי לאַנג דאַרף אייגנטלעך געדויערן דורכצופאָרן מיטן טראַמוויַ פון איין עק שטאָט בּיז צום צווייטן?

ער האָט זיך נישט גערירט. דעם בּליק געווענדעט פאָרויס אויפן וועג, וואָס האָט זיך פאַר אים געשטרעקט, און זיך ניט אומגעקוקט ניט אויף רעכטס, ניט אויף לינקס.

דאָ בּין איך שוין געוואָרן גאַנץ אומגעדולדיק און האָבּ צום לעצטן מאָל זייער הויך און דײַטלעך איבּערגעחזרט מײַן פראַגע:

— ווי לאַנג דאַרף געדויערן כּדי צו קומען מיטן טראַמוויַ פון איין עק שטאָט אין דעם צווייטן?

קיין ענטפער.

נאָר אויף איין אויגנבליק האָט ער אַראָפּגענומען זייַן רעכטע האַנט פונם רודער און אַ וויַז געטאָן מיר אויפן אייבערשטן ראַנד פון וואַגאָן.

איך האָב אויפגעהויבן די אויגן און דערזען אַ פּלאַקאַט מיט דער אויפשריפט:

דעם וואַגאָן־פירער איז פאַרווערט צו ריידן מיט די פּאַסאַזשירן. די דירעקציע.

— אַהאַ! אָט דאָס איז דאָס געווען! איצט ווייס איך, פאַרוואָס דער מענטש האָט מיר ניט געענטפערט. ער האָט אויסגעפירט זייַן פליכט, און איך האָב געמיינט — ער איז ניט העפלעך.

איך בין מסתּמא אינגאַנצן רויט געוואָרן, וויַל איך האָב זיך פאַרשעמט, וואָס איך האָב געפּרוווט שטערן דעם מענטשן אויספירן זייַן פליכט.

איך בין געבליבן שטיין הינטער אים, געקוקט פאָרויס אויף דער ליניע און זיך אויך מער ניט אומגעקוקט—ניט אויף רעכטס, ניט אויף לינקס. איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם פירער—ווען ער גיט אַ שטאַרקערן שטראָם, ווען—אַ שוואַכערן, ווי ער האַלט אָפּ דעם רודער, בעת ער דערהערט אַ קלונג. און ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אים איז פאַרווערט צו ריידן מיט די פּאַסאַזשירן. ווי לײַכט וואָלט געקענט אַן אומגליק געשען! אין דער רגע, ווען ער וואָלט זיך אָפּגעקערט צו אַ פּאַסאַזשיר אים עפּעס צו ענטפערן, האָט אַ קינד געקענט דורכגיין איבער דער גאַס, אַ לאַסטוואָגן האָט געקענט פאַרהאַלטן די באַן, אַ שיכּור האָט געקענט אַנידערפאַלן אא״וו. טויזנטערליי אומגליקן האָבן דאָ געקענט טרעפן. און דאָס אַלץ איז אויסגעמיטן געוואָרן נאָר אַ דאַנק דער אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייַט פון דעם פירער.

אָ, ער וואָלט זיכער אַ מאָל אויך געוואָלט מיט עמיצן אַ וואָרט אויסריידן! ווי אָפט איז לעבן אים געשטאַנען אַ גוטער באַקאַנטער אָדער אַ פריַנד, וואָס האָט צו אים עפּעס גערעדט. ער האָט אָבער ניט געטאָרט ענטפערן; ניט געטאָרט אַפילו זיך צוהערן צו זייערע רייד, וויַל לעבנס פון מענטשן זיַנען דאָ געשטאַנען אין קאָן.

אַ שפּאַציר אין אַן אויטאָ.

בערעלע און רייזעלע טאַנצן און שפּרינגען. וואָס איז מיט זיי די שׂמחה? — זיי פאָרן הײַנט מיט אַן אויטאָ הינטער דער שטאָט. זייער ברודער לייזער איז א שאָפער. ער האָט געענדיקט די שאָפערנשול און געקויפט זיך אויף אויסצוצאָלן א נײַעם אויטאָ—א פאָרדל.

א שיינער פאָרדל.

לייזער וואַשט אים און פוצט אים כּסדר, און דער אויטאָ בלאַנקט טאַקע ווי אַ שוואַרצער בריליאַנט.

און אינעווייניק בײַם פענצטער שטעקן שטענדיק אין א פלעשל עטלעכע לעבעדיקע בלומען.

דער אויטאָ שטייט אויפן הויף. אַרום איז פול קינדער. זיי זעען, ווי בערעלע און רייזעלע גייען אַרײַן אין אויטאָ. אַלע זײַנען זיי מקנא.

לייזער זעצט זיך בײַם רודער — פּיפּי! —און דער אויטאָ לאָזט זיך אין וועג.

• • •

גיך פליט ער דורך די גאַסן פון דער שטאָט. עס דוכט זיך, אַז די מויערן לויפן פאַרבײַ...

אָט זײַנען זיי שוין הינטער דער שטאָט.

דער אויטאָ קײַקלט זיך צווישן פעלדער. עס גרינט דער פרישער הינטערקאָרן.

זיי פאָרן אַרויף אויף א שאָסיי. דער שאָסיי איז אין גריבער. די קינדער וויגן זיך מיט גרויס פאַרגעניגן אויף די הויכע קישנס.

— זע, סאַר א גריבער אויפן וועג — און עס טרייסלט גאָרניט — וואונדערט זיך בערעלע.

— דאָס איז דערפאַר—דערקלערט אים דער ברודער—וואָס די רעסאָרעס זײַנען זייער גוטע, און די גומענע רעדער זײַנען פול מיט לופט.

— פוסטע גומע? — פרעגט רייזעלע — און טאָמער פאָרט אָן דער אויטאָ אויף א טשוואָק, אָדער אויף גלאָז?

— פּאַף! פּאַ-אַ-אַ-אַף! — דערלאַנגט מיט א מאָל א שאָס ווי פון א פּיסטאָלעט.

דער אויטאָ פאַרטשעפעט זיך, נעמט גיין לאַנגזאַם, ביז ער בלײַבט שטיין.

— אָט האָסטו דיר! — רופט אויס לייזער מיט פאַרדראָס — מיר זײַנען טאַקע אַרויפגעפאָרן אויף א טשוואָק, און די גומע האָט זיך דורכגעלעכערט. גוט, וואָס איך האָב אָנגעגרייט אַן אנדער גומע.

אַלע גייען אַרויס פון אויטאָ.

לייזער נעמט אראָפּ די ראָד פון אַקס, ציט אַראָפּ די צעריסענע גומע, פּאָמפּעט אָן לופט אין דער נײַער און ציט זי אָן אויף דער ראָד.

אין אַ שָעה אַרום איז אַלץ פאַרטיק, און דער אויטאָ גייט ווידער אוועק.

אַרום איז זייער שיין. דער קאָרן אויף די פעלדער איז גרין, די בעריאָזעס און די ווילדע באַרנביימער — גאָלדיק=געל, די קוסטעס בײַם וועג — רויט.

— סאַר אַ טײַערער שפּאַציר! — רופט אויס בערעלע — ניטאָ קיין בעסערע זאַך ווי אַן אויטאָ!

לייזער פאַרקערעוועט אויף צוריק. דער אויטאָ פליט ווי אַ ווינט. אַ פויערישע וועגל פאַרקערעוועט זיך אָן אַ זײַט, טרעט אָפּ דעם וועג. פון אונטער די רעדער לויפן אַרויס מיט אַ דערשראָקענעם געשריי עטלעכע גענדז, וואָס זײַנען געווען אויפן מיטן וועג. אַ חַזיר, וואָס האָט אָהער פאַרבלאָנדזשעט, לאָזט זיך לויפן מיט אַ מוֹרָאדיקן קוויטש, און פאַר שרעק קוליעט ער זיך אַזש איבער.

די קינדער לאַכן הילכיק. זיי יאָגן איבער אַ דראָזשקע, אַן אַנדער אויטאָ, און פריילעכע, צופרידענע קומען זיי אַהיים.



צוויי אויטאָס.

פּאָרדל פון דער לעצטער מאָדע,
אויסגעפּוצט און שפּאָגלנײַ,
יאָגט זיך טרו=טו איבער וועגן
און לויפט אַלעמען פאַרבײַ.
הענדום=פּענדום—איינס, צוויי, דרײַ,
און לויפט אַלעמען פאַרבײַ.

זעט אַ שעווי און צעקאָכט זיך:
— אֶמֶת, לײַטיש זיך צו ביסלעך,
דאָך צו לויפן, פּאָרדל ברודער,
האָסטו אַלץ נאָך הינער=פיסלעך.
טו טו=טו! — איינס, צוויי, דרײַ,
לאָז נאָר, פּאָרדל, מיך פאַרבײַ.

מלכה טוזמאַן.

בײַם וואָקזאַל.

אויפן טורעם בײַם וואָקזאַל האָט אויסגעשלאָגן:
איינס... צוויי... דרײַ... און נאָך איין מאָל.
ריכטיק! — דער וואָקזאַל־זייגער ווײַזט פונקט פיר.
נאָך פינף מינוט, און דער שנעלצוג גייט אָפּ קיין וואַרשע.
אַזוי שטייט אין פאָרפּלאַן.
ווער עס וויל דעם צוג ניט פאַרשפּעטיקן, דער מוז זיך אײַלן.
אויפן פּלאַץ פאַרן וואָקזאַל איז אַ לויפעניש, אַ שטופּעניש, אַן אײַלעניש, אַ יאָגעניש.

— טראַפּ! טראַפּ! — דער צוג גייט אָפּ — טראַמפּלען די קאָפּיטעס פון די דראָזשקע־פערד.

— שנעלער! שנעלער! — רוישן די רעדער פון די אויטאָס, וואָס אײַלן צו דער באַן.

— פלינק! פלינק! ס'איז צײַט! — הילכן די טריט פון די טרעגער אויפן ברוק.

— אך! — קרעכצעט אַ ייִד, וואָס לויפט גיך איבערן פּלאַץ און שלעפּט קוים זײַן שווערע וואַליזע — ווען דער צוג וואַרט נאָך איין האַלבע מינוט, באַווײַז איך נאָך אַרײַנצושפּרינגען.

אָבער דאָ דערהערט זיך אַ שאַרפער פײַף פון דער ליניע און באַלד נאָכדעם אַ קײַכן און אַ סאָפּען און אַ רוישן פון רעדער.
דער צוג איז אַוועק.



דער לאָקאָמאָטיוו.

שטייט אויף די רעלסן א לאָקאָמאָטיוו,
סאָפּעט שווער און אָטעמט טיף.
שוויס — פעטער אייל — פון אים טריפט...
שטייט ער און אָטעמט און בלאָזט זיך און שוויצט.
פון בויך זײַן צעגליטן עס שלאָגט אזא היץ.

— אוי, ווי עס פּארעט!
— וויי, ווי עס פּארעט!
— פוף, ווי עס פּארעט!
— אוף, ווי עס פּארעט!

קוים וואָס ער זשיפּעט און קרעכצט, נעבעך, ביטער.
שטייט אַלץ דער הייצער און קוילן דערשיט ער.
וואַגאָנעס פארטשעפּענען דארף מען באווײַזן —
גרויסע און שווערע, פון שטאָל און פון אײַזן.
און אומעטום מענטשן — מיט בערד און אָן בערד.
אין ערשטן און צווייטן וואגאָן זײַנען פערד;
אין דריטן — פעטלײַביקע בײַכער באַגלעטע
זיצן און שוויצן אויף גענדזועלעך בעטע.
דער פערטער וואגאָן איז געפּאקט מיט באַנאַנעס,
אין פינפטן וואגאָן שטייען אכט גרויסע פּיאנעס.
אין זעקסטן — א שווערער הארמאט, סאר אַ גרייס!
וויפל ער וועגט? — איין גאָט נאָר דאָס ווייס!
אין זיבעטן — טישן און בענקלעך און שאפעס.
אין אַכטן — א העלפאנד. א בער. צוויי זשיראַפעס;
אין נײַנטן — פיל קופערס מיט קינדערשע צאַצקעס;
אין צענטן — חזירים, און הינער, און קאטשקעס...
און פערציק אזעלכע פאראן דאָ וואגאָנעס.
וואָס נאָך געפינט זיך? — וויסן ווער קאָן עס?
אפילו ס'זאָלן קומען אַזש טויזנט אטלעטן,
און יעדער געגעסן וואָלט טויזנט קאָטלעטן,
דערצו נאָך פארביסן מיט בולבענע קאשע,
וואָלט קיינער פון אָרט ניט גערירט אזא מַשָׂא!

און פלוצלונג — א פײַף!
און פלוצלונג — א סווישטש!
און פארע — דערלאנגט!
און רעדער — אין גאנג!
פון אָנהײב
פּאוואָליע,
ווי א בער
שווער
געטראָפן,
רירט די מאשין
איבער רעלסן
פארשלאָפן.
א ריס די וואגאָנעס — און שלעפט זיי מיט כוח,
און ס'דרייען זיך רעדער, אזש ס'שווינדלט דער מוח,
און טראָגט זיך, און יאָגט זיך און אײַלט זיך אלץ גיכער,
און ס'כאפּט עס, און ס'קלאפּט עס און ס'יאָגט ווי א וויכער,
ווהין זשע, ווהין זשע, ווהין פירט דײַן בליק?
אויף רעלסן, אויף רעלסן, אריבער דער בריק,
דורך וועלדער, דורך פעלדער, טונעלן — ווי ווײַט!
און אײַלט זיך און אײַלט זיך צו זײַן צו דער צײַט!
צום טאקט ווי עס האקט, ווי עס קלאפּט: האָ, האָ, האָ!
טאקטאָטאָ, טאקטאָטאָ, טאקט-אָ-טידאָ!..
ס'איז ניט קיין מאשין, וואָס אָטעמט גאר שווער —
א שפּילכל, א מילכל, א בלעכל — ניט מער!
פון וואנען אָן צאמען וועט יאָגט ווי א פײַל?
אָט אָ-דאָ, אָט אָ-דאָ, אָט אָ-דאָ אין געאײַל!
ווער טראָגט עס, ווער יאָגט עס, וואָס שלאָגט מיט גערויש?
ס'איז דאמף נאָר דער הייסער, וואָס טרײַבט עס פאָרויס.
ס'איז פארע פון קעסל אין פּאָמפּעס דורך רערן,
וואָס פּרעסן דעם דאמף, ער זאָל ענגער אלץ ווערן.
און פּאָמפּעס — זיי טרײַבן און רײַבן כסדר
דעם דאמף דעם געפּרעסטן און דרייען די רעדער,
וואָס קלאפּן און סאפּען און בראָזגען — אהאָ!
טאקטאָטאָ, טאקטאָטאָ, טאק-טאָ-טידאָ!..

יוליאַן טוּוים.

דער סיגנאַל.

א.

איין מאָל אין אָוונט איז זיך געגאַנגען דורכן וואַלד דער אײַזנבאַן־װעכטער סעמיאָן. די זון איז שוין געשטאַנען נידעריק. שאַ־שטיל, עס האָט זיך נאָר געהערט, ווי אַ פויגל האָט ערגעץ געפּיפּטשעט און ווי טרוקענע צווײַגלעך האָבן געקנאַקט אונטער די פיס. דער וועכטער איז שוין דערגאַנגען נאָענט צו די רעלסן. מיט אַ מאָל האָט זיך אים אָפּגעדאַכט, אַז ער הערט עפּעס נאָך אַ גערויש, ווי ס'וואָלט, אַ שטייגער, קלינגען אײן אײַזן אָן דעם אַנדערן. סעמיאָן האָט זיך אונטערגעאײַלט: „וואָס זאָל דאָס זײַן?"

ער איז פון וואַלד אַרויס, און ס'האָבן זיך באַוויזן די רעלסן. אויפן אײַזנבאַנוועג איז געזעסן אײַנגעבויגן אַ מענטש און האָט זיך דאָרט געבאָברעט בײַ די רעלסן. סעמיאָן האָט זיך אין דער שטיל צו אים אַ לאָז געטאָן. ער האָט געמיינט — ס'איז אַ גנבֿ, וואָס איז געקומען גנבֿענען מוטערקעס. ער האָט זיך צוגעקוקט צום מענטשן — ערשט יענער האָט אַ ברעכאײַזן אין האַנט. ער שטעלט אַרונטער דעם אײַזן אונטערן רעלס און בויגט אים אָן אַ זײַט.

סעמיאָנען איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן, נאָר ער האָט ניט געקענט. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַרויפצו צו דעם מענטשן, — האָט יענער געכאַפּט זײַנע געצײַג, ווי אַ קנויל זיך אַראָפּגעקײַקלט פון וועג און איז פאַרשוווּנדן אין וואַלד.

סעמיאָן איז געבליבן שטיין איבער דעם אָפּגעבויגענעם רעלס. עס האָט געדאַרפט באַלד דורכגיין אַ צוג, ניט קיין פּראַכטצוג, נאָר אַ פּאַסאַזשירצוג, און מיט וואָס אים אָפּצושטעלן האָט ער ניט געהאַט: ניט די רויטע פאָן, ניט קיין אַנדער זאַך. צוריק אָװעקשטעלן דעם רעלס קען ער אויך ניט מיט די הוילע הענט.

— מע דאַרף לויפן, גיכער לויפן צו זיך אין שטיבל נאָך געצײַג!

ב.

סעמיאָן האָט זיך געלאָזט לויפן צו זײַן שטיבל. ער לויפט און ס'דאַכט זיך אים, אַז אָט־אָט פאַלט ער פון די פיס. אַז עס איז אים געבליבן צו לויפן ביזן שטיבל מער ניט ווי אַ צוויי הונדערט מעטער, האָט ער פלוצים דערהערט, ווי מע פײַפט אויף דער פאַבריק. זעקס אַ זייגער. און צוויי מינוט אויף זיבן דאַרף דורכגיין דער צוג. סעמיאָן האָט זיך פאָרגעשטעלט אַזאַ בילד: די מאַשין האָט זיך דערלאַנגט אַ

קלאפּ מיט דער לינקער ראָד אָן צעבראָכענעם רעלס, האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, איינגעבויגן אויף אַ זייט און גענומען ברעכן און ברעקלען די קלעצער פונעם וועג... און אין דעם אָרט, ווו דער וועג פאַרקערעוועט זיך, איז די מאַשין אַראָפּ פון וועג און אַראָפּגעפאַלן אין דער טיפעניש פון צוואַנציק מעטער... און די וואַגאָנעס פון דריטן קלאַס זיינען אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן, מיט קליינע קינדער...

וואָס זאָל ער דאָ טאָן? ניין, צום שטיבל צולויפן און קומען וועט ער ניט באַווייזן...

ג.

און סעמיאָן איז שוין צום שטיבל ניט געלאָפן. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק צום וועג נאָך מיט אַ גרעסערן אימפּעט. ער האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס ער וועט דאָ טאָן. ער איז צוגעלאָפן צום פאַרבויגענעם רעלס. דאָרט איז געלעגן אַ קופּע שטעקנס. האָט ער זיך איינגעבויגן, געכאַפּט אַ שטעקן, ניט פאַרשטייענדיק נאָך וואָס, און איז ווייטער געלאָפן. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער צוג גייט שוין. ער האָט דערהערט, ווי די רעלסן האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייז זיך צו טרייסלען. ווייטער לויפן האָט ער שוין קיין כּח ניט געהאַט. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ פּאָר הונדערט מעטער פון דעם שרעקלעכן אָרט — דאָ האָט אים אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק אין קאָפּ. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, אַרויסגענומען אַ טיכל, אַרויסגעצויגן פון כאַלעוע אַ מעסער.

ער האָט גיך אַ שטאָך געטאָן מיטן מעסער אין דער לינקער האַנט העכער פון עלנבויגן. דאָס בלוט האָט זיך אַ גאָס געטאָן ווי אַ וואַרעמער שטראָם. ער האָט איינגענעצט דאָס טיכל, אויסגעצויגן, אויסגעגלעט עס, צוגעבונדן צום שטעקן און הויך אויפגעהויבן זיין רויטע פאָן.

ער איז געשטאַנען און געפּאַכט מיט זײַן פאָן. דעי צוג האָט זיך שוין באַוויזן. אויב ער וועט נאָענט צוגיין, וועט מען אים שוין ניט קענען אָפּשטעלן...

און דאָס בלוט האָט זיך דערווײַל געגאָסן און געגאָסן.

סעמיאָן האָט צוגעדריקט די ווונד צום זײַט, האָט געוואָלט דאָס בלוט פאַרהאַלטן, נאָר ס׳האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן; ווײַזט אויס, זיך טיף אײַנגעגעשניטן די האַנט. אין קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן צו שווינדלען, אין די אויגן איז אים געוואָרן פינצטער, אין די אויערן האָט אָנגעהויבן צו קלינגען. ער האָט שוין ניט געזען מער דעם צוג און ניט געהערט זײַן גערויש—נאָר איין געדאַנק אין זינען געהאַט: „איך וועל ניט אײַנשטײן אויף די פיס, איך וועל נאָך אַרויסלאָזן מײַן פאָן פון די הענט, דער צוג וועט אַריבער איבער מיר״...

און ס׳איז אים געוואָרן פינצטער, שוואַרץ אין די אויגן, און ער האָט אַרויסגעלאָזט די פאָן...

. . .

נאָר דער מאַשיניסט האָט אים שוין באַמערקט.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס זײַנען אַרויסגעשפּרונגען די מענטשן, ס׳איז געוואָרן אַ גערודער. און מע האָט דערזען—אויף דער ערד ליגט אַ מענטש אין בלוט, אַ געחלשטער, און לעבן אים — אַ פאַרבלוטיקטע שמאַטע אויף אַ שטעקן.

באַנען.

לויפן באַנען אויף די רעלסן,
חילד אַהער, אַהין געשווינט,
דורך די פרײַע גרויסע פעלדער,
וואָיענדיק ווי ווילדער ווינט.

אין די באַנען זיצן מענטשן
אויף די בענק זיך זײַט בײַ זײַט,
אַלע, אַלע ענג צוזאַמען
פאָרן, אײַלן ערגעץ ווײַט.

יעדער איינער זיצט פאַרזונקען,
טרוימענדיק פון ערגעץ דאָרט;
פאַר די אויגן שוועבן בילדער
פון דעם ליבן ווײַטן אָרט.

לויפן באַנען אויף די רעלסן,
ווי געיאָגט זיך אין געוועט,
גיכער, גיכער, ניט פאַרזאַמען
קומען צו דעם אָרט ניט שפּעט.

און די באַנען פײַפן, שרײַען
אויף די וועגן לאַנג און פרײַ,
און עס לויפן פעלדער, וועלדער,
אײַנגעהילט אין רויק פאַרבײַ.

י. ל. קאַלושינער.

דאָס איז אווּוע!

עס איז אַ קאַלטער שטורמישער פרילינגס־פרימאָרגן. די איינ־וווינער פון דעם קליינעם פישערדאָרף בײַם באַלטישן ים שלאָפן נאָך געשמאַק. פּלוצלונג — אַ האַרמאַטנשאָס.

אַלע שפּרינגען פון די בעטן אַרויס. אַלע ווייסן, וואָס דאָס באַטײַט: ניט ווײַט פון ברעג איז אַ שיף אין געפאַר.

עס ווערט אין אײַלעניש צוגעגרייט אַ רעטונגסשיפל. און די מו־טיקע פישער מיט זייער אָנפירער יענס לאָזן זיך אין שטורעם אַרײַן.

מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג געלינגט זיי צו דערגרייכן די געליטענע שיף און אַרײַנצונעמען די אומגליקלעכע פּאַסאַזשירן אין שיפל אַרײַן. איינער נאָר, וועלכער האָט זיך צוגעבונדן צו אַ מאַסט־בוים, אַ האַלב־פאַרפרוירענער שוין, האָט געמוזט פאַרבלײַבן. דאָס שיפל איז געווען אַזוי שווער אָנגעלאָדן, אַז ס'איז געווען אַ געפאַר, עס זאָל זיך אין שטורעם ניט איבערקערן.

דאָס רעטונגסשיפל איז גליקלעך אָנגעקומען צום ברעג.

די פישער האָבן אַרײַנגענומען די גראַטעוועטע צו זיך אין די בײַדלעך. אַלע האָבן זיך באַרויִקט, נאָר יענס האָט זיך צוריקגעקערט צום רעטונגסשיפל.

— נאָך איינער איז אויף דער שיף פאַרבליבן! — האָט ער גע־זאָגט — און ער מוז אויך געראַטעוועט ווערן! ווער גייט מיט מיר?

קיינער האָט ניט געענטפערט. קיינער האָט ניט געוואָלט נאָך אַ מאָל דורכמאַכן די געפערלעכע רײַזע.

דאָ קומט אָן יענ'ס אַלטע מוטער און זי בעט זיך:

— יענס! פאַרבלײַב, יענס! דאָס איז דײַן טויט. דײַן פאָטער איז אוועק און איז צוריק ניט געקומען, און דײַן ברודער אווּוע האָט זיך אויך ניט צוריקגעקערט. און איצט דו... קינד מײַנס, טו דאָס ניט דער אַלטער מוטער! בלײַב!

— יענער דאָרטן אויף דער שיף האָט אויך אַ מוטער — ענטפערט יענס און שפּרינגט אין שיפל אַרײַן.

דרײַ חבֵרים — נאָך אים.

און עס הייבט זיך אָן פון דאָס נײַ אַ קאַמף מיטן שטורעם. די שוימיקע כוואַליעס שלאָגן כּסדר אָפּ דאָס קליינע שיפל אויף צוריק, אָבער די מוטיקע מענער יאָגן ווידער אַרויס דאָס שיפל אַנטקעגן דעם צערייצטן וואַסער.

ענדלעך דערגרייכן זיי די שיף, און יענס אַליין קלעטערט אַרויף און נעמט אַראָפּ דעם אומגליקלעכן האַלב-דערפרוירענעם מענטשן צו זיך אין שיפל אַרײַן, און מע איילט צוריק צום ברעג.

אַז זיי זײַנען שוין געווען אַזוי נאָנט פון ברעג, אַז מע האָט שוין געקענט הערן דורך דעם רַעש פון שטורעם אַ קול, איז יענס אויפגעשטאַנען, האָט אויפגעהויבן דעם רודער און גענומען פאָכן מיט אים.

און מעכטיק האָט זיך געלאָזט הערן זײַן שטימע:

— זאָגט דער מוטער, אַז דאָס איז אווע!!!

אַזוי האָט יענס, אַליין ניט וויסנדיק, מיט זײַן מוט געראַטעוועט דעם אייגענעם ברודער.



אַן אַעראָפּלאַן.

איבער דעכער, איבער טורעמס,
איבער קוימענס שוואַרצן רויך
שוועבט אַ פליִער אין דער לופטן,
ווי אַן אָדלער ווילד און הויך.

— אַן אַעראָפּלאַן, אָ, קינדער,
גיכער! גיכער, לויפט אַהער!
זעט, ווי הויך ער שוועבט שוין אויבן
אַז מע זעט אים באַלד ניט מער״.

ווערט אַ טומל, אַ געפילדער,
פון די קינדער אַ געשריי;
קוקן אויף אים אַלע מענטשן,
ווי ער פליט זיך איבער זיי.

בײַ דער אַרבעט

יאָסעלע ברען

יאָסל דעם שוסטערס, אַ ייִנגל־אַ ברען,
אַ ייִנגל־אַ מַזיק, איז אַלט אַ יאָר צען.
פֿלוצלונג פֿאַרפֿירט ער מיט ייִנגלעך אַ קריג,
צעטאַנצט זיך און מעקעט אַזוי ווי אַ ציג. . .
און ווו אַ געשלעג, איז דאָרט יאָסל געווען;
דערפֿאַר טאַקע רופֿט מען אים יאָסעלע ברען.
זײַן טאַטע־אַ פֿלייכער, פֿאַרריכט אַלטע שיך,
זײַן מאַמע נייט העמדלעך בײַם פֿענצטער אין קיך.

פֿאַרטראַכט איין מאָל יאָסל זיך, פֿאַרטראַכט זיך און טראַכט
און לייגט שוין מיט אָפֿענע אייגלעך די נאַכט.
שטייט אויף אונדזער יאָסל פֿאַרטאָג, זייגער פֿיר,
טוט אָן זיך און עפֿנט פּאַמעלעך די טיר.
זעט ער: עס רעגנט, ס'איז קאַלטלעך און נאַס.
אַרט עס אים ניט און ער לאָזט זיך אין גאַס - - -

געקומען איז יאָסל אַהיים זייגער אַכט;
האַלט אין די ציינער אַ טאָלער און לאַכט.
צעהוסט זיך דער טאַטע: ווו ביסטו געווען?
צעוויינט זיך די מאַמע: אוי, יאָסעלע ברען!
שפּרינגט יאָסל דער מאַמען אַרויף אויפֿן שויס,
כאַפּט פֿון די ציינער דעם טאָלער אַרויס.
- „פֿאַרקויפֿט אַ סך צייטונגען! נאַ, און ניט וויין:
און יעדן פֿרימאָרגן וועל איך אַהין גיין.
וועסט שוין ניט נייען קיין העמדלעך אין קיך,
גיב עסן, אין שול דאַרף איך לויפֿן אויף גיך!"

קושט זי און האַלדזט אים און גלעט אים דעם קאָפּ,
לאַכט שטיל און עס רינען איר טרערן אַראָפּ -
קוקט יאָסל פֿאַרוווּנדערט און ווייס ניט וואָס ס'מיינט
זי דאַרף זיך דאָך פֿרייען, און זע גאָר — זי וויינט!

ל. באַרעליק

מײַן ברודער אַליָהוס געטראַנק.

(פונם בוך „מאַטל דעם חזנס“)

א.

פאַר איין רובל — הונדערט רובל; הונדערט רובל אַ מאָנאַט און מער קאָן פאַרדינען יעדער איינציקער, ווער עס וועט זיך באַקאַנען מיטן אינהאַלט פון אונדזער בוך, וואָס קאָסט סך הכּל 1 רובל מיט פּאָרטאָ. לויפט, קויפט! סטאַפּט, כאַפּט!-איר וועט פאַרשפּעטיקן!

אָט אַזאַ מין זאַך האָט אויסגעלייענט ערגעץ אויף די בלעטער מײַן ברודער אליהו. וויבאַלד ער האָט נאָר איבערגעלייענט, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ בוך אויף דער וועלט, אַזוי האָט ער באַלד אָוועקגעשיקט אויף דער פּאָסט אַ קערבל (דאָס לעצטע קערבל) און האָט אָנגעזאָגט דער מאַמען אַ בשורה, זי זאָל ניט זאָרגן מער.

— מאַמע, דאַנקען גאָט, מיר זײַנען געהאָלפן. מיט פּרנסה זײַנען מיר שוין פאַרזאָרגט. אָט אַזוי ווײַט! (ער ווײַזט מיט דער האַנט אויפן האַלדז).

— וואָס איז דען? — פרעגט די מאַמע — האָסט געקריגן אַ שטעלע?

— נאָך בעסער פון אַ שטעלע — ענטפערט איר מײַן ברודער אליהו און די אויגן בײַ אים לײַכטן. אַ פּנים פון גרויס שמחה. ער הייסט איר וואַרטן נאָך עטלעכע טעג, ביז דאָס בוך וועט אים אָנקומען.

— וואָסער בוך? — פרעגט אים די מאַמע.

— ס׳איז שוין איין מאָל אַ בוך! — זאָגט איר מײַן ברודער אליהו און פרעגט זי, אויב זי וועט זײַן צופרידן מיט הונדערט רובל אַ חודש.

לאַכט פון אים די מאַמע און זאָגט אים, אַז זי וואָלט געווען צופרידן מיט הונדערט רובל אַ יאָר, אַבי זיכערע. ענטפערט איר דערויף מײַן ברודער אליהו, אַז בײַ איר איז אַ צו קליינע השגה, און ער לאָזט זיך גיין אויף דער פּאָסט.

אַלע טאָג גייט ער אויף דער פּאָסט און פרעגט זיך נאָך אויפן בוך.

ב.

שאַט! שוין דאָ אַ בוך! מיר האָבן דאָס נאָר אויסגעפּאַקט, האָט מײַן ברודער אליהו זיך אָוועקגעזעצט לייענען דאָס בוך. וויי־וויי, וואָס ער האָט דאָרטן אויסגעלייענט! וויפיל סגולות אויף צו מאַכן געלט דורך פאַרשיידענע רעצעפּטן!

אַ רעצעפּט אויף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך מאַכן די בעסטע טינטן.

אַ רעצעפּט אויף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך מאַכן גוטע שוואַרצע שוואַקס.

אַ רעצעפּט אויף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך אַרויסטרײַבן מײַז, טאַראַקאַנעס און אַנדערע מיאוסקייטן.

אַ רעצעפּט אויף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש און מער דורך מאַכן ליקערן, זיסע בראַנפנס, לימאָנאַד, סאָדע־וואַסער, קוואַס און אַנדערע נאָך מער בליקע געטראַנקען.

מײַן ברודער אליהו האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן לעצטן רעצעפּט, ערשטנס — ווײַל דורך אים קען מען פֿאַרדינען נאָך מער ווי הונדערט רובל אַ חודש. אַזוי שטייט דאָך בפּירוש געשריבן אין בוך. און צווייטנס — מע דאַרף זיך ניט פּאַטשקען מיט טינט און מיט שוואַקס און ניט האָבן צו טאָן מיט מײַז, טאַראַקאַנעס און אַנדערע מיאוסקייטן. די פֿראַגע איז נאָר, צו וואַסער אַ געטראַנק מע זאָל זיך נעמען? צו ליקערן און זיסע בראַנפֿנס דאַרף מען האָבן ראָטשילדס פֿאַרמעגן. צו לימאָנאַד און סאָדע־וואַסער דאַרף מען האָבן אַ מאַשינע אַזעלכע, עפּעס אַ מין שטיין, וואָס קאָסט מי יודע וויפֿיל! בלײַבט איבער נאָר איין זאַך: קוואַס! קוואַס איז אַזאַ מין געטראַנק, וואָס קאָסט וואָלוול און עס גייט אַ סך. ובפֿרט נאָך אין אַזאַ הייסן זומער ווי הײַנט. פֿון קוואַס, דאַרפֿט איר וויסן, איז בײַ אונדז ברוך דער קוואַסניק געוואָרן אַ גביר. ער מאַכט „בוטל־קוואַס“. זײַן קוואַס האָט אַ שם אויף דער וועלט. ער שיסט פֿון די פֿלעשער ווי פֿון אַ האַרמאַט. וואָס איז דער שׂכל, וואָס סע שיסט, ווייסט קיינער ניט. דאָס איז ברוכס סוד. מע זאָגט, אַז ער לייגט אַרײַן אינעווייניק עפּעס אַזעלכעס, וואָס שיסט. אַנדערע זאָגן — אַ ראָזינקע, אַנדערע זאָגן — האָפּן.

קומט דער זומער, האָט ער 'ניט קיין הענט. אַזוי פֿיל לייזט ער געלט!

אונדזער קוואַס, וואָס מײַן ברודער אליהו מאַכט נאָכן רעצעפּט, איז ניט קיין „בוטל־קוואַס“ און שיסט ניט. אונדזער קוואַס איז אַן אַנדער מין געטראַנק. ווי אַזוי ער ווערט געמאַכט, קען איך אײַך ניט זאָגן. מײַן ברודער אליהו לאָזט קיינעם ניט צו, בשעת ער מאַכט אים. אַז ער גיסט וואַסער, זעען אַלע. נאָר אַז ער האַלט אין רעכטן מאַכן, פֿאַרשליסט ער זיך אין דער מאַמעס אַלקיר. נישט איך, נישט די מאַמע, נישט מײַן שוועגערין ברכה — קיינער האָט ניט די זכיה צו זײַן דערבײַ.

נאָר אויב איר זאָגט מיר צו, אַז ס'וועט זײַן אַ סוד, קאָן איך אײַך זאָגן, וואָס אין דעם געטראַנק געפֿינט זיך. איך ווייס דאָך, וואָס ער גרייט צו. דאָרטן געפֿינט זיך שאָלעכץ פֿון לימענע, שיטערער האָניק, אַ זאַך, וואָס מע רופֿט דאָס קרימעטאַרטערום און וואָס איז זויערער פֿון עסיק, און דאָס איבעריקע — וואַסער. וואַסער איז דאָרטן דאָ מער פֿון אַלצדינג. וואָס מער וואַסער — מער קוואַס. דאָס אַלעס ווערט גוט אויסגעמישט מיט אַ פּראָסטן שטעקן. אַזוי שטייט געשריבן אין בוך. און דאָס געטראַנק איז פֿאַרטיק. נאָכדעם ווערט עס אַרײַנגעגאָסן אין אַ גרויסן קרוג און מע וואַרפֿט אַרײַן אַהין אַ שטיק אײַז. אײַז איז דער עיקר! אָן אײַז טויג דאָס גאַנצע געטראַנק אויף גײַנציק כּפּרות. דאָס זאָג איך אײַך ניט פֿון בוך, נאָר איך האָב איינמאָל אַליין פֿאַרזוכט אַ ביסל קוואַס אָן אײַז, האָב איך געמיינט, אַז ס'איז אַן ענדע פֿון מײַן לעבן!

ג.

געמאַכט דאָס ערשטע פּעסל קוואַס, איז געבליבן, אַז אַרויסטראָגן פֿאַרקויפֿן אים אויף דער גאַס זאָל איך. ווער דען אַז ניט איך? מײַן ברודער אליהון פּאַסט ניט. ער איז דאָך שוין אַ באַווײַבטער. דער מאַמען אַוודאי ניט. מיר וועלן גאָר ניט דערלאָזן, אַז די מאַמע זאָל אַרומגיין מיט אַ קרוג איבערן מאַרק און שרײַען: „קוואַס! קוואַס! ייִדן, קוואַס!“ אַלע האָבן געפּסקנט, אַז דאָס דאַרף זײַן מײַן אַרבעט. איך האָב אויך אַזוי געדענקט. איך האָב מיך מחיה געווען, אַז איך האָב דערהערט דאָס נײַס. מײַן ברודער אליהו האָט גענומען מיך לערנען, ווי אַזוי איך זאָל טאָן. דעם

קרוג זאָל איך האַלטן אין איין האַנט אויף אַ שטריקל, דאָס גלאָז - אין דער אַנדער האַנט, און בכדי דער עולם זאָל זיך אָפּשטעלן, זאָל איך זינגען הויך און מיט אַ ניגון אַט אַזוי:

יידן! אַ געטראַנק!
אַ קאָפּיקע אַ גלאָז!
קאַלט און זיס -
אַ דערקוויקעניש...

אַ קול, האָב איך אײַך שוין לאַנג געזאָגט, אַז איך האָב אַ שיינס. אַ סאָפּראַנאָ-שטים, בירושה פון מײַן טאַטן, עליו השלום. איך האָב געגעבן אַ זינג אויס אויף אַ קול און האָב איבערגעדרייט דעם פסוק מיט די פיס אַרויף:

זיסער קוואַס אַ גלאָז!
אַ קאָפּיקע אַ ייד!
אַ קוויק און אַ קאַלט -
אַ דערטרינקעניש!...

איך ווייס ניט: צי מײַן געזאַנג איז אַזוי געפעלן געוואָרן? צי דאָס געטראַנק איז טאַקע געווען אַזוי גוט? צי אפשר ווײַל דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער? איך האָב דעם ערשטן קרוג אויספאַרקויפט אין איין האַלבע שעה און בין געקומען אַהיים מיט כמעט פינף גילדן פדיון. אָפּגעגעבן דאָס געלט דער מאַמען, און מיר האָט אליהו באַלד אָנגעגאָסן אַ פרישן קרוג. ער האָט געזאָגט, אַז אויב איך וועל מיר קאָנען אויסדרייען אַזוי פינף-זעקס מאָל דורכן טאָג, וועלן מיר האָבן פאַרדינסט פונקט הונדערט רובל אַ חודש. איצט רעכנט, זײַט מוחל, אַראָפּ די פיר טעג שבת וואָס אין חודש, וועט איר שוין אַליין וויסן, וויפיל דאָס געטראַנק קאָסט אונדז און וואָס פאַר אַ פּראָצענט מיר פאַרדינען בײַ אים. דאָס געטראַנק קאָסט אונדז זייער האָלוול. מע קען זאָגן כמעט גאָרניט. דאָס גאַנצע געלט גייט אַוועק אויפן אײַז. דעריבער דאַרף מען זען וואָס גיכער אויספאַרקויפן דעם קרוג מיטן געטראַנק, בכדי דאָס שטיקל אײַז זאָל צוניץ קומען אויפן צווייטן קרוג און אויפן דריטן קרוג און אַזוי ווײַטער. דעריבער דאַרף מען מיטן געטראַנק גיין גיך, טאַקע לויפן. נאָך מיר לויפן נאָך יינגלעך, שקצים, אַ גאַנצע טיטשקע. זיי קרימען מיך איבער, ווי איך זינג, איך הער זיי אָבער מיטן קאָטער. איך זע וואָס גיכער אויסברענגען דעם קרוג און לויפן אַהיים נעמען נאָך אַ קרוג. וויפיל איך האָב געמאַכט דעם ערשטן טאָג, חייס איך אַליין ניט. איך ווייס נאָר, אַז מײַן ברודער אליהו מיט מײַן שוועגערין ברכה מיט מײַן מאַמען האָבן מיך שטאַרק געלויבט. וועטשערע האָט מען מיר געגעבן אַ שטיק דיני מיט אַ שטיק קאַווענע מיט צוויי פלוימען אונגערשע. פון קוואַס שמועסט מען ניט. קוואַס טרינקען מיר אַלע אַזוי ווי וואַסער. פאַרן שלאָף בעט מיר אויס די מאַמע אויף דער ערד און פרעגט מיך, צי עס טוען מיר ניט ווי זולילה די פיס. מײַן ברודער אליהו לאַכט פון איר. ער זאָגט אויף מיר, אַז איך בין אַזאַ יינגל, וואָס מיר טוט קיין מאָל ניט ווײ קיין זאַך.

- געוויס! - זאָג איך - אַ סימן: אײַב איר ווילט, גיי איך באַלד מיט אַ קרוג אין מיטן האַלבער נאַכט.

אַלע דרײַ צעלאַכן זיך פון מײַן בריהשאַפט. נאָר אויף דער מאַמעס אויגן זע איך טרערן.

• • •

ד.

עס גייט אונדז, קיין עין הרע, דורך סיר און דורך טויער. איין טאָג איז היי־סער פונם אַנדערן. עס ברענט! מענטשן גייען אויס פאַר היץ, קינדער פאַלן אַזוי ווי פליגן. ווען ניט דאָס גלעזל קוואַס, וואָלט מען פאַרברענט געוואָרן. איך קער מיך אום מיטן קרוג בלי גוזמא צען מאָל אַ טאָג! מיין ברודער אליהו קוקט אַריין אין פאַס אַריין מיט איין אויג און זאָגט, אַז עס טאָגט שוין. פאַלט ער אויף אַן עצה און גיסט צו נאָך אַ פּאָר עמער וואַסער. אויף דער עצה בין איך געפאַלן נאָך פריער פון אים. איך מוז מיר מודה זיין פאַר אייך, אַז איך האָב אָפּגעטאָן אַ שפּיצל שוין עטלעכע מאָל. כמעט אַלע טאָג כאַפּ איך מיך אַריין צו אונדזער שכנה פּעסי און גיב איר פאַרזוכן אַ גלעזל פון אונדזער אייגענעם געטראַנק. איר מאַן, משה דעם איינבינדער, גיב איך צוויי גלעזלעך. ער איז אַ גוטער מענטש. די קינדער אַלע גיב איך אויך צו גלעזלעך קוואַס. לאָזן זיי אויך וויסן, וואָס פאַר אַ געטראַנק מיר קאָנען מאַכן. דעם בלינדן פעטער גיב איך אויך אַ גלעזל קוואַס אויף צו פאַר־זוכן. אַ רחמנות, ער איז נעבעך אַ קאַליקע. אַלע מיינע באַקאַנטע גיב איך קוואַס. אומזיסט, אָן אַ קאָפּיקע געלט. און בכדי ס'זאָל ניט זיין קיין שאָדן, דערגיס איך דעם קרוג מיט וואַסער. אויף איטלעכס גלעזל קוואַס, וואָס איך גיב אַוועק אומזיסט, דערגיס איך צוויי גלעזער וואַסער. דאָס אייגענע טוט מען אין דער היים אויך. למשל, מיין ברודער אליהו טרינקט אויס אַ גלעזל קוואַס, דערגיסט ער באַלד מיט וואַסער. ער איז גערעכט. ס'איז אָן עבירה אַ קאָפּיקע. מיין שוועגערין ברכה טרינקט אויס אַ פּאָר גלעזלעך קוואַס, (זי האָט ליב מיין ברודער אליהוס קוואַס – סכּנות!) דערגיסט זי באַלד מיט וואַסער. די מאַמע פאַרזוכט אַ מאָל אַ גלעזל קוואַס, (זי דאַרף מען בעטן. אַליין וועט זי ניט נעמען!) דערגיסט מען באַלד מיט וואַסער. הכּלל, עס גייט ניט חסר קיין טראָפּן און מיר מאַכן, קיין עין הרע, פיין געלט.

די מאַמע האָט זיך אַרומגעצאָלט מיט אַ סך חובות, אויסגעלייזט אַ פּאָר גייטיקע משכּנות. אין שטוב האָט זיך באַוויזן אַ טישל, אַ בענקל. אויף שבת האָבן מיר פיש און פלייש און ווייסע קוילעטשן. מיר האָט מען צוגעזאָגט אם־ירצה־השם אויף ימים־טובים אַ פּאָר שטיוועלעך נייע. מיר דאַכט, אַז קיינעם איז ניט אַזוי גוט ווי מיר!

ה.

גייט זייט אַ נביא און טרעפט, אַז ס'וועט זיך טרעפן אַזאַ מין אומגליק אין אונדזער געטראַנק וועט ווערן פּסול, כאָטש נעמט גיסט אים אַרויס אין פּאָמוניצע! נאָך אַ גליק, וואָס מע האָט מיך גימ פאַרנומעי איז פּאָליציי. הערט אַ מעשה! איין מאָל האָב איך פאַרבלאָנדזשעט מיטן קרוג קוואַס צו אונדזער שכנה פּעסי. דער גאַנ־צער עולם האָט גענומען צו גלעזלעך קוואַס און איך אויך מיט זיי. אויסגערעכנט, אַז עס פעלט מיר אַ גלעזלעך צוועלף־דרייצן געטראַנק. האָב איך מיר אַריינגעכאַפּט אין הויז, דאָרטן ווו דאָס וואַסער שטייט ביי זיי. אַנשטאָט דער דייזשע מיט וואַסער האָב איך אַפּנים געטראָפן צו דער באַלייע, וואָס מע וואַשט גרעט, און האָב אַריינ־געפּליאָסקעט אַ 15 – 20 גלעזער צו מיר אין קרוג אַריין און בין אַוועק אין גאַס אַריין מיט אַ נייעם ניגון, וואָס איך אַליין האָב צוגעטראַכט:

ייִדן, אַ געטראַנק!
טעם גן־עדן!
אַזאַ יאָר אויף מיר,
אויף אייך און אויף אונדז בײדן!

שטעלט מיך אָפּ אַ ייד, באַצאָלט מיר אַ קאָפּיקע און ער הייסט זיך אָנגיסן אַ גלעזל קוואַס. ער טרינקט אויס דאָס גאַנצע גלאָז און פאַרקרימט זיך.

— יינגעלע! וואָס איז דאָס בײַ דיר פאַר אַ געטראַנק?

איך הער אים אין טראָק. עס שטייען נאָך צוויי יידן און וואַרטן, איך זאָל זיי שוין אָנגיסן. איינער זופּט אָפּ אַ האַלבע גלאָז, דער אַנדערער אַ דריטל. זיי באַצאָלן, שפּײַען אויס און גייען אַוועק. נאָך איינער טראָגט צו דאָס גלאָז צו די ליפּן. ער פאַרזוכט און זאָגט, אַז סע שמעקט מיט זייף און ס׳איז, דאַכט זיך, געזאַלצן. נאָך איינער טוט אַ קוק אויפן גלאָז און גיט מיר אָפּ צוריק מיט די ווערטער:

— וואָס איז דאָס בײַ דיר?

— אַזאַ געטראַנק — זאָג איך.

— אַ געטראַנק? — מאַכט ער צו מיר. — אַ געשטאַנק, ניט קיין געטראַנק!

איינער גייט צו, פאַרזוכט און טוט אַ פּאַליאַסקע אויס דאָס גלאָז גלײַך מיר אין פּנים אַרײַן. אין אַ מינוט אַרום שטייט אַרום מיר אַ גאַנץ רעדל מיט יידן, ווײַבער און קינדער. אַלע ריידן, מאַכן מיט די הענט, קאָכן זיך. דערזעט אַ יאָוון, אַז מע קלײַבט זיך. גייט ער צו און פרעגט, וואָס איז דאָ. דערציילט מען אים. גייט ער און קוקט אַרײַן צו מיר אין קרוג אַרײַן און הייסט זיך געבן פאַרזוכן. גיס איך אים אָן אַ גלעזל מיט קוואַס. דער יאָוון טוט אַ טרונק אָפּ און שפּײַט אויס און ווערט מלא־רציחה.

— ווו האָסטו גענומען אַזעלכע פּאָמאָיעס? — פרעגט ער מיך.

— דאָס איז פון אַ בוך — זאָג איך אים — מײַן ברודערס מלאָכה, מײַן ברודער אַליין מאַכט דאָס.

— ווער איז דײַן ברודער? — פרעגט ער מיך.

– מײַן ברודער אליהו – זאָג איך אים.
– וואָסער אליהו? – פרעגט ער מיך.
– דבר נישט, דו נאַרישער יאָלד, אויף דײַן אָחי! – זאָגן צו מיר עטלעכע
ייִדן אַלע מיט אַ מאָל

עס ווערט אַ טומל, אַ רעש, אַ מהומה. אַלע מינוט קומען צו נײַע מענטשן. דער יאָוון האַלט מיך פאַר אַ האַנט און וויל אונדז אָפּפירן (מיך מיטן געטראַנק) גלײַך אין פּאָליציי אַרײַן. דער טומל ווערט נאָך גרעסער.

– „אַ יתום! נעבעך, אַ יתום!" – הער איך פון אַלע זײַטן.

דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איך האַלט שמאָל. איך קוק אויפן עולם, וואָס אַרום מיר: „ייִדן, האָט רחמנות"!...

מע וויל אַרײַנרוקן דעם יאָוון אַ מטבע. דער יאָוון נעמט ניט. רופט זיך אָן צו מיר איינער, אַן אַלטער ייִד מיט גנבישע אויגן, פאַרשטעלט אויף לשון־קודש:

– מאָטל! רײַס אַרויס דעם יד פונם יאָוון און הייב אויף די רגלים און מאַך פּליטה!

איך טו זיך אַ רײַס אויס, נעם די פיס אויף די פּלייצעס און מאַרש אַהיים! ניט טויט, ניט לעבעדיק פאַל איך אַרײַן אין שטוב אַרײַן.

– ווו איז דער קרוג? – פרעגט מיך מײַן ברודער אליהו.

– אין פּאָליציי! – ענטפער איך און פאַל צו צו דער מאַמען מיט אַ געוויין

שלום עליכם.

דער פעטער איצע.

ס'האָט זיך פעטער איצע
אויסגעלערנט שנײַדערײַ.
מאַכט ער אַלטע סערמיגעס,
פונקט ווי שפּאָגל־נײַ.
מאַכט ער אַלטע סערמיגעס,
פונקט ווי שפּאָגל־נײַ.

זיצט דער פעטער אויפן טיש
טערקיש־טאַמעוואַטע,
טרענט און ניצעוועט און לייגט
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.
טרענט און ניצעוועט און לייגט
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

קומט ער אין אַ דערפל אָן
מיט דעם נאָדל־פאָדעם,
הענגט ער אויס אַ „וויוועסקע":
„דאָ פאַרריכט מען בגדים".
הענגט ער אויס אַ „וויוועסקע":
„דאָ פאַרריכט מען בגדים".

אויסגעלאַטעוועט איין דאָרף,
גייט ער אין אַ צווייטן,
ביז ער לאָזט אַרויס פון האַנט
די געגנט אַ באַנייטע.
ביז ער לאָזט אַרויס פון האַנט
די געגנט אַ באַנייטע.

משה קולבאַק.

אַ שנײַדער און אַ פּרעסער.

מײַן ברודער עליע און זײַן חבֿר פּיניע אַרבעטן אין צװײ באַזונדערע פֿאַבריקן. אײנער איז אַ שנײדער. דער אַנדערער איז אַ פּרעסער. אַ שנײדער דאַרף ניט נײען מיט די הענט. ער שטעפּט בײַ דער מאַשין. דאָס דאַרף מען אָבער אױך קענען. עס שטעפּט זיך ניט אַלײן.

װי אַזױ האָט זיך מײַן ברודער עליע אױסגעלערנט שטעפּן? מע האָט אים געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זײ איבערגײן מיט דער מאַשין. איז ער דורכגעגאַנגען הין און צוריק עטלעכע מאָל און איז געװאָרן אַ שנײדער. אױף מאָרגן האָט ער שױן געשטעפּט.

פּיניען האָט מען אױך אַװעקגעזעצט בײַ דער מאַשין, װי מײַן ברודער עליען. מע האָט אים אױך געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זײ איבערגײן הין און צוריק מיט דער מאַשין. טוט ער אָבער אַלץ קאַפּנדיק. האָט זיך געטראָפֿן מיט אים אַן אומגליק — ער האָט אין אײלעניש פֿאַרטשעפּעט דעם פּידזשאַק און האָט צוגעשטעפּט דעם לינקן אַרבל צו דער מאַשין. אַ גליק כאָטש, װאָס ניט די האַנט. װײ — װײ, װאָס מע האָט זיך אָנגעלאַכט פֿון אים!

גײט פּיניע אַװעק אין אַן אַנדער פֿאַבריק און באַשטעלט זיך דאָרט פֿאַר אַ פּרעסער. אַן אונטערפּרעסער דערװײל. אַז ער װעט זיך אױסלערנען די אַרבעט, װעט ער גײן העכער און העכער.

דערװײל װערט נאָך פּיניע גוט פֿאַרשװאַרצט, און אַלץ איבער זײַן טבֿע, װאָס ער האָט ליב אַלצדינג טאָן קאַפּנדיק.

ער קומט אַלע טאָג אַהײם אַ צעבריטער.

אײן מאָל איז ער געקומען מיט אַ צעקאַליעטשעטער נאָז. װאָס איז די מעשׂה? ער האָט זיך בײַם פּרעסן אָפּגעבריט די נאָז. װי קומט דאָס פּרעסל צו זײַן נאָז? לאָזט זיך אױס, אַז פּיניע האָט גאָר געזוכט אַ שטיקל אַרבעט, האָט ער זיך אָנגעבױגן האַרט צום טיש און געטראָפֿן מיטן שפּיץ נאָז אױפֿן אָנגעגליטן פּרעסל.

נאָר פּיניע איז אַ מענטש, װאָס זאָרגט ניט. מיט דער צײַט װעט ער זיך אױסלערנען און װעט גײן העכער און העכער.

שלום-עליכם

ש ל ו ם א ש

ביים שוסטער

בעריש האט געהייסן מאטקען זיך זעצן און געגעבן אים א שנור מיט א שטיק וואקס, ער זאל דרייען א דראטווע. מאטקע האט עס גענומען אין האנט און ניט געוווּסט וואס צו טאן דערמיט. ער האט זיך געשפּילט מיטן פאדעם און מיט גרויסע אויגן ארומגעקוקט זיך אין שטיבל. ער האט דערזען די צוויי הויכע בעטן, וואס שלינגען איין דאס גאנצע שטיבל, אנגעלייגט מיט בעטגעוואנט ביז אין האלבן באלקן. ער האט געקוקט אויף די פארשטויבטע בילדלעך, וואס הענגען פאר די בעטן; אויף די פאליצעס, וואס זיינען אנגעלייגט מיט כאלעוועס, אלטע שטיוול, שטיוועלעטן און שטיקער לעדער. ער האט זיך ארומגעקוקט טשעקאווע אין דער נייער היים, וואס אהער האט מען אים אריינגעגעבן אויף גאנצע זעקס יאר; געקוקט אויף זיינע חברים — די צוויי יינגלעך מיט די געזעלן, וועלכע האקן פאדעשוועס. ביי די בענקלעך ווייקט זיך לעדער אין וואסער, וואס גיט פון זיך א ריח. ער האט געקוקט אויף די פענצטערלעך, ווי זיי זיינען פארקאוועט אין שפּינוועבס און באלייגט מיט מאסן, מיט פארמעס און שנורן. און פון דרויסן קריכט די זון און גנבעט זיך אין פענצטערל און וויל אין שטיבל אריין, און דאס שפּינוועבס לאזט ניט.

באלד האט ער דערפילט א שטופּ אין א זייט. ער קוקט זיך אום — לעבן אים איז אויסגעוואקסן די מייסטערין.

— נא, ברענג וואסער! — האט זי אים געשטופּט די קאן אין דער האנט אריין.

מאָטקע האָט זיך דערפרייט. ער האָט געכאַפּט די קאַן, געגאַנגען צום פּלומפּל, געבראַכט אַ קאַן מיט וואַסער. די מײַסטערין האָט אים באַוויזן די פּאַס. ער האָט אָנגעגאָסן, ווידער געלאָפן, און ס׳האָט ניט געדויערט קיין צוויי מינוט, איז ער שוין צוריק געווען.

ווידער האָט ער זיך אָוועקגעזעצט, געדרייט די דראַטווע, וואָס ער האָט ניט געקענט האַלטן אין דער האַנט צוליב דעם שטיקל וואַקס. האָט ער זיך ווידער אומגעקוקט אין שטיבל. איצט האָט אים פּאַראינטע־רעסירט דער שוואַרצער קאָטער, וואָס איז אָנגעבונדן מיט אַ לאַנגן שטריקל בײַם בעט און דרייט זיך צווישן די פיס פון דער מײַסטערין.

באַלד דערפילט ער ווידער אַ שטופּ אין אַ זײַט:

— נאַ, צעהאַק מיר האָלץ — האָט זי אים געגעבן דאָס האַקמעסער אין דער האַנט.

מאָטקע האָט זיך גענומען דאָס האָלץ צעהאַקן. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אָוועקגעזעצט אויפן קליינעם בענקל און ווידער געצויגן דעם שנור דורך דער וואַקס. די מײַסטערין האָט געמאַכט פײַער, אָוועקגעזעצט זיך בײַם קיכל און אײַנגעשלאָפן. דער קאָטער איז אַרויפגעקראָכן אויף איר שויס און איז אויך אײַנגעשלאָפן.

* * *

אין דער שטוב הערט זיך דאָס קלאַפּן פון העמערל אויף דער זויל. דער מײַסטער זיצט איבער אַ שטיוול. אַלע זיצן אײַנגעבויגן און פאַרטראָגן אין דער אַרבעט. דער זייגער קלאַפּט טיק־טאַק. מאָטקען איז דאָס גאַנצע שטיבל מיט דעם מײַסטער מיט דער מײַסטערין פאַר־מיאוסט און לאַנגווײַליק געוואָרן. ער האָט געקוקט אויפן פענצטערל און דערזען, ווי די זון קריכט פון דרויסן אויף דער צווייטער זײַט פענצטערל,וויל זיך אַרײַנקריגן אין שטיבל אַרײַן און קען ניט.

מאָטקע האָט זיך פאַרטראַכט...

אַ שמיץ מיטן רימען איבערן קאָפּ האָט אים דערמאָנט אָן דער דראַטווע אין האַנט. מאָטקע האָט זיך געוואָלט אויפהייבן און אַרויס־לויפן דורך דער טיר, נאָר ער האָט עפּעס מוֹרא געהאַט. ער האָט שוין אָבער ניט געקענט אײַנזיצן אויפן בענקל און ניט געוואָלט מער דרייען די דראַטווע אין וואַקס.

דאָ האָט זיך פלוצים די מײַסטערין אָן עפּעס דערמאָנט. זי איז צוגעגאַנגען צו מאָטקען און אים אַ קניפּ געטאָן:

— גיי, ברענג פון געוועלבל אַ ברייטל מיט צוויי הערינג.

מאָטקע איז אַרויס און שוין מער ניט געקומען.

שלום אש.

דאס גלעקל און דאָס העמערל.

זיצט אַ שוסטערל אין קעמערל
און סע קלאַפּט דאָרט מיטן העמערל,
קלאַפּט אַ פּלעקל נאָך אַ פּלעקעלע.
זאָגט צו אים דאָס גלעקעלע:
— קאָפּ!
פּע! וואָס קלינגסטו אַזוי גראָב?
דאָפּ, דאָפּ, דאָפּ! און דאָפּ, דאָפּ, דאָפּ!
דין קלינג! דין, דין! פאָלג מיך!
איך קען קלינגען — איך, איך, איך!
איך בין קלוג, איך בין...
— ביסט אַ ליידיק יינגעלע
מיט אַ נאַריש צינגעלע —
טוט אים העמערל אַ זאָג:
— קלאַפּסט אין קאָפּ אַ גאַנצן טאָג
און וואָס לאָזסטו הערן?
קיין געדאַנק, קיין געזאַנג!
דין, דין, דין — אַ פּוסטער קלאַנג
און נישט מער —
און איך קלאַפּ און אַרבעט שווער.
באָרוועס גייט אום קיווועלע,
מאַך איך אים אַ שטיוועלע.

אליעזר שטיינבארג.

דער שמיד.

בײ דעם טײכל שטײט א קוזניע,
און דער שמידער אין דער קוזניע
שטײט בײ דער מלאָכה.
מיט דעם בלאָזזאק בלאָזט ער דאָרט,
פאָך-פאָך! פאָך-פאָך!- בלאָזט ער דאָרט,
בלאָזט ער דאָרט און פאָכעט.

דױט אויף דער קאָװאַדלע גליען
טוט דאָס אײזן, טוט זיך ציען,
קאָכן הײס און זידן;
און דער האַמער קלאַפּט דערויף:
הוק-הוק! הוק-הוק! — קלאַפּט דערויף,
קלאַפּט און טוט עס שמידן.

קלאַפּ-זשע, שמידער! לאָזן שפּריצן,
לאָזן טויזנט פונקען בליצן,
פליען הין און הער אַרום;
פון דעם האַמער צוקט א בליץ,
פלים-פלאַם, פלים-פלאַם — צוקט א בליץ
און עס דונערט נאָך אים.

דוד פרישמאַן.

אייזיק דער שמיד און הערצל דער סטאָלער.

שלמהלע כאַפּט זיך עפּטערס אַרײַן צו אייזיקן דעם שמיד אין קוזניע. באַזונ־ערס, ווען אין דרויסן איז נאַס, קאַלט און אים איז עפּעס אומעטיק־לעך אויפן האַרצן.

ער זיצט זיך דאָרט אין אַ ווינקל און קוקט פאַרטראַכט. אין קוזניע איז טונקל. אַנטקעגן אים פּאַכט הייזע־יקלעך אַ לעדערנער, געלאַטעטער בלאָזזאַק; ער טוט אַ בלאָז, און אַ זײַל פונקען שפּרינגען, טאַנצן ווי די רוחות אין אַויון. די פונקען שפּרינגען. און שלמהלעס געדאַנקען פּאַרפּלײַען, ווײַטער, ווײַטער... עס מאָלן זיך אים עפּעס משונהדיקע צורות, דרייענדיק זיך צווישן די פונקען און דראַפּענדיק זיך פון דאָרט אויף די אָפּגעשײַנטע ווענט אַנטקעגן. עס בײַטן זיך די געשטאַלטן, אַרויס, אַרײַן... ער קוקט, קוקט און דערזעט באַשײַנפּערלעך די ליכטיקע צורה פון אײַזיקן, וואָס הודעט אונטער, פאַרגרעסערט אַלץ דאָס פײַער. פּלוצעם, אין דער הייסער מינוט טאָקע, כאַפּט אײַזיק פונעם העלישן פײַער אַרויס מיט צוואַנגען אַ גלײַענדיק שטיק אײַזן, און האַלטנדיק עס אַזוי אויף דער „קאָוואַדלע" מיט איין האַנט, שלאָגט ער עס מיט דעם האַמער אין דער אַנדערער האַנט. אַ געזונטער ברייט־בײנערדיקער, צעכראַסטעטער בחור, באַוואָקסנט מיט אַ גרויסן שווערן האַמער, קלאַפּט דערויף אַנטקעגן. אײַזיק — איין קלאַפּ, דער בחור — צוויי; אײַזיק — אַ דריי דעם אײַזן אַהער, דער בחור — קלאַפּ, אייזיק אַ דריי אַהין, און דער בחור — קלאַפּ־קלאַפּ, אַזש פונקען פליען... ס'איז דאָ פאַר שלמהלען וואָס צו זען, ס'איז דאָ פאַר אים אויך וואָס צו הערן — די אַרבעט האָט ליב אַ המצאה, אַ ווערטל, עס זאָל געטאָן ווערן לעבעדיק, פריילעך.

אין מענטשן צום ריידן איז ניטאָ קיין מאַנגל. ס'איז דאָ גענוג אי אייגענע, אי פרעמדע, וואָס קומען געבן אַרבעט: דער קומט מיט אַ שטומפּע האַק, יענער קומט מיט אַ צעבראָכן קלינגל, אַן איבערגעדרייטן שלאָס; איינער קומט שמידן אַ פערד, און דער אַנדערער — אַרויפציען אַן אייזער־נעם רייף אויף אַ ראָד.

*

שלמהלע באַקענט זיך אויך מיט הערצל קיילעס דעם סטאָלער.

הערצל קיילעס איז געווען, ווי אייזיק, שוין אין די יאָרן, אַ טאַטע פון קינדער, אויך אַ דאַרער, אַ בלייכער, ווי ער, מיט דעם אונטערשייד נאָר: אייזיק איז אַ הויכער, און הערצל אַ קליינינקער, נידעריק געוואַקסן.

אייזיק איז געווען תמיד רויִק, געלאַסן, גערעדט אויף איין שטים, גלייך, נישט געדרייט, געשריגן, זיך נישט געיאָגט, געהיצט און נישט

ארויס פון די כֵלים. אנטקעגן-זשע הערצל איז א ספירט, ביים ריידן בייט זיך אים די שטים, און ער גיט פון זיך ארויס משונהדיקע קולות. א מאָל אויך מיט א קוויטש. דער שמועס זיינער איז געהאַקט, געבראָכן, לאָזט זיך אויס פּאר גרויס איילעניש מיט א ווונק, א מאך מיט דער האנט, נאָר עפּעס נישט אַזוי ווי ער וויל.

קאָכט ער, זידט און צאַפּלט מיט אַלע גלידער.

עס האָט אין אים געשטעקט א גייסט פון א קינסטלער. דער דאָזיקער גייסט זיינער האָט אינעווייניק אין אים, ווי דער סַמבַּטיון, נישט גערוט, זיך געריסן מיט אַלע קרעפטן ארויס זיך ארויסווייזן אין אַלערליי האַנטאַרבעט.

די סטאָלעריי איז ביי אים נישט אַזוי וועגן דער פּרנָסָה, ווי צוליב דעם פאַרגעניגן, וואָס ער האָט דרינען געהאַט — צו מאַכן א כּלִי.

ער האָט געקאָנט אַוועקזיצן איבער א שטיקל אַרבעט מער, וויפיל מע באַדאַרף, פאַרצירן עס מיט צאַצקעס, שניצערייַ, כאָטש יענער האָט גאָר אַזוי פיל נישט פאַרלאַנגט, נאָר צוליב דעם אַליין, עס זאָל זיין שיין...

הערצל האָט אויך געשפּילט פידל. נישט אויף חַתוּנות, חָלִילָה. דערויף איז דאָך געווען דער יידישער קלעזמער, פייטל, אויף די וואָכעדיקע טעג, און קאָנדראַט דער גוישער — אויף שַבָּת ביי דער כַּלָּה אויף דער „פאָרשפּיל" — נאָר גלאַט אַזוי זיך האָט ער זיך געשפּילט.

זומער פאַרנאַכט. די שטאָט-בהֵמות זיינען שוין געקומען פונם פעלד, ליגן זיך, שוין אויסגעמאָלקענע, אויף דער גאַס; אויס די קוימענס ציען זיך פאַמעלעך עפּעס ווי פאַרשלאָפן העל-גרויע זיילן רויך; ווייבער שטייען ביי די פריפּעטשקעס, קאָכן וועטשערע; ערגעץ פון דער ווייטנס, פון א טייַכל פאַרטראָגט זיך א קוואַקען פון זשאַבעס, און זשוקלעך טראָגן זיך זשומענדיק אַרום אין דער לופט. — דעמאָלט צעגיסט זיך געוויינטלעך הערצל אויף א פידעלע, שטייענדיק אין דרויסן ביי זיך אויפן גאַניקל.

קינדער מיט שטיקער ברויט און האַלבע אייער פאַרזאַמלען זיך אַרום אים, שטאָפּן אָן פולע מײַלער, שטעלן אויף די אייערלעך, גאַפן און הערן.

הערצל פידלט און זינגט אונטער, פידלט און מאַכט זיך נאַריש מיט די קינדער.

מענדעלע מוכר ספרים

אין ציגעלניע.

אוי, האָב איך ליב צו גיין אַהינצו און קוקן, ווי עס אַרבעט זיך! איר ווילט אויך? קומט, איר וועט קיין חרטה ניט האָבן! איך וועל אײַך דאָרט ווײַזן דעם גרויסן, ברייטן הויף מיטן גראָבן אין מיטן און דעם דאַך, אונטער וועלכן ס'ליגן די נאַסע ציגל, און די גרויסע שטאַלן און די ברענאַויוונס. איך בין שוין דאָרטן אַ היימישער.

שטיי איך אַזוי און קוק, ווי עס אַרבעט די ציגעלניע. מע מישט די ליים מיט זאַמד, מע קנעט דאָס אויס און מע שנײַדט דאָס אויס מיט אַ פורעם — אַ הילצערן קעסטל אַזאַ אָן אַ דעק. אַ שטיק ליים גענומען אין פורעם אַרײַן, און עס גייען אַרויס ציגעלעך — אַלע גלײַכע, איינער אין איינעם, כאָטש נאָך געל און נאַס. די נאַסע ציגל פירט מען אָפּ אונטערן הוילן דאַך אָן ווענט צום טריקענען. מע צעלייגט זיי אַזוי, אַז עס זאָל זיי זײַן גראַם און זיי זאָלן האָבן גענוג לופט. אויסגעטריקנט — גייט אין אויוון אַרײַן! צעלייגט זיך דאָרט שורותווײַז און — בראָט זיך אויפן פײַער! און אַ פײַער ברענט אַ גרויסער, ברענט אַזוי עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד. זאָלן זיך אָנברענען די ציגל, זאָלן זיי שטײַף און פאַררויטלט ווערן.

מיר האָט זיך דעמאָלט אַזוי פאַרוואָלט אַליין מאַכן אַ ציגעלע! און געדוכט האָט זיך מיר, אַז ס'איז גאָר פון די גרינגע זאַכן.

האָב איך בײַ אַן אַרבעטער אַ פורעם געבעטן. גענומען, רוק איך און שטופּ די ליים אין פורעם אַרײַן—ס'הייבט זיך גאָרניט אָן. די ליים קלעפּט זיך צו די הענט ווי אַ טייגל. אַן אומפאָרמיקע שסיק ליים אַרויס, קיין סימן פון ציגל. האָט דער אַרבעטער אַזוי געשמאַק געלאַכט פון מײַן פּאָרען זיך און גענומען אַ פורעם, גענומען די ליים — אַרײַן=אַרײַן, פאַרגלײַכט, פאַרגלעט, אַ קנאַק, אַרויס=אַרויס—און נאַ דיר אַ ציגל, ריין און גלײַך. און נאָך איינער, און נאָך אַזוינער. ס'גייט אַ גאַנג.

שפּעטער אָבער האָב איך זיך אויך אויסגעלערנט, און אין דער היים ניט איין מאָל געפּרוּווט מאַכן זיך ציגעלעך: צעמישט אַזוי, אויסגעקנאָטן די ליים, אַרײַנגעלייגט אין קעסטעלעך פון שוועבעלעך, אַרויסגענומען, אויסגעטריקנט, און נאָך דעם אין אונדזער שטובאויוון אַרומגעברענט. צוגעגרייט זיך אַזאַ פּאָר צענדלינג שיינע קליינע ציגעלעך און דערפון זיך געמויערט אַן אייוועלע, אַ שטיבעלע און וואָס ניט. די ציגעלעך צונויפגעקלעפּט מיט צעמענט—פון אַ לעפל געלאָשענעם קאַלך, געמישט אין וואַסער מיט זאַמד. איר האָט שוין געמעגט אָנקוקן מײַנע געבײַען!

חילט איר אויך גיין אי דער ציגעלניע?

אונטער דער ערד.

קאַרוזאָ.

קאַרוזאָס — אַזוי הייסן אין סיציליע די קינדער, וואָס אַרבעטן אין די שוועבל-שאַכטעס. די דאָזיקע קינדער טראָגן אַרויף דאָס אַרץ וואָס עס האַקן אָן טיף אונטער דר'ערד די דערוואַקסענע שאַכטיאָרן.

איינעם פון די דאָזיקע קאַרוזאָס האָב איך געקענט. דאָס איז געווען אַ בלאַס בלאָנד יינגל פון אַ יאָר צוועלף. אַ געזונטער און אַ פלינקער פון דער נאַטור, פלעגט ער לייכט אויספירן די שווערע אַרבעט, כאָטש ער איז אויך פיל אָפגעצערט געוואָרן, בענקענדיק נאָך דער פריי.

די פינצטערע גאַלערייע איז ענלעך אויף אַ תּפיסה, און די קינדער הערן ניט אויף צו בענקן נאָך ליכט און פרייהייט.

מיין באַקאַנטער איז, דאַכט זיך, געוועזן געזונט, אָבער וואָס פון טאָג איז ער געוואָרן אַלץ אומעטיקער און פאַרשלאָפענער. די פיס און די הענט פלעגן קלעטערן איבער די טיפע גליטשיקע ברינעמער, און דער קאָפּ האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן פרייהייט.

די „פרייהייט" פלעגט ער אָנקוקן נאָר איין מינוט.—בשעת ער פלעגט אַרויסקריכן אין דער הויך מיט אַ זאַק. איין מינוט קען ער געניסן פון דער פרייהייט און מוז גלייך ווידער אַרונטערקריכן אונטער דער ערד, ווידער אָפּרייסן זיך פון דער זון. ער האָט אַלץ געטראַכט וועגן דער צייט, ווען ער וועט שוין קענען אַרויס אין דער הייך אין גאַנצן און אויף אַלע מאָל.

פאַרבלייבן איבּן גאַנצן לעבן אַ שאַכטיאָר, דאָס האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט.

— איך וועל זיין אַן ערדאַרבעטער און ווינטער וועל איך אַרבעטן אויף דער פאַבריק, אַזוי ווי מיין פאָטער טוט-האָט געטראַכט דאָס יינגל-

די אַרבעט דאָרט איז אויך אַ שווערע, עס איז אָבער ניט אונטער דר'ערד. דאָרט זיינען פאַראַן שולן, און די, וואָס קענען ניט לייענען און שרייבן, לאָזט מען גיין אין שול אַריין זיך לערנען"...

און ער האָט זיך גענומען פאַרשטעלן, ווי אַנשטאָט דעם זאַק מיט שוועבל געפינט זיך ביי אים אויף דער פּלייצע אַ לײַכט רענצל מיט העפטן און ביכער. ער גייט איבערן שמאָלן וועג, וואָס איז פאַרגאָסן מיט זון, ער קומט אין פריַיען, ליכטיקן קלאַס...

וועגן דער שול פלעגן אים דערציילן זיינע חַבֵרים, ווען ער פלעגט קומען זונטאָג אַהיים. איין מאָל האָט מען אים אַפילו באַוויזן דעם קלאַס...

ביי די געדאַנקען וועגן דער שול פלעגט דאָס פּנימל פון דעם יינגל ליכטיק ווערן, ווי די זון וואָלט זיך פּלוצלונג דורכגעריסן דורך די שוואַרצע אונטערערדישע באַלקנס און באַגאָסן אים מיט העלע שטראַלן.

און נאָך האַסטיקער פלעגן אָנהייבן צו קלעטערן די הענט און די פיס.

ניט אַזוי גיך קען מען אָבער פּטור ווערן פון דער שאַכטע!

ער וועט זיך באַפרייען נאָר דאַן, ווען ער וועט אָפּאַרבעטן דעם גאַנצן חוב, וואָס דער פאָטער זיינער האָט געמאַכט ביי זיין באַלעבאָס ראָסי, דעם הויכן שאַכטיאָר מיט דער גרויסער שוואַרצער באָרד. דער פאָטער האָט געליִען ביי אים מעל אין אַ הונגעריאָר. אַ גאַנצן ווינטער האָט די משפּחה ניט געאַרבעט און ס'האָט זיך אָנגעקליבן אַ גרויסער חוב, גאַנצע 150 ליר.

ער, דזשינאַ, מוז דאָס מיט זיין אַרבעט באַצאָלן דעם חוב פון דער פאַמיליע. ער אַרבעט שוין אָבער מער ווי דריי יאָר און האָט שוין מסתּמא פאַרדינט מער ווי 150 ליר, געוויס מער. מע דאַרף בעטן דעם פאָטער, ער זאָל ריידן מיט ראָסין. עס איז שוין פאַרבליבן נאָר איין האַלב-יאָר.

שלעפנדיק די מַשׂא האָט דזשינאַ גענומען אויסרעכענען אין קאָפּ, וויפיל צייט עס בלײַבט אים נאָך איבער צו אַרבעטן אונטער דער ערד.

און קומענדיק ביי נאַכט צו זיך אין קעמערל, וווּ ער איז געשלאָפן מיט נאָך יינגלעך, פלעגט ער אָנמערקן מיט אַ שטיינדל אויף דער וואַנט, וויפיל צייט ער האָט שוין אָפּגעאַרבעט און וויפיל ס'איז אים נאָך פאַרבליבן צו אַרבעטן.

איין מאָל זונטאָג האָט זיך דער פּאָטער אָפּגערופן צו ראָסין:

—דו ווייסט, אַז עס איז אַן עוולה, דו מוזט מיין בחורל עפּעס העכערן, ער אַרבעט דאָך פּונקט ווי אַ דערוואַקסענער.

מ'האָט זיך לאַנג געאַמפּערט, געהיצט און צום סוף אָנגענומען, אַז פון איצט אָן וועט דזשינאַ באַקומען 1½ ליר אַ וואָך.

—איצט וועל איך זיך שוין צו האַרבסט זיכער באַפרייען!—האָט זיך דזשינאַ געפרייט—אַי, ווי גוט! אין האַרבסט הייבן זיך טאַקע אָן די לימודים אין דער שול!

פון דעם זונטאָג אָן איז דזשינאַ געוואָרן פריילעכער און גענומען זיך נאָך פלייסיקער צו דער אַרבעט. יעדן טאָג פלעגט ער אָפּמערקן אויף דער וואַנט דעם באַשטימטן צייכן.

נאָך אַ 30 וואָכן זיינען פאַרבליבן צו אַרבעטן!

און ער האָט זיך געפרייט, און די חברים האָבן אים שטאַרק מקנא געווען.

נאָר שוין אין אַ וואָך אַרום האָט זיך אים גענומען דאַכטן, אַז די צייט ציט זיך זייער לאַנג. פיר וואָכן נאָר זיינען אַריבער, און דזשינאַ האָט שוין גענומען ווערן אומגעדולדיק.

ליגנדיק ביי נאַכט אויף דער הוילער ערד, פלעגט ער לאַנג-לאַנג טראַכטן וועגן דער פרייהייט און ניט קענען צומאַכן מיט קיין אויג. ער האָט זיך גענומען דערמאָנען, ווי אַזוי ער פלעגט זיך אַ מאָל צוריק-קערן פון פעלד אַהיים אויף אַ פור היי, ווי אַזוי ער פלעגט פאַרברענגען די צייט מיט די חברים ביים לויפיקן ליכטיקן טייכל.

עס שטעלט זיך אים פאָר, ווי אַזוי ער וועט איצט אַרבעטן מיטן פאָטער אין פעלד, לייגן זיך שלאָפן אויפן הויף אין וואָגן און זען איבער זיך ניט קיין נאַסן שוואַרצן באַלקן, נאָר שטערן, אַ סך, אַ סך שטערן, גרויסע און קליינע, וואָס גלאַנצן און פינקלען אין דעם טונקל-בלויען ווייטן הימל.

ער טראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי ער וועט נעמען לייענען ביכער און וועט זיך דערוויסן פון זיי וועגן די דאָזיקע שטערן, וועגן ים, ווי אַזוי עס גייען אַוועק אַלע טאָג פון זייער שטאָט די גרויסע אויסגעפּוצטע שיפן, וועגן די מענטשן, וואָס וווינען דאָרט הינטערן ים, אין די ווייטע הייסע לענדער.

ער האָט אויך געטראַכט וועגן דעם, אַז ער וועט אויך אַנקומען אויף אַ שיף און אַרויספאָרן אין דעם ווייטן ווונדערלעכן ים...

און אזוי פלעגט ער איינשלאָפן מיט א גליקלעכן שמייכל אויף די ליפן, פארגעסנדיק, וואָס עס טוט זיך אין דער פינצטערער גרוב.

אינדער־פרי פלעגט ווידער אָנפאלן אויף אים אַן אומעט. א שפראָץ אויף טאָג מוז מען שוין ווידער זיין אויף די פיס. צוגעביסן אויף גיך א שטיקל ברויט מיט קנאָבל, מוז מען זיך ווידער נעמען צו דער ארבעט. ביז מיטאָג איז לאנג צו וואַרטן, ווייל ראָסי באפרייט אויף מיטאָג זייער שפעט. און צו מיטאָג—ווידער נאָר פארדארט ברויט מיט קנאָבל. קיין פרישן ברויט, קיין הייסע זופּ זעט מען אין די אויגן ניט אָן.

און אָפט מאָל ווילט זיך אזוי דערוואַרעמען און דערקוויקן זיך מיט א ביסל הייסע זופּ! אין דער שאַכטע איז דאָך נאַס און קאַלט!

דער קליינער פּאַאָלאָ, וואָס איז ניט לאנג אָנגעקומען אין די שאַכטעס, טרייסלט זיך טאַקע ווי אין א קַדָחת. דער באַלעבאָס שרייט אויף אים און טרייבט אים. זיינע פיסלעך טרייסלען זיך נעבעך.

ווי קומט ער צו שלעפּן א זאַק מיט ערץ? אַזאַ קליינינקער— אין גאַנצן אַכט יאָר אלט!...

לייגט ער זיך טאַקע אויף א טרעפּ. בשעת קיינער זעט ניט, און וויינט. צוזעענדיק דאָס, האָט דזשינאַ שוין ניט איין מאָל געגומען דאָס זעקל פון דעם יינגל און ארויפגעטראָגן עס אין דער הייך.

דער אויפזעער האָט אָבער באַמערקט, אז דזשינאַ פאַרזוידייט זיך עפּעס צו לאנג, און האָט געגומען שרייען אויף אים. נאָר דזשינאַ האָט ניט געקענט צוזען, ווי פּאַאָלאָ בייגט זיך אונטערן זאַק. ער האָט ניט געקענט הערן זיינע זיפצן און פאַרט געשלעפּט דעם חַבֵרס זאַק.

פּאַאָלאָ פלעגט ערגעץ אין א ווינקעלע אָפּכאַפּן דעם אָטעם און שעמעוודיק און שטיל דאַנקען דזשינאַן.

איצט האָט דזשינאַ געהאַט מער אַרבעט. חוץ דעם האָט מען זיך נאָך געדאַרפט היטן, דער אויפזעער זאָל קיין זאַך ניט באַמערקן.

ראָסי האָט אָבער באַמערקט.

—וואָס איז דאָ פאַר א צָרָה?—האָט ער געשריען—איך האָב דיר דערלייגט שכירות און דו האָסט זיך אָנגעהויבן פוילן! גייסט אוועק און ווערסט פארפאַלן! היינטיקע וואָך וועל איך דיר פאררעכענען נאָר א לירע. און זאָל איך א צווייטן מאָל באַמערקן, וועל איך נאָך מער פאַרקלענערן דיין געהאַלט!

— גאָט מיינער! ווען וועט שוין נעמען אַ סוף? — האָט דזשינאַ געטראַכט—ווען וועל איך שוין פּטור ווערן? אָט זיינען ווידער פאַרבליבן 26 וואָכן און ניט קיין 25!

—ניין, פּאַאָלאָ, מער קען איך דיר שוין ניט העלפן—האָט ער געזאָגט צו זיין קליינעם חבֿר—האָסט דאָך געהערט, ווי ער האָט מיר פאַרקלענערט די שכירות. איך מוז אין האַרבסט אַרויס פון דער שאַכטע, איך דאַרף אָנקומען אין שול.

—איך פאַרשטיי—האָט פּאַאָלאָ שטיל געענטפערט—דו מוזסט זיך סאַקע היטן, ער קען דיר נאָך געבן מיטן שטעקן אויך.

און דזשינאַ האָט ווידער גענומען טראָגן די זעק אין דער הייך פלינק, פלינק, ווי נאָר ער האָט געקאָנט.

— נישקשה, איך וועל איבערקומען די עטלעכע וואָכן און וועל אָנקומען אין שול!...

און ער האָט זיך ווידער גענומען פאָרשטעלן די שול און די פרייהייט. נאָר ער האָט שוין ניט געפילט די פריערדיקע פרייד.

דזשינאַ האָט ניט געוווּסט פאַר וואָס, נאָר ס'איז אים עפּעס געלעגן ווי אַ שטיין אויפן האַרצן. גייענדיק פאַרביי פּאַאָלאָן, פלעגט ער זיך אָפּקערן אָן אַ זייט, הגם די שוואַרצע אויגן פון דעם ברעקל האָבן אַלעמאָל געקוקט אויף אים מיט ליבע און פריינדשאַפט. אָבער סאַר אַן אומעטיקע זיי זיינען—די אויגן זיינע!

און דער אומעט איז עפּעס אַזוי ווי געוואַקסן אין זיי.

דזשינאַ האָט ניט געקענט צוזען דעם צער.

— אַז איך וואָלט געווען אַ גרויסער, וואָלט איך קיין מאָל ניט גענומען אַזאַ קליינעם אין די שאַכטעס אַריין!... סאַר אַ מערדער דער ראָסי איז! — האָט ער אַלץ געטראַכט — אַז איך וועל האָבן אַ זון, וועל איך אים פאַר קיין פאַל אין די שאַכטעס ניט אָפּגעבן!

— פאַר וואָס האָט דאָס דיך דער טאַטע אָפּגעגעבן אין די שאַכטעס? דו האָסט דאָך גאָר קיין כּוח ניט!—האָט ער זיך אַ מאָל אָפּגערופן צו פּאַאָלאָן.

— ס'איז קיין ברויט ניט געווען—האָט אומעטיק געענטפערט דאָס ייִנגל.

— האָט איר שוין אין ערגעץ ניט געקאָנט קריגן?

— ניין, ניט געקאָנט. דער פאָטער האָט אומעטום געזוכט — האָט פּאַאָלאָ דערציילט.

— קיין ברויט ניט געווען — האָט דזשינאַ געטראַכט שלעפּנדיק זיין משא — וואָס קען איך אים אָבער העלפן?... דזשינאַ האָט שוין דעם טאָג ניט געקענט טראַכטן וועגן דער צייט פון זיין באַפּרייונג. ס'איז אים געווען עפּעס אַזוי שלעכט און מיאוס. די גאַנצע נאַכט האָבן זיך אים געחלומט פּאַאָלאָס שוואַרצע אויגן. און די אויגן האָבן אַזוי אומעטיק און מיט אַזאַ פאָרוואורף געקוקט אויף אים.

דזשינאַ האָט ניט אויסגעהאַלטן.

אין דער פרי, אַז זיי האָבן אָנגעפילט די ערשטע זעק, האָט ער דעריאָגט פּאַאָלאָן. קיינער איז לעבן זיי ניט געווען.

— זעץ זיך דאָ צו — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן, אָנווייזנדיק אויף אַ פינגצטערן ווינקל אין דער וואַנט — איך וועל באַלד קומען נאָך דיין זאַק.

— וועסט דאָך קריגן געשלאָגן דערפאַר! — האָט פּאַאָלאָ שטיל געזאָגט.

— מ'וועט ניט באַמערקן. זעץ זיך, מע גייט!

און פון דעמאָלט אָן פלעגט שוין פּאַאָלאָ צוגיין נאָר ביזן ערשטן ראָג פון דער שאַכטע. דזשינאַ פלעגט זיך צוויי מאָל אויפהייבן אין דער הויך און אַרויסטראָגן ביידנס אַרץ.

פון אָנהייב איז ער אַזוי שנעל געפלויגן מיט די זעק אַראָפּ און אַרויף, אַז דער באַלעבאָס האָט גאָרניט באַמערקט. די אַרבעטער פלעגן שרייען: — משוגענער! דו וועסט דאָך געהרגעט ווערן!

דזשינאַ האָט קיין זאַך ניט געהערט. ער האָט געטראַכט נאָר וועגן איין זאַך — וואָס גיכער אַראָפּלאָזן זיך אונטן, אַז קיינער זאָל ניט באַמערקן. אַזוי זיינען אַריבער צוויי טעג.

פּאַאָלאָ האָט אויפגעהערט צו זיפצן און פלעגט אָפט איינשלאָפן אין זיין ווינקל.

אייניקע חברים האָבן באַמערקט, וואָס דאָ קומט פאָר.

— העי, דזשינאַ, וועסט זיך דערדינען!... האָבן זיי געזאָגט.

דזשינאַ איז געווען זייער צופרידן. ער האָט אָבער מיט אַ מאָל געזומען פילן אַ מיד קייט.

נאָך מיטאָג האָט ראָסי מיט חשד אויף אים אַ קוק געטאָן.

— ער באַמערקט! האָט דזשינאַ געציטערט — מ'דאַרף זיך שאַפן מוט... נאָך אַ פינף-זעקס זעקלעך, און די נאַכט וועט אָנקומען. דאַן וועל איך זיך שוין אויסרוען.

נאָר ווי ער האָט צוגענומען ביי פּאָלאָן דעם דריטן זאַק, האָט ער פלוצלונג דערשפּירט אויפן אַקסל אַ שטאַרקע האַנט.

הינטער אים איז געשטאַנען ראָסי.

—אַזוי!—האָט ראָסי געשריען—פרעמדע זעק ווערסטו מיר טראָגן! נאַ! נאָט האָסטו דערפאַר! נאַ! נאַ! נאַ!... ראָסי האָט געשלאָגן דעם יינגל אָן רחמנות.

דזשינאַ האָט פאַרביסן מיט די ליפּן און איז געוואָרן בלאַס ווי אַ טוך.

פּאַאָלאָ האָט פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און ביטער געוויינט,

די איבעריקע קאַרוזאָס האָבן זיך מיט שרעק אָפּגעקערט און זייער גיך פאַרבייגעגאַנגען.

— דו ווילסט נאָך, מ׳זאָל דיר העכערן! — האָט ראָסי געטענהט — איצט בין איך שוין אויף 50 וואָכן אויך ניט מרוצה.

אַ פאַרוואונדערטער, וואָס דאָס יינגל לאָזט אפילו קיין קרעכץ ניט אַרויס, האָט ער סוף־כּל־סוף אַרויסגעלאָזן דזשינאַן פון זיינע הענט.

—זאָלסט דאָס געדענקען!—האָט ער געזאָגט און איז אוועקגעגאַנגען.

שטיל איז זיך אין יענער נאַכט געלעגן דזשינאַ אויף דער הוילער ערד, געקערט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, עס זאָלן אים ניט וויי טאָן די וווּנדן אויפן לייב. לעבן אים איז געזעסן דער קליינער פּאַאָלאָ און האָט אים שטיל געצערטלט.

— וואָס וועט מאָרגן זיין?—האָט דזשינאַ געטראַכט.

אויף מאָרגן האָט אָבער פּאַאָלאָ ניט געקאָנט אויפהייבן דעם קאָפּ, ער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט און אַרך געקרעכצט.

ס׳איז אַריינגעקומען דער אויפזעער, ס׳איז געקומען פּאַאָלאָס פאָטער, און זיי האָבן אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל.

* * *

אין אַ יאָר אַרום האָב איך שוין געטראָפן דזשינאָן אויף דער פריי. ער איז אויסגעוואַקסן און געזינטער געוואָרן. ער האָט שוין גוט געלייענט, הגם פרייע צייט האָט ער געהאַט זייער ווייניק. ס׳איז געווען אַ סך אַרבעט.

ס׳איז געקומען צו רייד וועגן דעם לעבן אין די שאַכטעס.

— נו, דזשינאַ, איצט איז גוט?—האָב איך געפרעגט.

— יאָ, האָט ער געענטפערט און האָט זיך פאַרטראַכט.

—איר ווייסט, האָט ער זיך מיט אַ מאָל אָפּגערופן- דער קליינער פּאַאָלאָ איז דאָך געשטאָרבן אין שפּיטאָל!...

יונגיטשקע קינסטלער.

„מ ע נ ט ש ע ל ע ך".

איך נעם איבער אַ זאַך זייער גיך. אַז איך זע אַ מענטשן איין מאָל, מאַך איך אים נאָך מיט אַלע פּיטשעווקעס.

איך האָב אַנומלטן נאָכגעמאַכט מײַן ברודערס חבֿר פּיניען, ווי ער גייט מיט אַ טענצל און ווי ער קוקט מיט די קורצזיכטיקע אויגן און ווי ער רעדט גיך, זופּט הייסע לאָקשן.

האָט זיך מײַן שוועגערין בראָכע געהאַלטן בײַ די זייטן, און די מאַמע האָט אַזש אָנגעהויבן וויינען פאַר געלעכטער.

מײַן ברודער עליע האָט דאָס פּײַנט. ער לאָזט מיך נישט אַ קאָפּ אויפהייבן. אַ מאָדנער מענטש מײַן ברודער עליע! ער האָט מיך ליב — און שלאָגט מיך, מאַכט מיר דעם טויט.

איך האָב ליב מאָלן, און מײַן ברודער עליע שלאָגט מיך דערפאַר. האָב איך אַנומלטן אויסגעמאָלט אַ פוס. אַ מורֶאדיק גרויסן פוס. מיט קרײַט אויף דער ערד האָב איך אים אויסגעמאָלט. האָט איר באַדאַרפט זען, וואָס ס'האָט זיך געטאָן! מײַן שוועגערין בראָכע האָט זיך אָנגעטשעפּעט, אַז דאָס האָב איך אויסגעמאָלט איר פוס. פאַרוואָס עפּעס איר פוס? ווײַל קיינער האָט נישט אַזעלכע גרויסע פיס, ווי בראָכע. קאַלאָשן טראָגט זי נומער דרײַצן. איר זאָלט זען אַ פּאָר קאַלאָשן!..

האָט זי מיר צוגעשטעלט אַ בענקעלע צו מײַן ברודער עליע.

האָט זיך מײַן ברודער עליע אויף מיר צעשריען, ווי געוויינטלעך:

— מענטשעלעך? האָסט זיך שוין ווידער גענומען צו דײַנע אַלטע שטיק, מאָלן מענטשעלעך?

שוין! פון אַ פוס איז שוין בײַ אים געוואָרן אַ מענטש! און פון אַ מענטש — „מענטשעלעך"!.. מע קען פון זיי משוגע ווערן!..

איך מוז זיך מודה זײַן, אַז וואָס ווײַטער ווערט בײַ מיר די קרענק פון מאָלן מענטשעלעך גרעסער און שטאַרקער. איך האָב דערטאַפּט אַ פאַרביק בלײַשטיפטל. מיר האָט דאָס אָוועקגעשענקט אַ יינגל מיט געשוואָלענע באַקן. דערפאַר, וואָס ער האָט מיר אַוועקגעשענקט דאָס פאַרביקע בלײַשטיפטל, האָב איך אים אָפּגעמאָלט אויף פּאַפּיר. אין גאַנצן זײַן געשטאַלט מיט די געשוואָלענע באַקן.

איך האָב אים באַשווירן, ער זאָל דאָס קיינעם ניט ווײַזן, וואָרום טאָמער דערוויסט זיך מײַן ברודער עליע, וועל איך האָבן אַ וויסטן סוף. ווי מיינט איר? אוודאי האָט ער דאָס גלײַך אָפּגעטראָגן צו מײַן ברודער עליען און האָט אים געגעבן אַ טו אַ ווײַז דאָס געמאָלעכץ גלײַך אין פּנים אַרײַן.

— דאָס דאַרף זײַן מאָטלס אַרבעט! ווו איז ער ערגעץ, דער מאָלער־גענטש מיט די מענטשעלעך?

אַזוי זאָגט מײַן ברודער עליע און זוכט מיך און קען מיך ניט געפינען.

מײַן ברודער עליע האָט אַ טרוקענע האַנט מיט דאַרע פינגער. אַז ער וואַרפט אײַך אויף אַ פּאַטש הײַנט פאַרנאַכט, בלײַבט בײַ אײַך אַ סימן אויף דער באַק ביז איבער מאָרגן אין דער פרי.

שלום־עליכם.

דער סקולפּטאָר.

איך זיץ נישט ליידיק אין דער היים.
האָב איך צײַט נאָר, נעם איך ליים,
קלעפּ איך מיר אַ מײַזל אויס,
מאַך אַ פייגעלע דערויס.
פון פייגעלע, נישט לאַנג געטראַכט,
ווערט אַ ציגעלע געמאַכט;
כ׳מאַך אַ מענטשעלע דערפון!
און וואָס איך וויל! און אויף דער זון
טריקן איך מײַן אַרבעט אויס:
מענטש און ציג, קאַץ און מויז,
וואָס איך זע נאָר אויף דער וועלט, —
און אין פענצטער אויסגעשטעלט.

י. ל. פּרץ.

נעלאָ און פּאַטראַש

א.

נעלאָ און פּאַטראַש האָבן זיך שטאַרק באַפריינדעט איינער מיט דעם אַנדערן. נעלאָ איז געווען אַ קליין יינגל, פּאַטראַש — אַ גרויסער הונט. ביידע זיינען זיי געווען כמעט אין איינע יאָרן, נאָר איינער—נאָך גאָר יונג, און דער אַנדערער—שוין זייער אַלט. ביידע זיינען זיי געווען עלנטע פאַרוואָרלאָזטע יתומים.

אַ סך יאָרן האָבן זיי פאַרבראַכט צוזאַמען, זיך צוגעבונדן איינער צום אַנדערן און די פריינדשאַפט זייערע איז וואָס ווייטער אַלץ געוואַקסן און זיך געשטאַרקט.

זיי האָבן געוווינט אין אַ קליין הייזל אין עק פון אַ פלאַמאַנדישן דערפל, אַ קילאָמעטער ווייט פון אַנטווערפן.

אַרום דעם דאָרף האָבן זיך אין אַלע זייטן תייט און ברייט געצויגן גאָלדפאַרביקע קאָרנפעלדער און גרינע לאָנקעס.

דאָס גאַנצע דערפל איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר צענדליק הייזלעך מיט העלגרינע ליכטיקע לאָדנס און מיט תייסע בלישטשעדיקע ווענט.

אין מיטן דאָרף, אויף אַ בערגל, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט מאָך, איז געשטאַנען אַן אַלטע ווינטמיל און אַנטקעגן איר אַן אַלטער קלויסטער.

צוויי מאָל אין טאָג, אין דער פרי און פאַר נאַכט, פלעגן זיך דערהערן פון דעם קלויסטער־טורעם הייזעריקע טרויעריקע טענער. און זינט נעלאָ און פּאַטראַש געדענקען זיך, האָבן זיך אַלץ געהערט די דאָזיקע אומעטיקע טענער.

אין צפון־מיזרח זייַט האָט זיך געזען דער שפּיץ פון דעם אַנטווערפּענער קלויסטער און הינטער אים – ווייַט, ווייַט, מיט אַן אויג ניט צו דערוואַרפן – ווידער קאָרנפעלדער און גרינע לאָנקעס.

דאָס הייַזל אין עק דאָרף האָט געהערט צו אַן אָרעמען אַלטיטשקן יאָהאַן דאַאַס.

יאָהאַן דאַאָס איז אַ מאָל געווען אַ זעלנער און האָט אָנטייל גענומען אין אייניקע מלחמות.

דער אַלטער האָט זיך אָבער אין די מלחמות צו קיין זאַך ניט דערדינט און איז נאָר געקומען אַהיים אַקאַליקע.

אַז יאָהאַן דאַאַס איז געוואָרן אַז אַכציקער, איז אַוועקגעשטאָרבן זיין איינציקע טאָכטער און האָט אים איבערגעלאָזט אַ ירושה—אַ צוויי־יאָריק קינד. דער אַלטער האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צום יונגן אייניקל און אים זייער ליב געקראָגן.

דאָס אָרעם נידעריק הייזל, אַ ווייסינקס און אַ קלאָרינקס ווי אַ יַם־מושל, איז געשטאַנען אין אַ גאָרטן, ווו עס זיינען געוואַקסן באָב, גראָזן און קירבעסן.

דער אַלטער איז געווען זייער אָרעם, אַזוי אָרעם, אַז ניט אַלע מאָל איז געווען דאָס שטיקל ברויט. ניט געקוקט אָבער אויף דעם, האָבן זיך דער אַלטער מיטן אייניקל געפילט גליקלעך און פאַרלאַנגט נאָר איין זאַך—פּאַטראַש זאָל שטענדיק זיין מיט זיי.

פּאַטראַש איז געווען זייער איינציק פאַרמעגן, זייער שפּייזער און באַהעלפער, זייער איינציקער פריינד און טרייסטער.

אָן פּאַטראַשן האָבן זיי ניט געקאָנט לעבן. ווען ער זאָל אַוועקשטאַרבן און זיי

פאַרלאָזן, האַלטן זיי געוויס אומגעקומען, ווייל דער אַלטער יאָהאַן דאַאס איז געווען א קאַליקע, און גלאָ—נאָך גאָר אַ קינד.

ב.

פּאַטראַש איז געווען אַ גרויסער פלאַמאַנדישער הונט, מיט אַ געלן פעל, מיט לאַנגע שטאַרקשטענדיקע אויערן און מיט ברייטע געזונטע לאַפּעס.

ער האָט געהערט צו דעם מין הינט, וועלכע מע באַנוצט אין פלאַנדריע אויף צו שלעפן מַשׂאות.

דאָס גאַנצע לעבן האָט פּאַטראַש פאַרבראַכט אין שווערער אַרבעט און געליטן ביטערע נויט.

אָנשטאָט ברויט האָט מען אים שטענדיק געגעבן קלעפּ, אָנשטאָט אַ גוט־וואָרט האָט ער כּסדר געהערט קללות און זידלערייען.

אויפן דרײַצנטן חודש פון זײַן לעבן איז פּאַטראַש אַרײַנגעפאַלן צו אַ הענדלער, וואָס האָט אַרומגעפירט אין אַ וועגעלע פאַרשיידענע כּלים.

דער הענדלער איז געווען אַ שלעכטער מענטש און אַ שיכּור.

ער פלעגט אָנפּאַקן אַ פולן וואָגן מיט בלעכענע און קופערנע כּלים און נייטן פּאַטראַשן דאָס אַלץ צו שלעפן.

ער אַליין פלעגט זיך פויל גיין ביי דער זייט און צופרידן רויכערן די שוואַרצע ליולקע.

בײַ דעם דאַזיקן באַלעבאָס האָט זיך פּאַטראַש זייער פיל אָנגעליטן אי הונגער, אי קעלט, אי קלעפּ.

צום גליק איז פּאַטראַש געווען זייער געזונט און איז ניט געפאַלן אונטער דער שווערער מַשׂא.

איין מאָל, נאָך צוויי יאָר פון אַזאַ קאַטאָרזשנעם לעבן, האָט זיך פּאַטראַש, ווי געוויינטלעך, געשלעפּט איבער איינעם פון די אומעטיקע פאַרשטויבטע וועגן, וואָס פירן קיין אַנטווערפּן.

ס'איז געווען אַ הייסער זומערדיקער טאָג.

דאָס וועגעלע איז געווען שווער אָנגעלאָדן. דער באַלעבאָס איז געגאַנגען ביי דער זייט און פון צייט צו צייט אונטערגעטריבן דעם הונט מיט אַ שמיץ פון דער בייטש איבער דער פאַרוווּנדעטער פלייצע.

דער מידער פּאַטראַש פלעגט ביי יעדן שמיץ אויפציטערן מיט אַלע גלידער. ענדלעך האָט ער אין גאַנצן פאַרלאָרן די כּוחות. די זון האָט געברענט, די מַשׂא האָט געדריקט, קלעפּ האָבן זיך געשאָטן, שוין אַ מעת־לעת, ווי ער האָט גאָרנישט ניט געגעסן, אפילו קיין ביסל וואַסער אין מויל ניט געהאַט.

פּלוצלונג האָט ער זיך אַ טרייסל געטאָן, אַרום מויל ביי אים האָט זיך באַוויזן אַ שוים, און ער איז אַנידערגעפאַלן.

ער איז געפאַלן אין מיטן וועג, אויפן רעכטן זונברען.

דער באַלעבאָס האָט אים געגומען שטופּן מיטן פוס, מכבּד זיין מיט קלעפּ און מיט זידלערייען. פּאַטראַש אָבער האָט שוין אַזוי ווי ניט געהערט די זידלערייען, ניט געפילט די קלעפּ.

דער באַלעבאָס האָט געמיינט, אַז דער הונט איז ; טויט, האָט ער אַראָפּגענומען דעם שפּאַן, אָפּגעשלעפּט דעם הונטס קערפּער פון וועג און אַריינגעוואָרפן אים אין אַ טאָל. מיט כּעס און מיט זידלערייען האָט ער זיך אַליין איינגעשפּאַנט אין וועגעלע און אַוועקגעשלעפּט אים באַרג-אַרויף איבערן וועג.

ג.

פּאַטראַש איז געלעגן אין דעם פאַרוואַקסענעם טאָל ביים וועג. אין יענעם טאָג זיינען איבער דעם זעלביקן וועג דורכגעגאַנגען און דורכגעפאָרן הונדערטער מענטשן.

אַלע האָבן זיך געאײַלט אין דער שטאָט אַריין אויף אַ מאַרק. פּאַטראַשן האָט אָבער קיינער ניט באַמערקט. וואָס אַרט זיי עמעץ פאַר אַ טויטן הונט?

נאָר אָט האָט זיך אויפן וועג באַוויזן אַן איינגעהויקערטער הינקעדיקער זקן.

פּאַמעלעך האָט ער זיך געשלעפּט אין זיינע אַלטע בגדים איבער דעם פאַר־שטויבטן וועג הינטער אַ המון אויסגעפוצטע פויערים.

דערזען דעם הונט, איז דער אַלטער אַראָפּ אין טאָל, אַראָפּגעלאָזט זיך אויפן גראָז און באַקוקט אים מיט גרויס רחמנות.

צוזאַמען מיטן אַלטן איז געגאַנגען אַ קליין ראָז ייִנגל מיט ווייסע הערלעך און שוואַרצע אייגלעך, פון אַ יאָר דריי—פיר. דאָס ייִנגל האָט זיך אויך צוגעקוקט צום הונט. אָט אַזוי האָבן זיי זיך דאָס צום ערשטן מאָל באַגעגנט—דער קליינער נעלאָ און דער גרויסער פּאַטראַש.

דער הונט האָט זיך שוין עטוואָס געהאַט אָפּגעטשוכעט.

מיט גרויס מי האָט אים דער אַלטער יאָהאַן געבראַכט צו זיך אַהיים.

דער אַלטער מיטן אייניקל זיינען זאָרגעוודיק אַרומגעגאַנגען אַרום דער קראַנקן הונט, און פּאַטראַש איז אין גיכן געזונט געוואָרן. די כּוחות האָבן זיך צו אים צוריקגעקערט, און ער האָט זיך געשטעלט אויף די געזונטע דיקע לאַפּעס.

אין משך פון עטלעכע וואָכן איז נאָך דער הונט געווען שוואַך. ס'איז אים דאָ אָבער זייער גוט געווען. ער האָט שוין ניט געהערט איבער זיך קיין בייזע קולות, נאָר אַ צאַרט קינדערש געלעכטערל, ניט געפילט קיין ווייטאָקדיקע קלעפּ, נאָר אַ צערטלעכן גלעט פון דעם אַלטן.

דער אַלטער מיטן אייניקל האָבן געמאַכט פאַר פּאַטראַשן ביי זיך אין הייזל אַ געלעגער פון שטרוי און געזאָרגט פאַר אים ווי פאַרן בעסטן פריינד.

אַז פּאַטראַש איז געזונט געוואָרן און צום ערשטן מאָל זיך פונאַנדערגעבילט, האָבן זיך דער זיידע מיטן אייניקל הילכיק צעלאַכט און שיר ניט געוויינט פאַר פריידל.

דער קליינער נעלאָ האָט אויסגעפלאָכטן פאַרן הונט אַ האַלדזבאַנד פון כאַר־גאַריטקעס, האָט אָנגעטאָן דעם קראַנקן פּאַטראַשן אויפן האַלדז און גענומען אים קושן אין מאָרדע מיט זיינע פרישע ראָזע ליפּן.

מיט גרויס פאַרוווּנדערונג האָט פּאַטראַש געקוקט אויף די נייע באַלעבאַטים, וואָס שרייען ניט און שלאָגן זיך ניט.

דער אַלטער יאָהאַן איז געווען זייער אָרעם.

ער האָט געלעבט פון דעם, וואָס די רייכע פּויערים פלעגן אים צאָלן פאַרן

אויסקפירן זייער מילך קיין אנטווערפן. יאָהאַן איז געווען זייער אַן אָרנטלעכער מאַן און די פּויערים האָבן זיך דעריבער אויף אים פאַרלאָזן.

פאַר דעם שוואַכן זקן איז אָבער די אַרבעט מיט דער צייט צו שווער געוואָרן. ער איז שוין אַלט געווען 83 יאָר, און ביז אַנטווערפן איז אַ שטאַרקער קילאָמעטער גאַנג.

ליגנדיק אויף דער זון מיטן קראַנץ מאַרגאַריטקעס אויפן האַלדז, פלעגט פּאַטראַש זען, ווי דער אַלטער ברענגט און פירט אַוועק די קריג מילך.

איין מאָל, נאָך איידער דער אַלטער איז צוגעגאַנגען צום וועגעלע, האָט זיך פּאַטראַש געשטעלט צווישן די ביידע אַלאָבלעס און באַוויזן, אַז ער איז גרייט צו פאַרדינען דאָס ברויט, וואָס מ'גיט אים.

פון דעמאָלט אָן האָט דער הונט אַלע טאָג גענומען פירן די מילך קיין אַנט-ווערפן.

פאַר פּאַטראַשן איז דאָס געווען אַ שפּילכעלע צו פירן דאָס לייכטע העל-גרינע וועגעלע מיט די בלישטשעדיקע קריג. אים איז געווען זייער אָנגענעם, וואָס ביי דער זייט הינקט אונטער דער גוטער אַלטיטשקער, וואָס טוט קיין מאָל אויף אים קיין הויכן געשריי ניט.

די אַרבעט פלעגט געדויערן נאָר עטלעכע שעה, נאָכער איז פּאַטראַש געווען אינגאַנצן פריי. ער האָט זיך געקענט אויסציען און דרעמלען אויף דער זון, אַרומלויפן מיט נעלאָן איבער די פעלדער, אָדער שפּילן זיך מיט זיינע פריינד — די הינט.

פּאַטראַש האָט זיך געפילט גליקלעך.

ד.

עס זיינען אַריבער עטלעכע יאָר. דער אַלטער יאָהאַן איז זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן און האָט שוין מער ניט געקאָנט גיין נאָכן וועגעלע. דערפאַר איז פאַר דער צייט אונטערגעוואַקסן נעלאָ. ער איז שוין אַלט געוואָרן 7 יאָר. פריער פלעגט ער שוין אויך אָפט באַגלייטן דעם זיידן אין שטאָט אַריין. ער האָט גוט געוואוסט דעם וועג און האָט איצט געקאָנט אין גאַנצן פאַרבייטן דעם זיידן.

נעלאָ האָט גענומען פירן און פאַרקויפן די מילך.

דער קליינער נעלאָ איז געווען זייער אַ שיין קינד. זיינע שוואַרצע פאַרטראַכטע גוטע אויגן, די רויטע פאַרב אין די באַקן, די בלאָנדע לאַנגע געקרייזלטע האָר פלעגן פאַרוואונדערן אַ סך קינסטלער.

זיי פלעגן אַנטציקט ווערן פאַר דער גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון דעם גרינעם וועגעלע מיט די קופּערנע קריג, פון דעם גרויסן געלן הונט און דעם קליינעם קינד, וואָס לויפט ביי דער זייט פון וועגעלע אין די גרויסע הילצערנע שיך מיט אַן ערנסטן ליבלעכן גליקלעכן פּנים.

און די קינסטלער פלעגן אָפט מאָל אָפּצייכענען די פּראַכטפולע גרופּע.

נעלאָ און פּאַטראַש האָבן אַזוי גוט און פריילעך אויסגעפירט די אַרבעט, אַז אפילו זומער האָט דער זיידע ניט געדאַרפט זיך שלעפּן אין שטאָט אַריין. ער האָט געקאָנט זיצן אויפן גאַניקל, דרעמלען אויף דער זון און וואַרטן רויִק אויף זייער קומען.

קומענדיק אַהיים פלעגט זיך פּאַטראַש באַפרייען מיט אַ פריילעכן בילערייַ פונעם שפּאַן, און נעלאָ פלעגט מיט שטאָלץ דערציילן וועגן די אַלע געשעענישן פון טאָג. דערנאָך

פלעגן זיך אַלע זעצן מיטאָג עסן. דער מיטאָג י. ז באַשטאַנען פון שוואַרץ ברויט מיט מילך אָדער מיט געקעכץ. דערווייל פלעגט אָנהייבן צו ווערן טונקל. אַלע פלעגן זיך פאַרקוקן אויף דעם, ווי די שאָטנס לאָזן זיך אַראָפּ אויפן ברייטן פליין און וויקלען איין דעם שפּיץ פון קלויסטער. און אַז ס'פלעגט שוין גוט פינצטער ווערן, פלעגן זיי גיין שלאָפן.

אַזוי זיינען אַריבער טעג און וואָכן.

נעלאָ און פּאַטראַש האָבן זיך געפילט גליקלעך.

ה.

איין זאַך נאָר האָט פאַרשאַפט פּאַטראַשן גרויס צער. אין אַנטווערפּן זיינען פאַראַן זייער אַ סך הויכע פינצטערע קלויסטערס. נעלאָ פלעגט אָפט אַ הין אַריינגיין און פאַרפאַלן ווערן דאָרט אויף עטלעכע שעה. פּאַטראַש פלעגט פאַרבלייבן איינער אַליין אויף דער גאַס און לאַנג לאַנג וואַרטן אויף נעלאָן. אומזיסט האָט ער זיך געבראָכן דעם קאָפּ, געוואָלט פאַרשטיין, נאָך וואָס גייט אַהין נעלאָ.

איין מאָל האָט ער אויך געפרוווט אַהין אַריינגיין, זען וואָס עס איז דאָרט אינעווייניק. ער איז געוואָסט שוין אַרויפגעקראָכן מיטן וועגעלע אויף די טרעפּ, נאָר אַ וועכטער אין שוואַרצע בגדים האָט אים פון דאָרט אַראָפּגעטריבן.

דערהויפּט האָט געקימערט פּאַטראַשן דאָס, וואָס נעלאָ גייט אַלע מאָל אַרויס פון דאָרטן עפּעס אַ מאָדנער: אָדער שרעקלעך בלייך, אָדער רויט און אויפגערעגט.

נאָך אַזאַ באַזוך פלעגט נעלאָ קומענדיק אַהיים זיך ניט שפּילן, ניט אַרומלויפן. אַ פאַרטראַכטער און אַן אומעטיקער פלעגט ער זיך אַוועקזעצן אין אַ ווינקעלע און פאַרקוקן זיך אויף די פאַרנאַכטיקע וואָלקנס.

— וואָס קען דאָס זיין?—האָט זיך פּאַטראַש געטראַכט. עס איז אים אויסגעקומען מאָדנע ניט פאַרשטענדלעך, וואָס אַ יונג קינד איז אַזוי ערנסט. און אים האָט זיך געוואָלט פריילעך מאַכן דעם יונגן חבר זיינעם.

מיט אַלע כוחות האָט ער זיך באַמיט צו פאַרהאַלטן נעלאָן לעבן זיך אויף די העל-באַלויכטענע פעלדער, אין די טומלדיקע מאַרק-פּלעצער.

נעלאָ האָט אָבער אַלץ ניט אויפגעהערט צו באַזוכן די קלויסטערס. אָפטער ווי אומעטום פלעגט ער אַריינקומען אין איינעם פון די קלויסטערס און פאַרבלייבן דאָרט גאָר שפּעט, ביז וואַנען די אייזערנע טויערן פלעגן זיך פאַרמאַכן.

דאַן ערשט פלעגט ער אַרויסגיין אין גאַס, אַרומנעמען דעם הונט, קושן אים און ריידן צו אים:

— אַך, פּאַטראַש, ווי מיר וואָלט זיך וועלן זיי זען!...

— וועמען מיינט ער דאָס?—האָט געטראַכט פּאַטראַש, קוקנדיק אויפן יינגל מיט זיינע גרויסע קלוגע אויגן.

איין מאָל איז דער וועכטער אַוועקגעגאַנגען, און די טירן פון קלויסטער זיינען פאַרבליבן אָפן. פּאַטראַש האָט זיך דאַן אַריינגעגנבעט אינעווייניק און געפונען דאָרט נעלאָן. דאָס יינגל איז געשטאַנען לעבן אַ וואַנט, אויף וועלכער עס זיינען געהאַנגען צוויי פאַרדעקטע בילדער. נעלאָ האָט געקוקט אויף די בילדער מיט פאַרבענקטע אויגן.

דאָס יינגל האָט אַרויסגעפירט פּאַטראַשן פון קלויסטער און מיט טרערן אין די אויגן צו אים זיך אָפּגערופן:

— אַך, פּאַטראַש, ווי שלעכט עס איז צו זיין אַן אָרעמאַן! װער עס האָט ניט קיין געלט, קען ניט אָנקוקן די בילדער!... דער קינסטלער רובענס האָט דאָך זיי געמאָלט פאַר אַלעמען, ניט נאָר פאַר די רייכע און איצט באַוויזט מען זיי נאָר די, וואָס קענען דערפאַר באַצאָלן. אַך, ווען איך וואָלט קענען אַ קוק טאָן אויף זיי כאָטש איין מאָל...

איצט האָט פּאַטראַש פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט אָבער מיט קיין זאַך ניט געקענט העלפן זיין קליינעם פריינד. דאָס אָרעם קינד האָט ניט געהאַט קיין געלט, און זיין האַרץ האָט זיך מיט ווייטאָג געדריקט פון דעם שטאַרקן פאַרלאַנג אָנצוקוקן די פאַרהאַנגענע בילדער.

ו.

גייענדיק דורך דער אַלטער שטאָט באַנאַנד מיט זיין טרייען פריינד, פלעגט זיך דאָס ייִנגל נעמען פאַרשטעלן, ווי אַזוי עס דאַרפן אויסזען די פאַרהאַנגענע בילדער.

דער הונגעריקער אַרומגעריסענער פאַרמאַטערטער נעלאָ פלעגט פאַרגעסן אַלע צרות, ווען ער פלעגט זיך פאַרטיפן אין די זיסע חלומות.

אין דעם אָרעמען עלנטן אומוויסנדן ייִנגל איז געווען פאַרבאָרגן אַ טאַלאַנט פון אַ קינסטלער.

קיינער האָט דאָס אָבער ניט געוווּסט, אַפילו ער אַליין אויך ניט. נאָר פּאַטראַש האָט געזען, ווי נעלאָ צייכנט אויף די שטיינער די אַרומיקע קעגנשטאַנדן. נאָר דער הונט האָט געזען, ווי נעלאָס אויגן פאַרנעפּלען זיך און דאָס פּנים זיינס לייכט פון באַגייסטערונג ביי אַ העלן זון-אונטערגאַנג אָדער ביי דער שטילער שיין פון אָוונטרויט. און אָפט האָט פּאַטראַש געפילט, ווי עס פאַלן אויף זיין האָריקן קאָפּ פון דעם קינדס ליכטיקע אויגן הייסע טרערן, טרערן פון גליק...

און דער אַלטער זיידע האָט זיך שטענדיק געטעַנהט זיינס...

— איך וואָלט רויִק קענען שטאַרבן, נעלאָ, ווען איך וואָלט וויסן, אַז דו וועסט האָבן אַן אייגן הייזל און אַן אייגן שטיקל ערד, אַז דו אַליין וועסט עס באַאַרבעטן, און אַלע וועלן דיך רופן „באַאָס".

האָבן אַן אייגן שטיקל ערד און זיין אַ באַלעבאָס — דאָס איז דער חלום פון יעדן פלאַמאַנדישן פויער, און דער אַלטער יאָהאַן איז געווען זיכער, אַז ער ווינטשט זיין אייניקל די בעסטע און גליקלעכסטע צוקונפט. נעלאָ האָט אָבער ניט געטראַכט װעגן אַ רויִקן דאָרפישן לעבן — ער האָט גאָר געחלומט צו ווערן אַ קינסטלער.

אַלע זיינע חלומות און פאַנטאַזיעס פלעגט נעלאָ פאַרטרויען נאָר איין פּאַטראַשן, ווען זיי פלעגן צוזאַמען פירן דאָס וועגעלע, אָדער צוזאַמען ליגן אויפן ברעג פון קאַנאַל, צווישן דעם רוישיקן אַיִר.

ס'איז שווער איבערצוגעבן די דאָזיקע חלומות מיט ווערטער, און אויך ניט אַלע האָלטן זיי בעקענט פאַרשטיין.

ז.

אויסער פּאַטראַשן פלעגט נאָך נעלאָ פאַרטרויען זיינע חלומות דער קליינער אַלאָיזע, וואָס האָט געוווינט אין דער אַלטער רויטער מיל אויפן גרינעם בערגל.

איר פאָטער, דער מילנער, איז געווען דער רייכסטער פויער אין דאָרף.

די קליינע אַלאַיִזע איז געווען זייער אַ שיין מיידעלע, מיט אַ קיילעכדיקן גע־חנטן פּנימל און מיט גרויסע שוואַרצע אויגן.

זי פלעגט אָפט פאַרברענגען מיט נעלאָן און פּאַטראַשן. צוזאַמען פלעגן זיי אַלע אַרומלויפן איבער די פעלדער, שפּילן אין שניי־באַלן, רייסן בלומען, קלייבן יאַגדעס, צוזאַמען אָפט זיצן לעבן פריילעכן פייער ביי דעם מילנער אין שטוב.

איין מאָל האָט אַלאַיִזעס פּאַטער, וואָס איז געווען זייער אַ פראָסטער מענטש, געטראָפן אַזאַ סצענע: אויף דער לאַנקע הינטער דער מיל, אויפן היי, איז געזעסן זיין טאָכטער. ביי איר אויף די קני איז געלעגן דער גרויסער קאָפּ פון פּאַטראַשן. ביידע, דאָס קינד און דער הונט, זיינען געווען באַהאַנגען מיט קרענץ פון מאַנבלומען און קאָרנבלומען, און נעלאָ האָט זיי אָפּגעצייכנט מיט קויל אויף אַ קלאָרער ווייסער ברעט.

דער מילנער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אויפן פּאָרטרעט. דאָס בילד איז געווען אַזוי ענגלעך, אַז ער איז אַנטציקט געוואָרן פאַר אים. פאַר גרויס פרייד האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן. דער מילנער האָט זייער ליב געהאַט די טאָכטער זיינע און דעריבער איז אים דאָס בילד אַזוי געפעלן געוואָרן.

ער איז אָבער געווען זייער אַ שלעכטער מענטש און האָט די פרייד זיינע ניט אַרויסגעוויזן. פאַרקערט, ער האָט נאָך גענומען שרייען אויף אַלאַיִזען, פאַר וואָס זי פאַר־ברענגט די צייט אין גאַרנישט און העלפט ניט דער מוטער אַרבעטן.

דאָס מיידל האָט זיך דערשראָקן און איז וויינענדיק אַוועק אַהיים.

ביי נעלאָן האָט דער מילנער צוגענומען די ברעט און נאָך גענומען בייזערן זיך אויף אים:—אָט מיט וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן דו פאַרנעמסט זיך!

דאָס יינגל איז רויט געוואָרן און האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— איך צייכן אַלץ, וואָס איך זע!—האָט ער שטיל געענטפערט. דער מילנער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכער אַרויסגענומען און דערלאַנגט דעם יינגל אַ זילבערנע מטבע.

—ס'איז נאַרישקייטן!— האָט ער אַ זאָג געטאָן — אָבער דער פּאָרטרעט איז זייער ענלעך און וועט פאַרשאַפן מיין פרוי פיל פאַרגעניגן... נאַ דיר דערפאַר אַ פראַנק!...

ביי די דאָזיקע ווערטער איז די פאַרב פאַרשוווּנדן פון נעלאָס פּנים. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, פאַרלייגט די הענט אַהינטער און געזאָגט:

— איך דאַרף קיין געלט נישט. נעמט דעם פּאָטרעט אָן געלט!

ער האָט אַ רוף געטאָן פּאַטראַשן און איז אַוועק מיט אים דורך די פעלדער אַהיים.

ח.

דער מילנער איז געקומען אַהיים זייער אַ צעטראָגענער.

— אַלאַיִזע דאַרף זיך ניט באַגעגענען מיטן יינגל—האָט ער געזאָגט צו דער פרוי—ער איז פאַר איר קיין חבֿר ניט, זי איז רײַך, און ער איז אָרעם...

—ער איז אָבער אַ ווויל און אָרנטלעך קינד—האָט די פרוי באַמערקט און ניט גע־קענט זיך אָפּוווּנדערן פון דעם פּאָרטרעט, וואָס נעלאָ האָט אָנגעצייכנט.

— דאָס איז אמת—האָט געזאָגט דער מילנער.

— טאָ פאַר וואָס זאָלן זיי זיך ניט שפּילן?

— איך וויל ניט!—האָט ער גראָב געענטפערט.

די מוטער האָט געשוויגן.

פון יענסמאָל אָן האָט מען שוין דאָס מיידל צו נעלאָן ניט אַרויסגעלאָזט.
נעלאָ האָט דאָס באַמערקט און ס׳האָט אים שטאַרק געקרענקט. ער האָט ניט געזוכט, מיט וואָס ער האָט דאָ פאַרזינדיקט, און געפילט אַן אומרעכט. ער איז אָבער געווען אַ שטאָלץ קינד און האָט אויפגעהערט צו גיין צו דער מיל.
און אַז די קליינע אַלאַיזע פלעגט דערזעענדיק אים פון ווייטן צולויפן צו אים, פלעגט ער מיט אַ ליבלעכן און טרויעריקן שמייכל זאָגן צו איר:
— גיי ניט צו מיר, אַלאַיזע, ברענג ניט אַריין אין כּעס דעם פאָטער דיינעם! ער וויל ניט, אַז מיר זאָלן זיך טרעפן!...
פריער פלעגן נעלאָ מיט פּאַטראַשן שטענדיק שטעלן זיך אָפּשטעלן אין דער אַלטער מיל. פון פענצטער פלעגט אַרויסקוקן אַלאַיזעס ליב פּנימל; ס׳פלעגט זיך ווייזן איר העטנטל, וואָס האָט שטענדיק געהאַלטן גרייט פאַר פּאַטראַשן אַ ביין אָדער אַ שטיקל ברויט.
איצט האָט דער הונט טרויעריק געקוקט אויף דער פאַרמאַכטער טיר.
מיט אַ ווייטאָק אין האַרצן פלעגט דאָס ייִנגל גיך דורכלויפן פאַרביי דער מיל.
אַלאַיזע פלעגט זיצנדיק אין צימער זען, ווי זיי גייען פאַרביי, און די אויגן אירע פלעגן דאַן פול ווערן מיט טרערן. די קינדער האָבן זיך באַגעגנט אַלץ זעלטענער.
דאָס ברעטל איז פון דעסט וועגן געהאַנגען ביים מילנער אין שטוב, אויף דער וואַנט איבערן אייוועלע. נעלאָ האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר וואָס די מתּנה האָט מען ביי אים צוגענומען און אים אַליין פאַרטריבן. ער האָט זיך אָבער אויף דעם ניט באַקלאָגט.
דער אַלטער זיידע פלעגט אָפט זאָגן צו אים:
— מיר זיינען אָרעם, נעלאָ, און דעריבער מוזן מיר אָננעמען פאַר גוט אַלץ, וואָס דער אייבערשטער מאַכט מיט אונדז. דעם אָרעמאַן טאָר זיך ניט געלוסטן.
דאָס ייִנגל פלעגט שווייגנדיק אויסהערן די רייד פון דעם זיידן און דערביי פלעגט די נשמה זיינע פול ווערן מיט האָפענונג. עפּעס אַן אומבאַוווּסטע אינעווייניקסטע שטימע האָט גערעדט צו אים: „ניין, דער אָרעמער קען אויך שטרעבן צו בעסערס — פון אַן אָרעם קינד קען אויך אַרויסוואַקסן אַ גרויסער מענטש“!
דער גלויבן אין די אייגענע כּוחות איז ביים ייִנגל געווען אַזוי גרויס, אַז איין מאָל ווען אַלאַיזע איז געקומען צו אים אַ פאַרוויינטע און דערציילט, אַז מאָרגן פייערט מען איר געבורטסטאָג און די עלטערן ערלויבן איר ניט אים איינצולאַדן אויפן יום־טוב. האָט ער זיך אָפּגערופן צו איר מיט אַ זיכערער שטימע:
— וויין ניט, אַלאַיזע, מיט דער צייט וועט זיך אַלץ אומבייטן. איך וועל אַ מאָל זיין אַ בארימטער קינסטלער! און דאַן וועט שוין דיין פאָטער פאַר מיר די טיר ניט פאַרמאַכן!...
נעלאָ האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ גליקלעכע צוקונפט. אָט איז ער געוואָרן באַרימט. אומעטום באַגעגנט מען אים מיט פרייד, יעדערער ווייזט אויף אים אָן מיטן פינגער:
— זעט, אָט איז ער, דער קינסטלער — זאָגן די פויערים איינער צום אַנדערן — וויין נאָמען קלינגט איך דער גאַנצער וועלט. ער איז דאָך אַ מאָל געווען אונדזער אָרעמער נעלאָ, וואָס האָט אַרומגעפירט מיטן הונט מילך קיין אַנטווערפּן“.
ער, נעלאָ, וועט אויספּוצן דעם אַלטן זיידן אין טייערע בגדים, פאַר פּאַטראַשן וועט ער קויפן אַ גאָלדענעם האַלדזבאַנד. ער וועט אַרומנעמען דעם הונט און זאָגן:

— אַט איז מיין חבֿר! אַט איז דער, וואָס איז אַ מאָל געווען מײַן אײנציקער פרײַנדן

ער וועט אויסבויען אַ גרויסן ווייסן מירמלנעם פּאַלאַץ, וואָס וועט זיך געפינען צווישן פּראַכטפולע סעדער. דאָרט, אין דעם פּאַלאַץ, וועט ער באַזעצן די אַלע אָרעמע פּאַרוואָרלאָזטע קינדער, וואָס שטרעבן צו גוטסקייט און שיינקייט. ער וויל, אַז אַלע זאָלן זיין גליקלעך.

די גליקלעכע חלומות האָבן אים אַזוי באַהערשט, אַז ער איז ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן אַפילו אין דעם טאָג, ווען מע האָט אים ניט איינגעלאַדן אויפן יום־טובֿ פון אַלאָיזעס געבורטסטאָג.

ביים מילנער איז איצט פריילעך. ס'האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט אַלע דאָרפישע קינדער, זיי עסן גוטע זאַכן, לאַכן, טאַנצן אונטער די קלאַנגען פון פליים און פידל. און זיי, נעלאָ מיט פּאַטראַשן, גייען מידע און הונגעריקע איבערן ווייסן וועג אַהין אין דעם אָרעמען פינצטערן הייזל.

— זאָרג ניט, פּאַטראַש!—האָט זיך נעלאָ געווענדעט צום הונט, צוהערנדיק זיך צו די פריילעכע קינדערשע קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין דער ביינאַכטיקער פינצטערניש—ס'וועט נאָך אַ מאָל אונדז אויך זיין גוט!

נעלאָ האָט געגלויבט אין דער צוקונפט און געשפּייזט זיך מיט די זיסע חלומות. פּאַטראַש איז אָבער געווען אַ הונט. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ געשמאַקע וועטשערע איז בעסער פאַר די זיסע חלומות, און גייענדיק פאַרביי דער מיל פלעגט ער טרויעריק וואָרטשען.

ט.

נעלאָ האָט געהאַט אַ סוד, וואָס דערפון האָט געוווּסט נאָר איין פּאַטראַש.

הינטער דעם הייזל איז געווען אַ קליין קעמערל, מיט אַ קליין פענצטערל, וואָס קיינער פלעגט אַהין ניט אַריינקומען.

נעלאָ האָט זיך דאָ איינגעאָרדנט אַ סטודיע און געגומען מאָלן.

פון הילצערנע שטאַנגען האָט ער צונויפגעקלאַפּט אַ מאָלבערט*), אָנגעצויגן אויף אים אַ גרויסן גראָען בויגן פּאַפּיר און אָנגעצייכנט אויף אים איינע פון זיינע פילע פאַנטאַזיעס.

קיינער האָט נעלאָן קיין מאָל קיין זאַך ניט געלערנט. ער האָט געצייכנט פון זיך אַליין. ער האָט אויך קיין געלט ניט געהאַט צו קויפן די נויטיקע מכשירים. פלעגט ער זיך אָפּזאָגן פון ברויט און איינשאַפן זיך פּאַפּיר, קרייט אָדער קויל.

נעלאָ האָט אָנגעמאָלט מיט קרייט דעם אַלטן האָלצהעקער מיכל, ווי ער זיצט פאַרנאַכטלעך אויף אַ קלאָץ.

קיינער האָט נעלאָן ניט געוויזן, ווי אַזוי מע דאַרף צייכענען, און דאָך איז דאָס בילד זיינס געווען ווונדערלעך גוט.

דער פעטער מיכל איז געזעסן ווי אַ לעבעדיקער. אויפן צעקנייטשטן מידן פּנים פון דעם זקן איז געלעגן אַ שטילער טרויער. דאָס פּנים האָט דערציילט וועגן לאַנגיאָריקער שווערער פּראַצע, וועגן אַן עלנטן עלטער, וועגן אַ גאַנצן לעבן פון צרות און פּיין.

*) מאָלבערט — אַ סטענדער, אויף וועלכן די קינסטלער שטעלן אַרויף אַ בילד בשעתן מאָלן.

דער אַלטער מיכל איז געווען איינגעהילט אין דער פינצטערניש פון דער אָנקומענדיקער נאַכט.

דאָס בילד האָט געוויס געהאַט פיל פעלערן, אָבער דאָך האָט עס אויסגעזען לעבעדיק און שיין, ווי דאָס לעבן אַליין.

נעלאָ האָט געטראַכט אַוועקצושיקן דאָס בילד קיין אַנטווערפּן אויפן באַשטימטן קאָנקורס. דאָרט, אין אַנטווערפּן, איז געווען געמאָלדן, אַז יעדער טאַלענטפולער יינגל ביז 18 יאָר אַלט קען צושטעלן זיינע אַ צייכענונג, און פאַר דער בעסטער אַרבעט גיט מען אַרויס אַ פּריז פון 200 פראַנק. אַלס ריכטער זיינען באַשטימט געוואָרן די דריי גרויסע קינסטלער פון דער הויפּטשטאָט.

אַ גאַנצן פרילינג, זומער און האַרבסט האָט נעלאָ געאַרבעט איבער זיין בילד.

ווען ער באַקומט דעם פּריז, קריגט ער דאָך די מיגלעכקייט צו לערנען זיך מאָלן...

קיינעם האָט ער דערפון אַ וואָרט ניט געזאָגט.

דער זיידע וואָלט אים געוויס ניט פאַרשטאַנען. נאָר פּאַטראַש, וואָס איז שטענדיק בייגעווען ביי זיין אַרבעט, האָט געוווּסט פון דעם סוד.

און אין אַ קאַלטן ווינטערדיקן אויף דער נאַכט האָט נעלאָ מיט אַ האַרצקלאַפּעניש פאַר האָפענונג און שרעק אַוועקגעפירט זיין גרויס בילד אין שטאָט אַריין און עס אָפּגעגעבן אין דעם באַשטימטן אָרט.

— ס׳קען דאָך זיין, אַז דאָס בילד מיינס טויג גאָרנישט! — האָט נעלאָ אַ טראַכט געטאָן און זיך דערשראָקן.

איצט, ווען ער האָט שוין געהאַט אָפּגעגעבן דאָס בילד, איז אים אויסגעקומען, אַז ער האָט געטאָן זייער נאַריש. צי דען קען אַ קליין אָרעם באָרוועס און אומווויסנד יינגל שאַפן עפּעס אַזוינס, אויף וואָס עס זאָלן לייגן אַכט די גרויסע קינסטלער?...

באַלד אָבער האָט ער באַקומען פרישן מוט. ער איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אַ קלויסטער און דערזען רובענסעס אַ סטאַטוע. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז פון דער פינצטערניש קומט אַרויס צו אים דער שאָטן פונעם באַרימטן קינסטלער און זאָגט צו אים:

„פאַרליר ניט די האָפענונג, נעלאָ! מ׳דאַרף זיין דרייסט, אויב מע וויל דערגרייכן דאָס, צו וואָס מע שטרעבט!... ווען איך וואָלט געווען אַ פּחדן און ניט קיין ענערגישער, וואָלט מיין נאָמען ניט פאַרבליבן אויף אייביק באַרימט אין דער גאַנצער וועלט!“

נעלאָ איז געקומען אַהיים אַ געטרייסטער. ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט.

י.

ס׳איז געווען אַ קאַלטער ווינטער. אין יענער נאַכט, ווען נעלאָ מיט פּאַטראַשן זיינען געקומען אַהיים, איז אַראָפּגעפאַלן אַ שניי. דער שניי איז געגאַנגען עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד און האָט פאַרשאָטן אַלע וועגן און שטעגן אין פעלד.

אַלע טייכן זיינען פאַרפרוירן געוואָרן. דער פראָסט האָט זיך אַלץ געשטאַרקט. עס איז שווער געוואָרן צו פירן די מילך. דערהויפּט שווער איז דאָס געוואָרן פּאַטראַשן, וואָס איז שוין געווען ניט יונג.

דאָך אָבער האָט ער זיך פון דער אַרבעט ניט אָפּגעזאָגט. נעלאָ האָט איין־ציקע מאָל געפּרוּווט אים באַפרייען פון דער אַרבעט און אַליין געוואָלט שלעפּן דאָס וועגל.

פּאַטראַש האָט דאָס אָבער ניט דערלויבט. ער האָט איינגעשטימט נאָר אויף איין זאַך — נעלאָ זאָל אונטערשטופּן פון הינטן דאָס וועגעלע, ווען עס וועט זיך פאַרהאַלטן אויפן פאַרפראָרענעם וועג.

—פאַרבלייַב אין דער היים, פּאַטראַש! שוין צייַט, דו זאָלסט זיך אָפּרוען. איך קען שוין אַליין פירן דאָס וועגעלע!...—אַזוי האָט נעלאָ איינגערעדט פּאַטראַשן.

דער הונט האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט פאַרלאָזן זיין פריינד. ווי נאָר דער קלויסטער־זייגער פלעגט אָפּשלאָגן זעקס, פלעגט ער זיך אַליין גלייך אַריינשטעלן אין די אַלאָבלעס און שפּאַנען דרייסט איבערן פאַרשנייטן וועג.

יא.

איין מאָל, פאַרנדיק צוריק פון אַנטווערפּן איבערן ווייסן שניי, האָט האָט געשריפּעט אונטער די פיס און באַדעקט ווי מיט אַ מאַרמאָר אַלע אַרומיקע פעלדער, האָבן זיי געפונען אויפן וועג אַ קליינע שיינע ליאַלקע. נעלאָ האָט באַשלאָסן אָפּצוגעבן דאָס אַלאָיזען.

אַז ער איז געקומען צו דער מיל, איז שוין געווען גוט פינצטער. ער האָט געוווּסט, ווו ס׳געפינט זיך דאָס קליין פענצטערל פון איר צימער. אונטערן פענצטער איז געווען אַ דעכל. נעלאָ איז אַרויפגעקראָכן אויפן דעכל און האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. אין צימער האָט געפינקלט אַ פייַערל.

דאָס דערשראָקן מיידל האָט געעפנט דעם פענצטער. נעלאָ האָט איר דערלאַנגט די ליאַלקע.

— איך האָב עס געפונען אויפן שניי, אַלאָיזע,—האָט ער געזאָגט—נאַ, נעם דאָס פון מיר אַ מתּנה!

און ער איז אַראָפּגעשפּרונגען אויף דרערד, נאָך איידער זי האָט באַוויזן אים אָפּצודאַנקען.

אין יענער נאַכט איז אין דער מיל אויסגעבראָכן אַ שׂרפה. ס׳האָבן אָפּגעברענט עטלעכע געביידעס, אָבער די מיל גופא און דעם מילנערס הויז זיינען פאַרבליבן גאַנץ. דער מילנער האָט געהאַט ווייניק שאָדן, ווייל זיין פאַרמעגן איז געווען געזיכערט.

דאָך אָבער איז ער געווען שרעקלעך אין כּעס און האָט געטענהט, אַז ס׳האָט די מיל אונטערגעצונדן.

די שׂרפה האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל אין דאָרף. די דערשראָקענע פּויערים זיינען זיך אַלע צונויפגעלאָפן צו דער מיל און גענומען העלפן לעשן דאָס פייער.

צוזאַמען מיט אַלעמען האָט זיך אויך נעלאָ אויפגעכאַפּט און איז געקומען אַ קוק טאָן אויף דער שׂרפה.

דער מילנער האָט אים אָבער גראָב אָוועקגעטריבן.

— דאָס האָסטו זיך דאָ אין אָוונט אַרומגעדרייט—האָט ער געזאָגט צו אים—איך רעכן, אַז דו מוזסט וויסן די סיבה פון דער שׂרפה!..

נעלאָ האָט געמיינט, אַז דער מילנער שפּאַסט דאָס, און האָט אים גאָרנישט ניט געענטפערט.

דער מילנער האָט אָבער אויף מאָרגן אויך איבערגעחזרט זיינע ווערטער, אַז נעלאָ האָט זיך אין אָוונט אַרומגעדרייט אַרום דער מיל און האָט זי געוויס אונטערגעצונדן, ווייל מע האָט אים פאַרווערט זיך צו שפּילן מיט דער קליינער אַלאָיזען.

דער מילנער איז געווען אַ גרויסער גביר. די פויערים האָבן געוואָלט בעפינען חן ביי אים אין די אויגן, און דעריבער האָבן זיי אַלע גענומען זיך באַציען צו נעלאָן מיט חשד.

דאָס רוב פויערים האָבן אויפגעהערט אָפּצושיקן מיט אים די מילך אין שטאָט אַריין און דערצו נאָך גענומען אים שטאַרק באַליידיקן.

נעלאָ האָט שטאָלץ און געדולדיק אַריבערגעטראָגן די אַלע באַליידיקונגען.

ס'איז אים אָבער שווער געווען דאָס אַלץ אַריבערצוטראָגן.

דאָס גאַנצע לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין דאָרף מיט די פויערים. אומעטום פלעגט מען אים שטענדיק באַגעגענען אזוי ליב און אַזוי פריינדלעך, און איצט לאָזט מען אים צו קיינעם אויף דער שוועל ניט אַרויף.

דערהויפּט שווער איז געווען צו ליידן דעם ווינטער.

פריער פלעגט ער ביי יעדן פויער געפינען אַ ליכטיקן וואַרימען ווינקל. איצט זיינען זיי—נעלאָ און פּאַטראַש,—פאַרבליבן איינער אַליין אין דעם ניט געהייצטן הייזל, און אָפּטמאָל אָן אַ שטיקל ברויט.

פאָרנדיק אין שטאָט אַריין, פלעגט פּאַטראַש, ווי געוויינטלעך זיך אָפּשטעלן ביי יעדן טויער וואַרטנדיק, אַז מ'זאָל פון דאָרטן אַרויסטראָגן די מילך.

די טויערן זיינען אָבער געבליבן פאַרמאַכט. און טרויעריק, מיט אַ שטומען פאָרוואורף האָט פּאַטראַש געקוקט אויף זיי.

די שכנים איז אַפילו שווער געווען צו פאַרמאַכן די טויערן און די הערצער און צוזען, ווי פּאַטראַש שלעפּט אַ פּוסטן וועגעלע. זיי האָבן אָבער ניט געוואָלט איינרייסן מיטן רייכן מילנער.

יב.

ס'איז געגאַנגען צו ווייַנאַכט. ס'זיינען געווען שרעקלעכע פרעסט. אין דעם קליינעם הייזל איז געווען פינצטער און קאַלט. נעלאָ און פּאַטראַש זיינען פאַרבליבן עלנטע איינער אַליין.

אַ פּאָר טעג פאַר יום-טוב איז געשטאָרבן דער אַלטער זיידע. ער האָט זיך שוין פון לאַנג אָן ניט געקענט רירן פון אָרט און האָט קוים געריידט, אָבער כּל-זמן ער האָט געלעבט, איז זיין ליבשאַפט פאַר זיי געווען אַ טרייסט און אַ נחמה; זיין ליבלעכער שמייכל פלעגט זיי שטענדיק באַגעגענען, בשעת זיי פלעגן זיך אומקערן אַהיים מיד און הונגעריק. זיין טויט האָט אויף זיי אַ שרעקלעכן רושם געמאַכט. זיי האָבן ביטער געוויינט, באַגלייטנדיק אים אין דעם קאַלטן ווינטער-טאָג צום קבר אויפן דאָרפישן בית-עלמין. אחוץ זיי איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל באַדויערן און דערמאָנען דעם אָרעמען אַלטן.

אומעטיק און באַטריבט זיינען נעלאָ און פּאַטראַש געגאַנגען צוריק אַהיים. אָבער דאָרטן האָט אויף זיי געוואַרט אַ נייע צרה: זיי האָבן פאַרלאָרן זייער לעצטע טרייסט—זייער אָרעם ווינקעלע. זיי זיינען שולדיק געווען דעם באַלעבאָס דירה-געלט פאַר אַ גאַנצן חודש, האָט ער זיי אַרויסגעטריבן פון שטיבעלע. נאָך דער קבורה איז נעלאָ געבליבן אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה; ער האָט געפּרוווט בעטן דעם באַלעבאָס, ער זאָל אים וואַרטן אַ ביסל מיט דעם חוב; אָבער דער שלעכטער קאַרגער פויער האָט גאָרניט געוואָלט הערן דערפון. ער האָט צוגענומען פאַרן חוב דאָס גאַנצע געשיר, און אויף מאָרגן האָט ער געהייסן אָפּליידיקן אים די דירה. אַ טרויעריק-שווערע נאַכט האָבן

נעלאַ מיטן הונט איבערגעלעבט, זיצנדיק אַרומגענומען אין דער פינסטער ביי דעם פאַרלאָשענעם אייוועלע.

ס׳איז געווען גראָד ערֶב יום־טוב. נעלאַ האָט ביטער געוויינט, טוליענדיק זיך צו זיין חַבֵר.

— קום, טייערער פאַטראַש,—האָט דאָס יינגל ענדלעך געזאָגט—קום, חַבֵר, אַניט וועט מען אונדז אַרויסטרייבן פון דאַנען!...

ס׳איז נאָך געווען גאָר פרי. אומעטום זיינען נאָך געווען צוגעמאַכט טיר און טויער. נאָר אייניקע אייגזוויינער זיינען אַרויס אין גאַס. קיינער פון זיי האָט קיין אַכט ניט געלייגט אויף דעם פאַרבייגייענדיקן יינגל מיטן הונט. ביי איין הויז האָט זיך נעלאַ געהאַט אָפּגעשטעלט. דער זיידע זיינער האָט אַמאָל דעם באַלעבאָס פון דער הויז אַסך טובות געטאָן.

— גיב מיר אַ שקאָרינקע פאַר פאַטראַשן!—האָט ער שטיל געבעטן — דער הונט איז אַלט און האָט פון נעכטן אָן נאָך גאָרנישט ניט געגעסן.

מ׳האָט אים גאָרניט געענטפערט און מיט כַעס פאַרהאַקט פאַר אים די טיר.

דאָס יינגל מיטן הונט זיינען געגאַנגען ווייטער.

מער האָבן זיי שוין ביי קיינעם גאָרגישט ניט געבעטן.

אַז זיי זיינען געקומען קיין אַנטווערפּן, האָט דער שטאָט־זייגער געשלאָגן צען.

— ווען איך וואָלט האָבן װאָס ניט איז צו פאַרקויפן, וואָלט איך געקויפט פאַר פאַטראַשן כאָטש אַ שטיקל ברויט!

אַזוי האָט זיך נעלאַ געטראַכט.

ער האָט אָבער גאָרנישט ניט געהאַט אויסער די אָרעמע בגָדים און די הילצערנע שיך.

פאַטראַש האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען נעלאָס געדאַנקען. ער האָט אַוועקגעלייגט זיין קאָפּ צו נעלאַן אויף דער האַנט, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגן: „זאָרג ניט פאַר מיר, טייערער נעלאַ!"

פונקט אום האַלבן טאָג האָט מען געדאַרפט אויסרופן דעם נאָמען פון דעם גליקלעכן זיגער, וואָס האָט געוווּנען דעם פריז פאַר זיין בילד. נעלאַ האָט זיך געלאָזט גיין צו דעם הויז, וו ער האָט איבערגעלאָזט זיין געמעל. אַ גרויסער עולָם מענטשן איז שוין דאָרטן געשטאַנען. ער האָט זיך ציטערנדיק געמאַכט אַ וועג צווישן דעם רעדל, האַלטנדיק זיך פאַר פאַטראַשן.

דער גרויסער שטאָט־זייגער האָט הילכיק אויסגעשלאָגן צוועלף די טיר האָט זיך געעפנט. צווישן עולָם איז געוואָרן אַ גערודער. אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס בילד, וואָס מ׳האָט אָנערקענט פאַרן בעסטן, וועט מען אויפהויבן אין דער הייך אויף אַ שטאַנג.

אַ נעפּל האָט פאַרצויגן נעלאַן די אויגן, ס׳האָט אים גענומען שווינדלען אין קאָפּ.

אַז ער איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט ער דערזען הייך איבער זיך דאָס בילד: דאָס איז געווען אַ פרעמד געמעל, ניט זיינס.

נעלאַן איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן, די פיס האָבן זיך אים אונטערגעהאַקט, און ער איז געפאַלן אויף די שטיינערנע טרעפּ פון דעם הויז. פאַטראַש האָט זיך געבּֿסקט אַרום אים, געמיט זיך אים אָפּמינטערן, און דערווייל האָט אַ רעדל יינגלעך באַגלייט מיט פרייד־געשרייען זייער גליקלעכן חַבֵר.

יג.

אז נעלאַ איז געקומען צו זיך, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט אַרומגענומען דעם הונט.

— אַלץ איז פאַרלאָרן, טייערער פאַטראַש! — האָט ער קוים אַרויסגערעדט. — אַלץ איז פאַרלאָרן!...

דער הונגער האָט אים אָפּגעשוואַכט. דאָך האָט ער זיך אָנגעשטרענגט און איז ווידער אַוועק אין דאָרף אַריין. לעבן אים מיט אַ נידעריק אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט זיך נאָכגעשלעפּט פאַטראַש. ס'איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי. אַ קאַלטער צפון-ווינט האָט געווילדעוועט. אין פעלד איז געווען אַ שרעקלעכע קעלט.

לאַנג האָט ביי זיי געדויערט דער וועג אין דאָרף אַריין. דער ווייגער האָט שוין געשלאָגן פיר, ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום דאָרף. פלוצלונג האָט זיך פאַטראַש אָפּגעשטעלט, דערשפּירנדיק עפּעס אין שניי. ער האָט גענומען שאַרן דעם שניי און בילן. באַלד האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון שניי אַ געלן לעדערנעם טייסטער און צוגעטראָגן צו נעלאָן. ס'איז געווען פינצטער, נאָר אונטערן צלם, וואָס איז געשטאַנען אויפן וועג, האָט טונקל געברענט אַ לאַמטערן.

דאָס יינגל האָט צוגעטראָגן דעם טייסטער צו דער שיין פון לאַמטערן און איבערגעלייענט דעם מילנערס נאָמען. אינעווייניק האָט ער געפונען זעקס טויזנט פראַנק פּאַפּיר-געלט.

די מציאָה האָט נעלאָן אויפגעמונטערט.

ער האָט פאַרשטעקט דאָס געלט אין בוזעם און ליבלעך אַ גלעט געטאָן פאַטראַשן.

פאַטראַש האָט אים אַריינגעקוקט אין פּנים.

נעלאָ איז גיך אַוועק צו דער מיל. ער האָט אָנגעקלאַפּט. די מילנערקע האָט אים געעפנט. זי איז געווען פאַרוויינט. הינטער איר איז געשטאַנען אַלאָיזע.

— דאָס ביסטו, אָרעם קינד — האָט זי צערטלעך געפרעגט — גיי גיכער אַוועק פון דאַנען און ווייז זיך ניט מיין מאַן אויף די אויגן. ער איז היינט בייז. עס האָט מיט אונדז אַן אומגליק פּאַסירט, ער האָט זיין גאַנצן פאַרמעגן פאַרלאָרן.

נעלאָ האָט איר דערלאַנגט דעם טייסטער און איז אַריין מיט פאַטראַשן צום מילנער אין שטוב.

— דאָס האָט פאַטראַש היינט ביינאַכט געפונען — האָט ער גיך געזאָגט — דערציילט דאָס דעם מילנער... ער וועט דערפאַר געוויס זיך דערבאַרעמען און צונעמען צו זיך דעם אַלטן הונט... אָט איז ער... לאָזט אים ניט נאָכלויפן נאָך מיר און, זעט, טוט אים ניט קיין שלעכטס.

און איידער מ'האָט נאָך באַוויזן צו פאַרשטיין, וואָס ער וויל דאָ טאָן, האָט ער זיך איינגעבויגן, אַ קוש געטאָן פאַטראַשן, האַסטיק פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר און איז פאַרפאַלן געוואָרן.

די פרוי מיטן קינד האָבן ניט געקאָנט צו זיך קומען פון דער פלוצלונגדיקער פרייד.

זיי האָבן גענומען צערטלען פאַטראַשן, געבראַכט אים זיסע זעמל, אַ שטיק פלייש, באַמיט זיך צו דערוואַרעמען אים ביים אויוון.

אַלץ איז אָבער געווען אומזיסט.

פאַטראַש האָט זיך ניט געקענט באַרויִקן און איז ניט אָפּגעטראָטן פון דער טיר.

אַ ווייגער זעקס האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים דער מילנער. ער איז געווען מיד און צעקלעמט.

— פּאַרפאַלן דאָס געלט!—האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערדיקן קול — געזאָגט אומעטום און אַלץ אומזיסט!...

די מילנערקע האָט אים דערלאַנגט דעם טייסטער און דערציילט, ווי אַזוי נעלאָ האָט דאָס געבראַכט.

דער אַלטער האָט אַ ציטער געטאָן און איז אַן אויפגערעגטער געפאַלן אויפן שטול.

— איך בין זיך אַזוי אַכזריותדיק באַגאַנגען מיטן יינגל...—האָט ער לסוף געזאָגט— איך האָב גאָר ניט פאַרדינט, ער זאָל מיר אַזוי אָפּדינען!...

— די קליינע אַלאַיזע איז דאַן צוגעגאַנגען צום פאָטער און צוגעטוליעט זיך צו אים דאָס בלאָנדע קעפּל.

— פּאַפּאַ, קען נעלאָ ווידער קומען אַהער?—האָט זי שטיל געפרעגט — קען ער מאָרגן קומען צו אונדז?

דער מילנער האָט זי צוגעדריקט צום האַרצן. זיין שטרענג פאַרברענט פּנים איז געווען בלאַס, די ליפּן האָבן געציטערט.

— געוויס! געוויס!—האָט ער געענטפערט—ער וועט פאַרבלייבן יום-טוב מיט אונדז, זאָל ער קומען, ווען ער וויל... איך האָב אים באַליידיקט, אָבער איצט וועט איך אים שוין זיין גוט.

אַלאַיזע האָט זיך דערפרייט. זי האָט אַ קוש געטאָן דעם פאָטער, איז אַראָפּגעשפּרונגען ביי אים פון שויס און צוגעלאָפן צום הונט, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן ביי דער טיר.

— היינט קען איך מכבד זיין פּאַטראַשן!—האָט זי מיט פרייד אויסגעשריען.

דער פאָטער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אַלע האָבן געצערטלט און מכבד געווען פּאַטראַשן. פּאַטראַש האָט אָבער ניט געפילט קיין שימחה... נעלאָ האָט אים געפעלט.

און שפּעטער, אַז מ'האָט דערלאַנגט צום טיש און די אָנגעקומענע געסט האָבן זיך הויך און פריילעך פונאַנדערגערעדט, האָט פּאַטראַש דערהיט די מינוט, ווען מ'האָט געעפנט די טיר, און איז גיך אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס אין דער פינצטערער קאַלטער נאַכט. ער האָט געהאַט נאָר איין געדאַנק—געפינען נעלאָן.

יד.

אַ גאַנצע נאַכט איז געפאַלן אַ שניי. דער שניי האָט פאַרשאָטן די שפּורן פון נעלאָס טריט. די נאַכט איז געווען אַ שטורעמדיקע. אַלע לאַמטערנעס אונטער די צלמים אויפן וועג האָט זיך אויסגעלאָשן. אַ געדיכטע פינצטערניש האָט אַרומגעהילט אַלע הייזער. קיין לעבעדיק באַשעפעניש האָט מען אין גאַס ניט געזען.

אַלע האָבן פריילעך פאַרבראַכט אין די וואַרעמע הייזער. נאָר פּאַטראַש, דער אַלטער הונגעריקער פּאַטראַש, האָט ציטערנדיק פון קעלט איינער אַליין געבראָדזשעט אין דער פינצטערער נאַכט. איין זאַך נאָר האָט אים אויפגעהאַלטן: די אַלמעכטיקע איבערגעגעבענע ליבע.

ס'איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט, ווען פּאַטראַש האָט ענדלעך געפונען נעלאָס שפּורן אין די פינצטערע קרומע געסלעך פון דער שטאָט.

אין דער שטאָט איז געווען שטאָק פינצטער. זעלטן ווו ס'האָט זיך אַרויסגעזעצן אַ פייערל דורך אַ לאָדנשפּאַלט. עס האָט זיך נאָר געהערט אַ פאַרשטיקטער פייף פון דעם רוישנדיקן ווינט, וואָס האָט געריסן די שילדן און געטרייסלט די הויכע לאַמטערן-סלופּעס.

אַ סך מענטשן זיינען אַריבער איבערן שניי. אַ סך שפּורן האָבן זיך איבערגעמישט. פּאַטראַשן איז שווער געווען ניט צו פאַרלירן די שפּורן פון זיין פריינד.

דער מידער הונגעריקער פּאַטראַש האָט אָבער ניט פאַרלאָרן דעם מוט. ער האָט זיך װידער געפונען און איז געגאַנגען אַלץ װײַטער, ניט געקוקט אױפן פראָסט און שלעכטן װעטער.

דער אײז האָט אים געשניטן די לאַפּעס, דער װינט האָט אים דורכגענומען ביז די ביינער. ער איז אָבער געגאַנגען אַלץ װײַטער. ענדלעך איז ער געקומען צום קלױסטער.

אין יענער נאַכט זײנען די טירן פונעם קלױסטער געבליבן אָפן. פּאַטראַש האָט דערזען אַ שפּור אױף די שטײנערנע טרעפּ. ער איז אַװעק נאָכן שפּור דורך דער פינצטערניש און שטילקײט און איז אַרײַנגעקומען אינעװײניק.

נעלאָ איז געלעגן אױפן דיל לעבן דער װאַנט. פּאַטראַש איז שטיל צוגעגאַנגען צו אים און צוגעטוליעט זיך צו זײן פּנים.

— צי דען האָסטו געמײנט, אַז איך װעל דיך פאַרלאָזן?—אַזױ האָט, דאַכט זיך, גערעדט זײן צערטלעכער גלעט—איך בין דאָך דײן פרײַנד!

דאָס ײנגל האָט זיך פאַרװוּנדערט אַ הײב געטאָן און הײס אַרומגענומען פּאַטראַשן.

— איצט, פּאַטראַש, װעלן מיר צוזאַמען שטאַרבן — האָט ער געזאָגט — קײנער דאַרף אונדז ניט... אַלע האָבן אונדז פאַרלאָזן!...

אַלס ענטפער אױף דעם האָט זיך פּאַטראַש נאָך מער דערנענטערט צו נעלאָן און אַרױפגעלײגט דעם קאָפּ אױפן ײנגלס ברוסט. אין זײנע גרױסע שװאַרצע אױגן זײנען געשטאַנען טרערן. זײ האָבן זיך שטיל צוגעדריקט אײנער צום אַנדערן.

די נאַכט איז געװען אַ שרעקלעך־פראָסטיקע. אין דעם גרױסן געמױערטן קלױסטער איז געװען נאָך קעלטער װי אין פעלד.

פון קעלט זײנען זײ אַנטשלאָפן געװאָרן. בײדן האָבן זיך געחלומט די פריער־דיקע גליקלעכע טעג, בשעת זײ זײנען צוזאַמען געלאָפן איבער די גרינע לאָנקעס און געזעסן בײם טײך אין דעם הױכן גראָז, געקוקט אױף די פאַרבײפאָרנדיקע שיפלעך.

מיט אַ מאָל האָט זיך אַ העלע שײן אַרײַנגעריסן אין קלױסטער און באַלױכטן אים װי בײטאָג. דאָס איז געװען די לבֿנה.

די העלע שײן איז געפאַלן אױף די צװײ בילדער, פון װעלכע דאָס ײנגל האָט אַרײַנקומענדיק אַראָפּגעריסן דעם פאָרהאַנג.

נעלאָ האָט זיך אױפגעהױבן פון דער ערד.

—ענדלעך האָב איך זײ דערזען!—האָט ער אױסגעשריען פרײדיק, שטרעקנדיק די הענט צו די בילדער, און טרערן פון אַנטציקונג זײנען גערונען איבער זײן פּנים.

דאָ האָבן זיך די פיס בײ אים אונטערגעהאַקט. ער איז געפאַלן אױף די קני, ניט אַראָפּלאָזנדיק די אױגן פון די װוּנדערבאַרע בילדער.

נאָך אַ מאָמענט—און די ליכט איז פאַרפאַלן געװאָרן. אַ געדיכטע פינצטערניש האָט װידער אײַנגעהילט אַלץ אַרום. נעלאָ איז געפאַלן צו פּאַטראַשן אױפן ברוסט.

טו

אין דער פרי האָבן די אײַנװױנער פון אַנטװערפּן געפונען בײדן אין קלױסטער. די זײנען בײדע געשטאָרבן אין דער דאָזיקער פראָסטיקער נאַכט.

איבער זײ זײנען געהאַנגען די אָפּגעדעקטע בילדער פון רובענסן, אױף װעלכע איז געפאַלן אַ װוּנדערבאַרע זונענשײן.

אין קלױסטער איז אַרײַנגעקומען דער מילנער און האָט זיך פונאַנדערגעװײנט.

ער האָט געטעהנט:–איך האָב זיך אַזוי שלעכט באַגאַנגען מיטן ייִנגל! איך האָב שוין אָבער חרטה געהאַט, געוואָלט אים אָפּגעבן אַ העלפט פון מײַן פאַרמעגן, צונעמען פאַר אַ זון.

באַלד נאָך דעם איז אַרײַנגעקומען אַ באַרימטער קינסטלער.

— איך זוך דאָס ייִנגל, וואָס האָט אייגנטלעך געדאַרפט באַקומען דעם פּריז. ער האָט אָנגעצייכנט אַן איינפאַך בילד—אַן אַלטן האָלצהעקער. ס'איז אָבער אַ וווּנדערבאַר טאַלענטפולע זאַך!... איך וויל נעמען דאָס ייִנגל צו זיך, לערנען מיט אים. ער וועט מיט דער צייט געוויס ווערן אַ באַרימטער קינסטלער.

און נאָך שפּעטער איז געקומען אַ קליין בלאָנד מיידעלע. זי האָט שרעקלעך געוויינט און אַלץ גערופן נעלאָן:

— נעלאָ! ליבער, טייערער, נעלאָ, קום צו אונדז! שטיי אויף און קום! אין דער היים בײַ אונדז איז שוין אַלץ גרייט פאַר דיר!

נאָר דער בלאַסער יונגער פּנים, וואָס איז געווען געווענדעט צו די זעלטענע בילדער פון רובענסן, האָט אַזוי ווי גערעדט צו אַלעמען מיט אַ שמייכל: „צו שפּעט!“

הילכיקע גלאָקן-קלאַנגען האָבן פריילעך געקלונגען אין דער פּראַסטיקער לופט. די זון האָט העל באַלויכטן די פאַרשנייטע פעלדער. דאָס פאָלק האָט זיך פריילעך געשטופּט אין די גאַסן. נעלאָ און פּאַטראַש האָבן שוין בײַ קיינעם קיין זאַך ניט געבעטן. זיי האָבן שוין קיין זאַך ניט געדאַרפט.

אַ שטיק לעבן האָבן זיי פאַרבראַכט צוזאַמען און בײַם טויט האָבן זיי זיך אויך ניט געשיידט.

בשעת מ'האָט זיי געפונען, האָט דאָס ייִנגל געהאַלטן אַזוי שטאַרק אַרומגענומען דעם הונט, אַז ס'איז שווער געווען זיי פונאַנדערצונעמען.

און מען האָט זיי ביידן באַגראָבן אין איין קבֿר.

סוף

ווען שנייען שיטן.

ווינטער-בילדער.

נאָכן זומער קומט דער ווינטער,
קומט דער ווינטער און באַשפּינט ער
שטיבער, באַרג און מאַרק און פּלויט
אין אַ שנייִק ווייסן קלייד.

אייס און ליכטיק אַ פאַרשנייטער,
און אַ ווייטער און אַ ברייטער,
שטייט אַזוי דער ווייטער וועג
ביז די לינדע פּסח-טעג.

גויים קומען זיך צו פאָרן,
פירן פולע שליטנס קאָרן,
גענדז און האָלץ און שטרוי און היי
אײַנגעלאָדן אָט אַזוי.

ייִדן שמײַען אום און לויפן,
דינגען, קויפן און פאַרקויפן,
יעדן ייִדנס פּנים שיינט:
עראַ מאַרק אַביסל היינט!

חבֿרה לויפן אויף די גליטשן,
מאַכן קונצן, הילכן, קוויטשען,
און דער אײַז איז בלוי און ווייך,
ווי דער הימל אין דער הייך.

שקצים אין די גרויסע היטלעך
פליען באַרג-אַראָפּ אויף שליטלעך
מיט אַ פייף און אַ געשריי,
קוליע, קוליע—און אין שניי.

ייִנגלעך ראָיען זיך און שלעפּן,
קייקלען קלעצער שניי און קלעפּן
פעטער שנייערס גוט און וויל,
מיט אַ נאָז און מיט אַ מויל.

שטייט אַ ייִנגל בײַ דעם טויער,
רייבט דעם אויער: פעטער שנייער,
זאָלסט אַזוי ביז פּסח שטיין,
ביז מע דאַרף אין חדר גיין.

מאַני לייב.





היי, היי, ווי ביסטו ערגעץ, שניי?

דער ווינטער קערט שוין וועלטן
מיט ווינטן און מיט קעלטן.
היי, היי,
ווי ביסטו ערגעץ, שניי?

די מאָטעלעך, די גיטעלעך
וואַרטן מיט די שליטעלעך.
היי, היי,
ווי ביסטו ערגעץ, שניי?

די קינדער ווילן יאָגן זיך,
אויף די שליטלעך טראָגן זיך.
היי, היי,
ווי ביסטו ערגעץ, שניי?

די חבֿרה ווילן הוליען,
אין ווייכן שניי זיך קוליען.
היי, היי,
ווי ביסטו ערגעץ, שניי?

רבקה גאַלין.



דוכט זיך, פעטער עליע פאַרט ?
יע, דער פעטער עליע!
יע, געוויס איז ער דאָס דאָרט
אין דער לאַנגער דעליע.

אָט האָט ער אַהינטער הויז
אויסגעשפּאַנט זיין פערדל.
זעט, ער דרייט דעם שליטן אויס,
טרייסלט זיך זיין בערדל.

שאַ, ער גייט אין שטוב ... אַזוי
אָנגעפּעלצט, פאַרפראָרן.
—גוטן אָוונט אייך! אוי ווי,
איז דאָס קאַלט געוואָרן!

לאָזן מיר זיך גלייך צו אים,
שפּיליען אָפּ זיין דעליע,
שרייט די מאַמע אָן אויף אים:
—דו צעלאָזט זיי, עליע!

—כ׳האָב געבראַכט פאַר אייך אַ באַר,
זיס—אַ פאַרגעניגן!
ווער עס איז פון אייך דער נאַר,
יענער וועט זי קריגן.

כאַפּן מיר אים באַלד אַרום
ענג פון אַלע זייטן.
אין די מאַמע—בייזלעך, קרום—
קוקט אויף אונדז פון ווייטן.

—פעטער טייערער, אוי, גיב,
גיב אונדז שוין די באַרן...
ווייל מיר ווייסן האָסט אונדז ליב—
וועסטו אונדז ניט נאַרן!

—אוי, זאָגט ער—איר זייט, ווייזט אויס,
גאָר ניט קיין נאַראָנים...
און אַ שמייכל שפּילט אַרויס
אויף זיין גוטן פּנים.

—טו זיך אויס, רו אָפּ פון וועג,
זעץ זיך צו ביים פייער...
—וואַרט נאָר, כ׳ברענג אַריין די פּעק,
ווער איך מיר שוין פרייער.

שטייען שוין די פּעק אין הויז,
און דער פעטער עליע
קריכט פאַמעלינקעס אַרויס
פון זיין לאַנגער דעליע.

שווערע, גרויסע פּעק. פון אָרט
קאָן מען זיי ניט רירן...
האָט דער פעטער עפּעס דאָרט
אונדז געבראַכט צו פירן?

-נו, קאָדשט, קליינוואַרג, קומט אַהער!
רופט אונדז צו דער פעטער—
—אוי, איך זע, איר קענט ניט מער
וואַרטן שוין אויף שפּעטער.

—נו, אַט האָט איר אייך דערפאַר!
ער בינדט אויף אַ פּעקל,
גיט אונדז יעדערן אַ באַר
און אַ קניפּ אין בעקל...

ווינטער.

קינדער טאַנצן אין די בעטן,
טוען אָן זיך, וואָס געשווינטער,
ניט אַ רגע צו פאַרשפּעטן:
ווינטער, ווינטער, מלך ווינטער!
—„מאַמע, מאַמע, קום אַרויס,
זע די טורעמס קעגן הויז,
אַלטער, קאַלטער זיידע פראָסט
האָט פאַרגעסן און געלאָזט
אויף דער ערד זיין ווייסן קיטל“...
אָנגעוויקלט ווי אַ קנויל,
און געכאַפּט אַ ביס אין מויל,
און פון אַלקערל דאָס שליטל,
הענדום פּענדום פון די שטיגן,
און חברים באַלד געקריגן,
און אַ שאָט זיך פון די הייזער,
און דערנאָך פון באַרג אין טאָל
פליען אַלע מיט אַ מאָל.
שפּרינגען אין דעם ווייכן שניי
יונגע מאַמעס הינטער זיי,
ווער אַהער און ווער אַהין
מיט געשפּאַסן און געלעכטער,
העלפן אונטער קליינע זין,
פירן אונטער קליינע טעכטער.

און אַ גליטש מיט זיי צוזאַמען.
אויגן פינקלען, אויגן פלאַמען, —
און דער פראָסט באַפּוצט מיט פּודער...
ווערט אַ ליאַרעם און גערודער, —
אַ געשפּאַן פון שליטלעך פאָרט,
זיבן אין אַ ריי געפּאָרט,
און אַ מאַמע אויבנאָן
אין אַ גרינעם קאַפּושאָן
פירט און קירעוועט דעם צוג.
און אינמיטן, טו אַ קוק,
גלייך פון הינטן זאַלבעצענט
אַ געפלעכט פון פיס און הענט,
און אַריין אין סאַמע מיטן,
קערן איבער זיך די שליטנס...
ליגן קינדער איינגעקנאָטן
אין די גריבער שניי ווי קראָטן,
ברוין און געל און גרין און ווייס,
אויסגעמישט מיט פראָסט און אייז,
הענטשקעס, היטלעך, שיך און שאַלן...
שרייט אַ קליינער „עסקימאָ“,
אָנגעפּעלצט אין רויט און בלאָ:
„קינדער, לאָמיר ווידער פאַלן!“...

יהואש.

צוויי פרעסט.

שפּאַצירן זיך איבערן פרײַען פעלד צוויי פרעסט, צוויי לײַבלעכע ברידער, קלאַפּן אַ פוס אָן אַ פוס, רײַבן אַ האַנט אָן אַ האַנט.

רופט זיך אָפּ איין פראָסט צום אַנדערן:

— ברודער פראָסט, רויטע נאָז, לאָמיר זיך אַ ביסל פריילעך מאַכן, גוט דורכפרירן די מענטשן!

ענטפערט דער צווייטער:

— ברודער פראָסט, בלויע נאָז, אויב מיר ווילן די מענטשן דורכפרירן, דאַרפן מיר פריִער פון פעלד אַרויס. דאָ זײַנען אַלע וועגן פאַרשנייט, אַלע שטעגן פאַרווייט. מע קען ניט דורכגיין, ניט דורכפאָרן. לאָמיר בעסער אַ לאָף טאָן אין געדיכטן וואַלד אַרײַן. דאָרטן איז אפילו ניט אַזוי פרײַ, אָבער מיר וועלן געוויס עמעצן פּאַקן אויפן וועג. דאָרט וועלן מיר האָבן מער פאַרגעניגן ווי דאָ.

גערעדט און געטאָן.

און ס'האָבן זיך אַוועקגעלאָזט ביידע פרעסט, ביידע לײַבלעכע ברידער, אין געדיכטן וואַלד אַרײַן. זיי לויפן, כאַפּן אויפן וועג אַ שטיפּ, אַ שפּרונג פון איין פוס אויפן צווייטן, טוען אַ שנעל איבער די סאָסנעס און יאָדלעס.

דער אַלטער יאָדלעוואַלד קנאַקט, דער סאָסנעוואַלד סקריפּעט.

לויפן זיי אַדורך איבערן ווײַסן שניי — שפּרייט זיך אויף אים אַן אײַזקאָרע אויס. קוקט ערגעץ פון אונטערן שניי אַ גרעזעלע אַרויס — גיבן זיי אַ בלאָז אַזוי, אַז ס'ווערט באַלד מיט פּאַטשערקעס באַצויגן.

פּלוצלונג דערהערן זיי פון איין זײַט — אַ גלאָק. פון דער אַנדערער — אַ גלעקעלע. מיטן גלאָק פאָרט אַ פּריץ, מיטן גלעקעלע — אַ פויער.

האָבן די פרעסט גענומען זיך מיַשב זײַן, ווער וועמען זאָל פרירן. דער פראָסט בלויע נאָז, וואָס איז געווען דער ייִנגערער, זאָגט: „איך וועל זיך בעסער אַ יאָג טאָן נאָכן פויער. אים וועל איך גיכער דורכנעמען: זײַן פעלץ איז אַן אַלטער, אַ פאַרלאַטעטער; דאָס היטל — דורך און דורך אין לעכער; די לאַפּטשעס אויף די פיס — אַלטע און צעריסענע. דו, ברודערל, ביסט דאָך שטאַרקער פון מיר, לויף דו נאָכן פּריץ. זעסט, סאַר אַ טײַערן בערנפעלץ ער טראָגט; זיין הוט איז אַ פּיקסענער, די שטיוול — פון וואָלפנפעל. ניט פאַר מײַנע כוחות איז אים בײַצוקומען!“

דער פראָסט רויטע נאָז ענטפערט גאָרניט. ער שמייכלט נאָר אין בערדל אַרײַן.

— אײַ, ברודערל, דו ביסט נאָך יונג! — זאָגט ער — נאָר זאָל זײַן, ווי דו ווילסט: לויף דו נאָכן פויער. און איך וועל זיך אַ יאָג טאָן נאָכן פריץ. פאַר נאַכט וועלן מיר זיך ווידער טרעפן. דאַן וועלן מיר זיך שוין דערציילן, וועמען איז די אַרבעט צוגעגאַנגען שווערער. דערווײַל זײַ געזונט.

— זײַ געזונט, ברודער!

אַ פײַף, אַ קנאַק, און ביידע לויפן אַוועק.

*

אַז די זון איז פאַרגאַנגען, האָבן זיי זיך ווידער צוזאַמענגע־טראָפן אין פרײַען פעלד און גענומען נאָכפרעגן איינער בײַם אַנדערן:

— נו, וואָס הערט זיך? דו האָסט מיסתּמא געהאַט גענוג מאַטערניש מיטן פּריץ — זאָגט דער ייִנגערער — און אַרויסגעקומען איז געוויס גאָר ניט. קיין וווּנדער ניט: אַ שווערע שטיקל אַרבעט אים דורכצונעמען.

שמייכלט זיך דער עלטערער.

— עך, זאָגט ער, ברודער פּראָסט, בלויע נאָז, דו ביסט נאָר יונג און, זאָלסט מיר מוחל זײַן, נאָך גאָר אַ גרויסער נאַר. איך האָב אים אַזוי מכבד געווען, אַז ער וועט זיך אַזוי גיך ניט דערוואַרעמען.

— וואָס הייסט? און זײַן פוטער? און דאָס היטל? און די שטיוול? קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. איך בין פאַרקראָכן צו אים אין היטל, אין פוטער, אין די שטיוול און האָב אים גענומען סמאַליען!... ער דרייט זיך, קאָרטשעט זיך, טוליעט זיך אין פוטער און טראַכט זיך „איכל אקאָרשט מיט קיין גליד ניט אַ ריר טאָן: דאַן וועט אָפּשר דער פּראָסט צו מיר ניט צוקומען". אָבער ס'הייבט זיך ניט אָן! אָט דאָס האָב איך טאַקע געמיינט. איך האָב זיך צו אים אַזוי אַ נעם געטאָן, אַז ער איז אַרויס פון שליטן קוים אַ לעבעדיקער... נו, און דו? וואָס האָסטו עפּעס אויפגעטאָן מיט דײַן פּײַערל?

— אַך, ברודער, פּראָסט, רויטע נאָז! דו האָסט מיר גוט אָפּגעטאָן! איך האָב זיך גאָרניט פאַרגעשטעלט, מיט וועמען איך וועל האָבן צו טאָן. איך האָב געמיינט, איך וועל אים, דעם פּײַערל, פאַרפרירן — צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז ער האָט מיר אָנגעבראָכן די ביינער.

— ווי אַזוי קומט דאָס?

— אָט: ער איז געפאָרן, ווי דו האָסט מיסתּמא באַמערקט, נאָך האָלץ. אויפן וועג האָב איך אים אָנגעהויבן דורכצונעמען. אָבער ער שרעקט זיך ניט אָפּ. פאַרקערט, ער זידלט זיך נאָך:

„אַ, דו פּראָסט, אַזוינער און אַזוינער!"...

דאָס האָט מיך פאַרדראָסן. איך האָב אים גענומען נאָך מער קנײַפּן און שטעכן. אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט מײַן פאַרגעניגן. ער איז געקומען אויף אַן אָרט, איז אַרויסגעקראָכן פון שליטן און האָט זיך גענומען פאַר דער האַק. טראַכט איך זיך: „איצט איז די רעכטע צײַט אים דורכצופרירן!" און בין פאַרקראָכן צו אים אונטערן פעלצל און האָב אים אָנגעהויבן צו בײַסן. אָבער ער—ס'זאָל אים דאָס אַרן אַ האָר! ער פאָכעט מיט דער האַק אַזוי, אַז די שפּענדלעך פליִען אין אַלע זײַטן. אַ שווייס האָט פון אים אַרויסגעשלאָגן! איך פיל, עס איז שלעכט, איך וועל בײַ אים אונטערן פעלצל ניט אויסהאַלטן. צום סוף האָט פון אים אַזש גענומען שלאָגן אַ פּאַרע. דאַן האָב איך געזען וואָס גיכער זיך אָפּצוטראָגן. שטיי איך און קלער: וואָס זאָל איך דאָ טאָן? און דער פויער אַרבעט און אַרבעט. ס'איז אים גאָר הייס געוואָרן. איך טו אַ קוק—ער וואַרפט גאָר מיט אַ מאָל אַראָפּ פון זיך דאָס פעלצל. דאָ האָב איך זיך דערפרייט. „וואַרט, וואַרט!—טראַכט איך זיך—איך וועל דיר שוין ווײַזן, ווער איך בין!" דאָס פעלצל איז אין גאַנצן נאַס. נו, בין איך אין אים אַרײַנגעקראָכן. פאַרקליבן זיך אין אַלע זײַנע שפּעלטעלעך און האָב אים אַזוי דורכגעפראָרן, אַז ער איז געוואָרן ווי אַ קויש.

— נו, פּרוּוו אָקאָרשט זיך איצטער אָנטאָן!..

דער פויער האָט געענדיקט די אַרבעט און גענומען גיין צו זײַן פעלצל. מײַן האַרץ צאַפּלט זיך פאַר פרייד; איצט וועל איך דאָס אַ ביסל קלײַבן נַחַת!

דער פויער דערזעט דאָס פעלצל און הייבט דאָס מיך אָן צו זידלען.

—„זידל זיך, זידל זיך—טראַכט איך זיך—אָבער פּטור ווערן פון מיר וועסטו פאָרט ניטו" טרעף אָבער, וואָס ער האָט געטאָן!

ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ לאַנגן שטעקן און אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס פעלצל מיטן גאַנצן כּוח. קלאַפּט און הערט ניט אויף מיך צו זידלען. איך וויל שוין וואָס גיכער אַנטלויפן. האָב איך מיך אָבער אַזוי פאַרפּלאָנטערט אינעם וואָל פונעם פעלצל, אַז איך קאָן פון דאָרטן ניט אַרויסקריכן. און ער האַקט אָן אויפהער. קוים מיטן לעבן בין איך אַרויס פון זײַנע הענט. איך האָב געמיינט, ס'איז שוין אַ סוף צו מײַנע יאָרן. מײַנע בײנער טוען מיר נאָך איצטער ווײ...

ווינטערליד.

עס רוקט זיך דער ווינטער
אריבער דער וועלט
און שרעקט אָפּ דעם עולם
מיט ווינטן און קעלט.

און חיים דער סטאָלער
פאַר שרעק איז גאָר טויט:
ער האָט אין דעם זומער
פיל הײַזער געבויט.

געמאַכט זיי אי וואַרעם,
געמאַכט זיי אי פעסט,
עס זאָלן ניט האָבן
קיין שליטה די פרעסט.

פאַרריכטן זײַן הײַזל
האָט ער נאָר פאַרפעלט,
אַרײַנקומען זאָל ניט
די ביטערע קעלט.

דאָס דעכל אין לעכער
האָט ער ניט פאַרדעקט,
ער האָט ניט אפילו
די שפּאַלטן פאַרשטעקט.

אברהם רייזען.

ריין זאָל ווערן!

בײַ די פענצטער
זיץ איך, זיץ איך.
שיט זיך, שיט זיך,
שיט זיך, שיט זיך...

איז אין גאַס
אַזוינס געוואָרן —
ניט צו גיין
און ניט צו פאָרן.

דאָס היטל אויף די אויערן,
פאַצויגן גוט דעם פּאַס,
הײַדא מיט דער לאָפּעטע
אין גאַס אַרײַן, אין גאַס!

זאָל דער ווינט
אין פּנים שמײַסן,
זאָל דער ווינט
די פּאָלעס רײַסן.
ניין!

מירן גראָבן,
מירן שאָבן,
מירן שאַרן,
מירן קערן —
ריין זאָל ווערן,
ריין זאָל ווערן,
ריין!

מ. גוסיאַנסקי.

חנוכה־געלט.

טרעפט, קינדער, וואָסער יום־טוב איז דער בעסטער פון אלע ימים־טובים?—חנוכה.

אכט טאָג כּסדר ניט גיין אין חדר, עסן לאַטקעס מיט שמאַלץ, שפּילן אין דריידל און באַקומען פון אלע זייטן חנוכה־געלט—נו, באַדאַרף מען נאָך אַ בעסערן יום־טוב?

ווינטער. דרויסן איז קאַלט. דער פראָסט ברענט מיט סכּנות. די פענצטער זײַנען פאַרקאָוועט, באַדעקט מיט שניי, צעמאָלט אויפן שענסטן אַרט. און אין שטוב איז וואַרעם—מחיה נפשות. דאָס זילבערנע חנוכה־לעמפּל שטייט צוגעגרייט נאָך פון בײַ טאָג. דער טאַטע גייט אום איבערן שטוב די הענט אַרונטער און דאַווענט מעריב. אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה, נעמט ער אַרויס פון טישקעסטל אַ וועקסן ליכטל (דעם שמש), זאָגט „עלינו" און מאַכט צו אונדז (צו מיר מיט מיין יינגערן ברודער מאָטל) אויף לשון־קודש:

—אי, אָ, נו! ... אמי! ... אמי!

איך און מיין ברודער מאָטל לאָזן זיך לויפן ביידע איינס איבערן אַנדערן.

—מאַמע! גיכער! חנוכה־ליכטלעך!

—אוי, אַ מכּה איז מיר, חנוכה־ליכטלעך! — זאָגט די מאַמע און וואַרפט אַוועק אלע אַרבעט אין קיך (מע האָט געקוילעט גענדז, מע פּרעגלט שמאַלץ, מע האָט געראַשטשינעט לאַטקעס) און לאָזט זיך לויפן אין שטוב אַריין, און נאָך איר — ברײַנע די קעכין, אַ שוואַרצע יידינע מיט וואָנסן, מיט אַ פעט פּנים און מיט תּמיד פעטע אויסגעשמירטע הענט. די מאַמע שטעלט זיך אַוועק אָן אַ זייט און מאַכט אַ פרום פּנים, און ברײַנע די קעכין בלײַבט שטיין בײַ דער טיר, ווישט די הענט אינעם קויטיקן פאַרטעך, טוט אַ שמיר מיט דער פעטער האַנט איבער דער נאָז פון אונטן אַרויף און לאָזט איבער אַ שוואַרצן צייכן איבערן גאַנצן פּנים. מיר זײַנען שטאַרקער פון אײַזן, איך און מיין ברודער מאָטל, צו מיר האַלטן זיך אײַן און שיסן ניט אויס קיין געלעכטער.

דער טאַטע גייט צו מיטן אָנגעצונדענעם שמש צום חנוכה־לעמפּל, בייגט זיך אָן און מאַכט די ברכה מיטן באַקאַנטן ניגון: „ברוך אתה ד׳" און לאָזט אויס: „להדליק נר של חנוכה!"

די מאַמע ענטפערט מיט גרויס יראת־שמים: ברוך הוא וברוך שמו, אָמן,

און ברייגע שאָקלט צו מיטן קאָפּ און מאַכט בשעת מעשה אזעלכע פּיסקעס, אַז איך און מיין ברודער מאָטל האָבן מורא אַ קוק טאָן איינס איף דאָס אַנדערע.

„הנרות הללו שאָנו מדליקין" — זינגט דער טאַטע אונטער דער נאָז און שפּאַצירט אַרום הין און צוריק איבערן זאַל, קוקט אויפן חנוכה־לעמפּל, זאָגט און זאָגט און הערט גאָר ניט אויף צו זאָגן. מיר האָלטן ווען, עס זאָל שוין האָבן אַן עק, ער זאָל זיך שוין נעמען צו דער קעשענע, צום בייטעלע. מיר ווינקען זיך איבער, שטופּן אונטער איינס דאָס אַנדערע:

— מאָטל, גיי צו, זאָג אים חנוכה־געלט.

— וואָס עפּעס, איך זאָל זאָגן חנוכה־געלט?

— אַזוי, וואָרים דו ביסט קלענער, באַדאַרפסטו בעטן חנוכה־געלט.

—טאָמער פאַרקערט, דו ביסט עלטער, באַדאַרפסטו בעטן חנוכה־געלט!

דער טאַטע הערט גאַנץ גוט, אַז מיר ריידן פון חנוכה־געלט, נאָר ער מאַכט זיך, ווי ער הערט ניט. שטיל, ניט געכאַפּט, גייט ער צו צום טישקעסטל און ציילט געלט. עס גייט אונדז איבער אַ קליין פרעסטל איבערן לייב, עס ציטערן די הענט, עס קלאַפּט דאָס האַרץ. מיר קוקן אויף דער סטעליע, קראַצן זיך אונטער דער פּאה, מאַכן זיך, כלומרשט, קאַלטבלוטיק, גלייך ווי ניט אונדז מיינט מען.

דער טאַטע טוט אַ הוסט:— המ... קינדער, קומט נאָר אַהער.

— האַ? וואָס איז?

— נאַט אייך חנוכה־געלט.

באַקומען אונזער חנוכה־געלט, לאָזן מיר זיך גיין, איך און מיין ברודער מאָטל, פריער פּאַוואָלי, ווי די סטאַטיקעס, און נאָך דעם גיכער און גיכער, מיט אַ שפּרונג אונטער און מיט אַ טענצל, און ביז מיר קומען אין אונדזער חדרל אַריין, קאָנען מיר זיך ניט איינהאַלטן, קוליען זיך איבער דריי מאָל מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף, שפּרינגען איף איין פוס און זינגען אונטער:

איינגע ביינגע,
סטופּאַ ציינגע,
אַרצע באַרצע,
גאָלע שוואַרצע,
איימעלע ריימעלע,
בייגעלע פייגעלע, — האָפּ!

און פאַר גרויס שִׂמחָה און התפּעלות גיבן מיר זיך אַליין צו צוויי פּעטש אין די באַקן.

עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין דער פּעטער בעני.

— הָברָה פלעצל, אייך קומט חַנוּכָּה־געלט!

דער פּעטער בעני לייגט אַריין די הענט אין זשילעט־קעשענע, נעמט אַרויס צוויי זילבערנע גילדן און גיט אונדז חנוּכָּה־געלט.

ג.

קיינער אין דער וועלט וועט ניט זאָגן, אַז דער טאַטע און דער פּעטער בעני זיינען ברידער. דער טאַטע—אַ הויכע־, אַ דאַרער; דער פּעטער בעני — אַ קורצער, אַ גראָבער; דער טאַטע — אַ שוואַרצער, דער פּעטער בעני — אַ געלער; דער טאַטע — אַ מָרֶה־שחורָהדיקער, אַ שווייגער, דער פּעטער בעני — אַ פריילעכער, אַ רעדנער. טאָג מיט נאַכט, זומער און ווינטער — און דאָך אייגענע ברידער.

דער טאַטע נעמט אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר, צעווירעט אויף קעסטעלעך, שוואַרצע און ווייסע, הייסט אַריינטראָגן פון קיך פּאַסאָליעס, שוואַרצע און ווייסע — דאָס וועט זיין אַ דאָמינע.

די מאַמע איז אין קיך, פּרעגלט שמאַלץ און באַקט לאַטקעס. איך און מיין ברודער מאָטל שפּילן אין דריידל: נֵס גָדול הָיָה שָם. און דער טאַטע מיטן פּעטער בענין זעצן זיך אַוועק שפּילן אין דאָמינע.

— איין זאַך וועל איך דיך בעטן, בעני, בלא חַרָטָה ובלא דריי.

דאָס הייסט: אַ גאַנג זאָל זיין אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג — זאָגט דער פּעטער בעני און גייט אַ גאַנג.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג — זאָגט דער טאַטע און שלאָגט אָפּ דעם פּעטער בעניס אַ ציגל.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג — זאָגט דער פּעטער בעני און שלאָגט אָפּ דעם טאַטנס צוויי ציגלעך.

וואָס ווייטער־ווייטער לאָזן זיי זיך אַריין אין דער שפּיל אַלץ טיפער, קייַען בשַעַת מַעֲשֶׂה די בערד, טרייסלען מיט די פיס אונטערן טיש און זינגען שטילערהייט ביידע איין לידל.

— אוי, וואָס טוט מען, וואָס טוט, מען, וואָס טוט מען? — זאָגט

דער טאַטע מיט אַ ניגון פון דער גמָרָא און קייט אָן עק באָרד — זאָל איך גיין אַהער? ווּעט ער גיין אַהין. ווּעל איך גיין אַהין? ווּעט ער גיין אַהער. באַדאַרף מען בעסער גיין אַזאַ מין גאַנג.

— אַזאַ מין גאַנג, אַזאַ מין גאַנג — העלפט אים אונטער דער פּעטער בּעני מיטן זעלבּן נוסח.

— וואָס־זשע באַדאַרף איך מורא האָבּן? — זינגט דער טאַטע ווייטער. טאָמער שלאָגט ער מיר אָפּ יענץ ציגל? ווּעל איך ביי אים צונעמען צוויי ציגלעך. אַי, וואָס? טאָמער מיינט ער מיר שלאָגן דריי ציגלעך?

— דריי ציגלעך, דריי ציגלעך, דריי ציגלעך? — העלפט אים אונטער דער פּעטער בּעני.

— אוי, ביסטו אַ טיפּש, בּעני, אַ טיפּש און אַ גרויסער! — זאָגט דער טאַטע און גייט אַ גאַנג.

— בּיסט אַליין אַ טיפּש, מיין בּרודער, און נאָך אַ גרעסערער! — זאָגט דער פּעטער בּעני און גייט אַ גאַנג און פאַרכאַפּט זיך באַלד צוריק.

פּע, בּעני, מיר האָבּן דאָך גערעדט, אַ גאַנג איז אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע שוין אָן אַ ניגון און כאַפּט דעם פּעטער בּענין פאַר דער האַנט.

— אַ גוטער מָשל — זאָגט דער פּעטער בּעני — כָּל־זמַן איך האַלט אין מיטן אַ גאַנג, מעג איך גיין, וווּהין איך וויל.

— ניין! — זאָגט דער טאַטע — אַ גאַנג איז פאַרפאַלן! מיר האָבּן דאָך עפּעס געשמועסט, בּעני, בּלי חַרָטָה, בּעני, בּלא דריי;

— חַרָטָה — זאָגט דער פּעטער בּעני — וויפל מאָל מאַכט זיך, אַז דו האָסט חַרָטָה?

-· איך? — זאָגט דער טאַטע — ע, בּעני, דערפאַר האָב איך דאָך פיינט מיט דיר צו שפּילן אין דאָמינע!

— ווער־זשע בּייט דיך, זאָלסט מיט מיר שפּילן!

— שוין? מע קריגט זיך שוין אי‌בּער אַ פּאַסאָלקעלע? — רופט זיך אָן די מאַמע און קומט אָן פון קיך מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים, און נאָך איר — בריינע מיט אַ גרויסן פאַלומעסיק מיט הייסע לאַטקעס מיט שמאַלץ, פון די לאַטקעס זעצט אַ פּאַרע. אַלע לאָזן זיך צום טיש, איך און מיין בּרודער מאָטל, וואָס האָבּן זיך פריער אַביסל געקריגט, געריכן ווי די קעץ, בּעטן זיך גיך איבּער, ווערן שָלום און זעצן זיך צו די לאַטקעס מיט גרויס כַּוָנָה.

— אנו, מאָטל, לאָמיר זיך קאָרשט נעמען צו דער ארבעט, אויסרעכענען, וויפיל האָבן מיר אונדזער אייגנס חנוכּה־געלט? נאָר ווייסטו וואָס? דו שווייג, פריער וועל איך איבערציילן מײַנס, נאָך דעם וועסטו ציילן דיינס. און איך צייל: א קערבל מיט דריי צוואַנציקער, מיט פיר גילדן, מיט פינף גריוונעס, מיט זעקס פּיטאַקלעך, וויפיל מאַכט דאָס אין איינעם? אפּנים אַזוי גרויס ווי אַ קערבל מיט דריי צוואַנציקער, מיט פיר גילדן, מיט פינף גריוונעס, מיט זעקס פּיטאַקלעך...

מיין ברודער מאָטל וויל נישט וואַרטן, ביז איך וועל ענדיקן מיין חשבון און ער נעמט זיך צו זיינע קאַפּיטאַלן. ער לייגט פון איין האַנט אין דער אַנדערער און ציילט:

— א צוואַנציקער און א צוואַנציקער איז צוויי צוואַנציקער. און נאָך א צוואַנציקער איז דריי צוואַנציקער, און צוויי גילדן איז דריי צוואַנציקער, מיט צוויי גילדן, און אַ גריוונע און נאָך אַ גריוונע און נאָך א גריוונע. איז אין איינעם צוויי צוואַנציקער מיט דריי גילדן, מיין איך דריי גילדן מיט צוויי צוואַנציקער. טפו. וואָס רייד איך? מע באַדאַרף אָנהייבן נאָך א מאָל פון אָנהייב. און ער הייבט אָן נאָך א מאָל פון אָנהייב. מיר ציילן, און ציילן און קאָנען ניט איבערציילן; מיר רעכענען און רעכענען און קאָנען ניט אויסרעכענען. און אַז עס קומט צום פעטער משה־אהרונס אַלטע פּיטאַקעס, שווערע זעקסערס, אָפּגעריבענע דרייערס און אָנגעשוואָלענע גראָשנס, פּאַרפּלאָנטערן מיר זיך אַזוי שטאַרק אין חשבון, אַז מיר ווייסן שוין גאָרנישט, ווו מיר זיינען אין דער וועלט. מיר פּרוּוון זיך אויסבייטן די דאָזיקע מטבּעות ביי דער מאַמען, ביים טאַטן, ביי ברײנע די קעכין — עס גייט נים. קיינער וויל זיי ניט נעמען אין די הענט אַריין!

— וואָס איז דאָס פאַר א פּיטאַקעס? ווער האָט דאָס אייך אַריינגערוקט אַזאַ געלט?

מיר שעמען זיך אויסצוזאָגן און מאַכן א שווייג.

ביי נאַכט אויפן געלעגער ליג איך און איך טראַכט: וויפל קאָן זיך. אשטייגער. ביי מיר צונויפקלייבן, אַז אַלע פעטערס און אַלע מומעס מיט אַלע קרובים וועלן מיר געבן חנוכּה־געלט? ראשית חכמה דער פעטער משה־אהרון, דער מאַמעס ברודער, אַפילו זייער א קאַרגער, נאָר א גביר, נאָכדעם דער פעטער איצע און די מומע דבורה, וואָס דער טאַטע און די מאַמע זיינען מיט זיי ברוגז שוין פון כּמה וכּמה יאָרן. היינט דער פעטער בייניש און די מומע יענטע? היינט ווו איז

אונדזער שוועסטער איידל? און איר מאַן שָלום-זיידל? און אַלע איבעריקע קרובים?

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— וויפל מיינסטו וועט אונדז געבן דער פעטער משה-אַהרן השוכּה-געלט?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן, איך בין אַ נָביא?

אין אַ מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— עמעצער האָט אַזוי פיל פעטערס מיט אַזוי פיל מומעס ווי מיר?

— אָדער יאָ, אָדער ניין.

אין צוויי מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— ווי באַלד דו שלאָפסט, היינט ווי אַזוי רעדסטו מיט מיר?

— דו פרעגסט דאָך מיך, מוז איך דיר ענטפערן.

אין דריי מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— טססס — כילכולכיל — טססס...

מאָטל כראָפעט, כאָרכלט, פייפט מיט דער נאָז, און איך זעץ מיך אויף אויף מיין בעטל, נעם אַרויס מיין קערבל, גלעט דאָס, באַטראַכט דאָס. דאַכט זיך וואָס? — טראַכט איך מיר — אַ שטיקל פּאַפּיר, און וואָס קאָן מען דערפאַר ניט קויפן? צאַצקעס, מעסערלעך, שטעקעלעך, בייטעלעך, ניס און קאָנפעקטן און ראָזינקעס און באָקסערן, און וואָס ניט? איך באַהאַלט דאָס קערבל צוקאָפּנס אונטערן קישן. קומט אַריין ברײנע פון קיך מיט אַ פולן פּאָלומעסיק מיט קערבלעך... ברײנע גייט ניט, נאָר זי שוועבט אין דער לופטן, זינגט „הַנֵרוֹת הַלָלוּ שֶאָנוּ מַדליקין". און מאָטל שלינגט קערבלעך ווי די האַלישקעס. „מאָטל—שריי איך מיט אַלע כּוחות—גאָט איז מיט דיר, מאָטל, וואָס טוסטו? קערבלעך???

איך כאַפּ זיך אויף און שפּיי אויס דריי מאָל: „טפו—טפו—טפו!... אַ חָלום! און ווער אַנטשלאָפן.

שלום-עליכם.



דער שליטוועג.

דער שניי איז געגאַנגען צוויי טעג נאָך אַנאַנד,
אַ שליט־וועג—אַ חיות געוואָרן.
די פערדעלעך שטייען אין שליטן געשפּאַנט,
אַלץ גרייט שוין און פאַרטיק צום פאָרן.

אַי, פערדעלעך־חַיות! נו, זעץ זיך און פאָר:
מיט צאַצקעס געטאָקט איז דער שליטן.
צוויי פערד פון די זייטן—ווי הירשן אַ פּאָר,
אַ לעמפּערט, אַ לייב אין דער מיטן.

דער קוטשער, נעמט באַלד אַלע לייצעס אין האַנט,
„נו, קינדערלעך, לעבעדיק פריילעך!"
דעם שליטן כאַפּט אויף מיט אַ מאָל ווי אַ בראַנד...
שטיי, אייל זיך ניט, ווארט־ווארט, פּאַמעלעך!

ניין, ברודער, אומזיסט!... ווי אַ פויגל, אַ ווינט,
אַ פייל פונעם בויגן, אַ וויכער—
זיי לויפן, זיי שוועבן, זיי פליען געשווינד,
וואָס ווייטער אַלץ גיכער און גיכער.

דער וועג איז אין פעלד ווי אַ שפּיגעלע גלאַט,
די זון שיינט פון אַלע פיר זייטן,
דער קוטשער—אַ מַזיק, די פערדעלעך—זאַט,
די גלעקעלעך קלינגען פון ווייטן.

שמעון פרוג.

לאַנע.

איין מאָל אין דער פרי שטייען מיר אויף, שיט אַ גרויסער שניי אינדרויסן און ס׳בלאָזט אַ גרויסער ווינט. האָט זיך לאַנע, דאָס מיידעלע, וואָס דינט בײַ אונדז, אײַנגעוויקלט אין דער מאַמעס זשאַקעט, ארומגעבונדן זיך מיט אַ האַנטוך, אָנגעטאָן דעם טאַטנס שטיוועלעטן און הענטשקעס און איז אַוועק אין מיל אַרײַן נאָך מילך.

אַז איך האָב זיך אָנגעטאָן מיט אַלע זאַכן שוין גיין אין שול אַרײַן, האָט מיר די מאַמע געהייסן, איך זאָל זיך אויסטאָן צוריק און ניט גיין הײַנט אין ערגעץ. דערפאַר, זאָגט זי, וואָס מע האָט הײַנט געפונען אינדרויסן פאַרפרוירענע בערן.

— טאָ פאַר וואָס־זשע איז לאַנע אַוועק אין מיל אַרײַן? — פרעג איך זי.

האָט מיר די מאַמע געזאָגט, אַז דער מילנער האָט אַ ביקס, וועלן אַהין די בערן ניט קריכן.

נו, גוט. בין איך געבליבן אין שטוב און בין געלאָפן אַלע רגע צום פענצטער קוקן, צי לאַנע גייט שוין.

אין דרויסן איז געגאַנגען אַזאַ שניי מיט אַזאַ זאַווערוכע, אַז מע האָט גאָרנישט ניט געקענט זען, וואָרום דער שניי האָט זיך געדרייט איינס איבערן אַנדערן, אַזוי ווי מע גייט מיט עמעצן אַ טאַנץ.

די מאַמע האָט אַרײַנגעטראָגן אַ בערעם האָלץ פון שטאַל. פון שטאַל האָט זי אָנגעטראָגן אַ פולע שטוב מיט קאַלטן שניי אויף די שיך און אויף דער שאַל און אומעטום. זי האָט געטופעט מיט די פיס, האָט געכוקעט די הענט און געזאָגט, אַז אין דרויסן טוט זיך — הימל עפן זיך! זאָל כאָטש לאַנע גיכער קומען!

און צום מילנער דאַרף מען גיין מיט אַ גאָרטן, און פון דעם גאָרטן קריכט מען איבער נאָך אין אַ גאָרטן, און קיין הײַזער זײַנען דאָרט ניטאָ, קיין מענטשן זײַנען אויך ניטאָ, נאָר אַ סטעזשקע איז דאָרט דאָ אַ שמאָלע. איז זי איצט געוויס פאַרשאָטן מיט שניי.

אַלע טאָג, אַז איך גיי אין שול, עס איך נאָר איין מאָל אָנבײַסן. און אַ טאָג, וואָס איך גיי ניט אין שול אַרײַן, וויל איך אַלע ווײַלע עסן.

גיט מיר די מאַמע לאַטקעס מיט שמאַלץ, וויל איך ניט. גיט זי מיר מיט האָניק, וויל איך אויך ניט. איך וויל, זי זאָל מיר געבן אַ הויפן מאָן מיט אַ ציגעלע צוקער, וועל איך אויפקלאַפּן אין שטייסל, וועל צעפירן מיט וואַסער און אָנבראָקן אַהין ברויט, וועלן זײַן וואַרעניקעס.

די מאַמע גיט מיר און גייט אַוועק מיטן טאַטן.

* * *

איך האָב אַ קוק געטאָן אין פענצטער. טאָמער גייט שוין לאַנע, איז זי נאָך ניטאָ. און דער שניי שיט אַלץ. פאַר אונדזער שכנס שטוב האָבן זיך אָנגעמויערט גאַנצע בערג. אין פענצטער זע איך, אַז דעם שכנס בהמות ווילן ניט גיין צום ברונעם. די שכנה טרייבט זיי מיט אַ שטעקן — דרייען זיי מיט די קעפּ און קריכן ביזן בויך אין שניי אַריין.

מיר האָט זיך עפּעס ניט געגלוסט עסן מיין מאַן און ס׳איז מיר געווען קאַלט צו זיצן איינער אַליין אין שטוב. האָב איך גענומען און בין אַרויפגעקראָכן צו אונדז אויפן אויוון.

אויפן אויוון זיינען דאָ זייער אַ סך גלייכע שפּענדעלעך. האָב איך זיך געשפּילט אין ברונעמס און אין שטאַלן. איך האָב אויסגעבויט אַ סך שטאַלן מיט אַ סך ברונעמס. דערנאָך בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן אויפן אויוון. און לאַנע איז נאָך אַלץ ניט געקומען.

דערנאָך האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך בין אַראָפּגעפאַלן פון אונדזער קליינער סוכּהלע אויף דער ערד. איך האָב זיך זייער דערשראָקן, נאָר צום סוף האָב איך זיך ניט אָפּגעשלאָגן.

דערנאָך האָבן מיך דער טאַטע מיט דער מאַמען אויפגעוועקט, און זיי פרעגן מיך, וווּ איז לאַנע.

— לאַנע? — זאָג איך צו דער מאַמען — איך ווייס ניט, וווּ זי איז... לאַנע איז דאָך אַוועק צום מילנער נאָך מילך!

האָט די מאַמע פאַרבראָכן די הענט, האָט זיך אַ קרים געטאָן און איז אַוועקגעלאָפן צו דער טיר.

— זי גייט — זאָגט זי — שוין אין מיל אַריין!

האָב איך אָנגעטאָן אין דער גיך מיינע שטיוול מיט דעם פּאַלטאָ און בין אַוועקגעלאָפן נאָך דער מאַמען.

דער טאַטע האָט דערזען, אַז מיר זיינען ביידע אַוועק, האָט ער אויך אַוועקגעוואָרפן זיין ביסן פון האַנט, האָט פאַרלייגט אויף דער טיר די קליאַמקע און איז אַוועק נאָך אונדז. און מיר גייען אַלע אין מיל אַריין. דער ווינט האָט געקערט דעם שניי גלייך אונדז אין פּנים אַריין, און אין דרויסן איז געווען אַזוי ווייס און אַזוי ראַב, אַז מע האָט ניט געקענט האַלטן אָפן די אויגן.

אַז מיר זיינען אַריינגעקראָכן אין מיטן גאָרטן, איז דאָרט קיין סטעזשקע ניטאָ. גייען מיר ביז די קני אין שניי. און אַלע רגע שטעלן מיר זיך אָפּ און מיר קוקן, ווי אַזוי זאָלן מיר דורכגיין די אָנגעוואָרפענע בערג מיט שניי.

מיר איז געווען דער שניי ביזן בויך. האָט דער טאַטע מיך גע־נומען אויף די פּלייצעס און געשריען אויף מיר, וואָס איך פּלאָנטער זיך אומעטום פאַר די פיס.

* * *

אַז מיר זײַנען געקומען אין מיל אַרײַן, האָט זיך דאָרט געהייצט דער אויוון. די מילנערין האָט געבאַקן לאַטקעס, און דער מילנער מיט די זין זײַנען געזעסן און האָבן געגעסן.

אַז די מילנערין האָט אונדז דערזען, האָט זי אונדז אָנגעקוקט און זי זאָגט, אַז לאַנע איז אַוועקגעגאַנגען נאָך ווייס־איך־ווען, און זי האָט איר אָנגעגאָסן נאָר איין קוואָרט מילך.

און דערנאָך זאָגט די מילנערין:

— איך וועל אײַך זאָגן דעם אֶמֶת. איך ווייס טאַקע ניט, ווי אַזוי שיקט מען עס אַ קינד בײַ אַזאַ מעטעליצע אין עק וועלט אַרײַן.

אַז די מאַמע האָט עס דערהערט, איז זי געוואָרן ווייער בלייך און האָט איר גאָרניט געענטפערט. דער טאַטע איז אויך געוואָרן בלייך. האָט ער אָנגערוקט דאָס היטל איבער די אויערן. אים האָבן זיך, דוכט זיך, געשטעלט טרערן אין האַלדז, און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען:

— ריסל, לאָמיר דאָ ניט שטיין. מיר קענען נאָך דאָרטן אָנווערן אַ נֶפֶש.

איך האָב דערהערט דעם טאַטנס קול, האָב איך געמאַכט אַ געוויין און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— גיכער!—האָב איך גענומען שלעפּן די מאַמען פאַר דער שאַל,— מאַמע, גיכער!

דער טאַטע האָט אַ כאַפּ געטאָן בײַ דער מילנערקע אין הויז אַ לאָפּעטע און איז אַוועקגעלאָפן אַפריער.

דער מילנער האָט אויף אונדז קוקנדיק אַ שמייכל געטאָן די הייסע־לאַטקע און האָט אויך געמאַכט אַ גוואַלד.

— יידן, — שרײַט ער, — קומט, לאָמיר גיין ראַטעווען אַ נֶפֶש!

דער מילנער האָט אַוועקגעשיקט די זין איבערן שליאַך. האָבן זיי אָנגעטריבן אַ סך מענטשן מיט לאָפּעטעס, און אַלע שרײַען איינער צום אַנדערן:

— יידן, שטייט ניט! יידן, מע דאַרף גיין ראַטעווען דעם נֶפֶש!

און דער מילנער האָט נאָך אַראָפּגענומען בײדע הינט פון די קייטן און איז אָנגעקומען צו אונדז אויפן גאָרטן. מיר גייען אום מיט די לאָפּעטעס און ווייסן ניט ווו צו אָנהייבן פריער שאַרן.

די פעלדער פון יענער זײַט גאָרטן זײַנען אומעטום פאַרשאָטן מיט בערג שניי. ווו מע גיט אַ קוק מיטן אויג, איז אומעטום זייער ווײַס.

איך וויל ניט גלויבן, אַז לאַנגע האָט זיך ערגעץ אַנידערגעזעצט אין שניי און זיצט. װאָס װעט זי עפּעס זיצן אין שניי?

דער שניי טראָגט. די מאַמע וויינט. די מילנערקע ברעכט די הענט, און די יידן מיט די לאַנגע פּאָלעס שרײַען און זיי פרעגן אַלע רגע:

– עפּעס אַ גרויס מיידעלע?

– וועמעס איז דאָס מיידעלע, האַ?

– וויפל איז זי אַלט?–אײַ! אײַ! אײַ!

די יידן, וואַרפן מיט די לאָפּעטעס דעם שניי. דער מילנער מיט זײַנע גרויסע שטיוול לויפט אום מיט די הינט איבערן גאָרטן, און די הינט שאַרן און שמעקן, נאָר האַוקען װילן זיי ניט. זיי ריידן נאָר אינעווייניק אין זיך.

בײַ מיר זײַנען צעפרוירן געוואָרן די הענט מיט די פיס.

די יידן שלעפּן די לאַנגע פּאָלעס פון שניי און שאַרן ווײַטער.

זאָגט דער מילנער צו מײַן טאַטן:

– פּאָלגט מיך, ייד, – זאָגט ער – איך זאָג אײַך, אַז זי איז אַראָפּ פון סטעזשקע. זי מוז ליגן אין טאָל ערגעץ אַ פאַרשאָטענע מיט שניי.

דערמאָן איך זיך, אַז זומער איז טאַקע דאָ בײַ דער זײַט לעבן די פּלויטן פאַראַן אַ גרויסער טאָל, און איצט איז ניטאָ קיין טאָל–ס'זײַנען נאָר דאָ בערג.

די יידן יאָדען ווײַטער די מאַמען, און זיי פרעגן זי אויס:

– זי האָט כאָטש געהאַט בײַ דיר שטיוועלעך, האָט זי כאָטש געהאַט?

– דו האָסט איר כאָטש אויפגענייט אַ בורנעסל?

די מאַמע שעמט זיך זייער פאַר די יידן, וויינט זי.

און די מילנערקע גיט נאָך צו:

– איך וועל אײַך זאָגן דעם אֶמֶת, – זאָגט זי, די מילנערקע, – װער וואָלט זיך טאַקע ריכטן אויף אַזאַ גוט הארץ (דאָס מיינט זי מײַן מאַמע), אַז זי זאָל שיקן אַ קינד אין עק וועלט אַ נאַקעטע און אַ באָרוועסע?

– אַ צאָרן האָט מיך אַ גרויסער אײַנגעשלאָגן!–זאָגט שוין די מאַמע, – זי איז ניט געגאַנגען קיין באָרוועסע, זי איז געגאַנגען אין מײַן מאַנס שטיוועלעטן. אַ שלאַק האָט מיך געטראָפן! – זאָגט ווײַטער די מאַמע, – עס נייען זיך דאָך איר שטיוועלעך בײַ הערשל דעם געלן, שטיוועלעך שיינע אַזוי ווי גאָלד.

דערווײַל האָבן דעם מילנערס הינט געגומען בילן לעבן סאַמע פּלויט. האָבן דעם מילנערס זין זיך אַ וואָרף געטאָן אַהין שאַרן, און די ייִדן האָבן אַלע גענומען לויפן אַהינצו. מע לויפט און מע פּאַלט. דער טאַטע האָט אַרויסגעשאַרט אַ שטיוועלעט, אַן אײַנגעקאַ־טשעטן אין שניי. קוקט ער אויף אים און קוקט און דערקענט, אַז עס איז טאַקע זײַנער אַן אַלטער שטיוועלעט. האָבן שוין די ייִדן אַוועק־געוואָרפן די לאָפּעטעס און גענומען שאַרן מיט די הענט.

— ס׳איז זי, ס׳איז זי! — שרײַט דער מילנער.

און די ייִדן פרעגן נאָך: — טאַקע? ווײַזט נאָר אַ קוק טאָן!

דער מילנער האָט אַרויפגעכאַפּט לאַנען אַ טויטע צו זיך אויף די הענט. מיט איין שטיוועלעט איז זי געגאַנגען, דאָס קריגל מיט דער מילך האָט זיך איר אַרויסגעגליטשט אין שניי אַרײַן. און מע איז אַוועק.

ער לויפט מיט לאַנען צו אונדז אַהיים. ער לויפט, און אַלע ייִדן לויפן אים נאָך מיט די לאָפּעטעס.

— אין שטוב ניט! אין שטוב ניט! — שרײַען די ייִדן — אויף דער קעלט דאַרף מען!

און מע האָט אויסגעטאָן פון לאַנען אַלע זאַכן, מע האָט זי אַנידער־געלייגט אין הויז אויפן טיש און זי גענומען רײַבן מיט שניי.

די גאַנצע שטאָט איז אָנגעלאָפן צו אונדז אין שטוב אַרײַן. הערשל דער גלעזער איז אינמיסטן געקומען צו לויפן מיט לאַנעס נײַע צווייי שטיוועלעטן. די טירן זײַנען בײַ אונדז אָפן אַזוי ווי אין אַ שטאַל. אַלע שטופּן זיך און קוקן אויף לאַנען, ווי אַזוי מע האַלט זי אַ נאַקעטע און מע רײַבט זי מיט שניי. אַ סך ווײַבער פּאָרען זיך דאָרטן, און דער מילנער סטאַרעט זיך מער פאַר איטלעכן.

— נאָך שניי! — בעטן די ווײַבער.

און דער מילנער שרײַט:

— נאָך שניי גיט אַהער! גזלנים, וואָס שטייט איר?!

— זי דערוואַרעמט זיך, — שרײַען די ווײַבער. און דער מילנער שרײַט: — ווי דען האָט איר געמיינט, גענדז!

— ס׳זײַנען שוין בײַ איר לעבעדיקע הענט, — טענהן די ווײַבער — גיט נאָך שניי!

מײַן טאַטע שלעפּט שניי מיט אַן עמער, און די מאַמע שטייט מיט אַלעמען און מינטערט לאַנען.

— מע לייגט צו אַ ביסל אַ האַנט — שרײַט דער מילנער — אַט אַזוי

— ס׳לעבעדיק בלוט, — גוואַלדעוועט די ווײַבער, — זי זאָל שוין מער טאַקע פון קיין שלעכטס ניט וויסן, זי איז שוין אין גאַנצן אַ לעבע־דיקע, זי זאָל שוין נאָר עפענען די אויגן.

האָבן זיך אַלע, די גאַנצע שטאָט, אַ שפּאַר געטאָן צום טיש אַ קוק טאָן, ווי אַזוי לאַנע וועט באַלד עפענען די אויגן.

איך האָב אויך געוואָלט אַ קוק טאָן, נאָר מע האָט מיך צוגעשטופּט צו דער סאַמע וואַנט און מיך פאַרקוועטשט. האָב איך געמאַכט אַ געוויין. נעמט לאַנע און טוט זיך פּלוצים אַ דריי. זי זעצט זיך אונטער אויפן טיש ביז האַלב און זי רופט זיך אָן:

— ווו ווײַנט ער עס, פערטשאָ?

און זי האָט צוריק פאַרמאַכט די אויגן.

האָבן זיך אַלע זייער דערשראָקן און דערפרייט.

— פון טויט לעבן געבליבן,—שרײַען זיי—פון טויט לעבן געבליבן!

האָט דער מילנער צענומען זײַנע לאַנגע הענט און אָפּגעשטופּט אַלע יידן אויף צוריק.

— גענוג אײַך גראַגערן דאָ! — זאָגט ער.

און ער האָט אויסגעטאָן זײַן פעלצל און אַרײַנגענומען לאַנען אין פעלץ אַרײַן און איז אוועק מיט איר אין שטוב.

— ריסל — האָט דער מילנער אויסגעשריען צו מײַן מאַמען פאַרן אוועקגיין — אַ קוגל זאָלסטו מאַכן הײַנטיקן שבּת, אַז ס׳זאָל טרישטשען!

— אַוודאי וועלן מיר שטעלן, אַוודאי — האָט זיך די מאַמע גע־פרייט און געדאַנקט די יידן.

* * *

אויף דער נאַכט איז לאַנע געלעגן אין דער מאַמעס בעט אַזוי ווי אַ פריצטע. מיר האָבן צוגערוקט דעם טיש נעענטער און געגעסן לעבן איר וועטשערע. און זי האָט אונדז דערציילט, אַז סך־הכל האָט איר אפילו גאָרניט ווי געטאָן.

— איר מיינט — זאָגט זי — ס׳האָט מיר עפּעס וויי געטאָן? ס׳האָט מיר גאָרניט ניט וויי געטאָן. איך האָב געהאַלטן דאָס קריגעלע שטאַרק, איך זאָל ניט צעגיסן די מילך... ניין — זאָגט זי — פריער האָב איך אײַנגעלאָזן אין שניי דעם באַלעבאָס׳ שטיוועלעט און דערנאָך האָב איך זיך אַרײַנגערוקט אין טאָל אַרײַן... ניין, ניין, ס׳ניט אַזוי — זאָגט זי שוין ווײַטער — פריער איז מיר געווען זייער קאַלט, און איך האָב ניט

געזען איבערן ווינט די וועלט. ס׳זײַנען מיר זייער פאַרגאַנגען שפּאַרעס אין די הענט און אין די פיס, האָב איך געוויינט. דערנאָך בין איך פאַרקראָכן זייער טיף אין שניי און ניט געקענט אַרויסשלעפּן דעם באַלעבאָס׳ שטיוועלעט. האָב איך זיך צוגעזעצט און בין אַביסל געזעסן. איז מיר געוואָרן גרינגער און גרינגער. דערנאָך האָט זיך מיר אויס־געדוכט, אַז נינאַ דעם גלָחס שפּילט זיך מיט מיר. און ס׳שטעכט מיר אין די פיס און אין די זײַטן, און מײַנע שוועסטער יענטע מיט כאַשקען זײַנען געקומען צו אונדז אַהיים אויף חנוכּה. ס׳הייצט זיך בײַ אונדז אין אויוון און ס׳ברענען דעם גלָחס לאָמפּן אַזוי ליכטיק, אַז ס׳איז אַ מחיה.

אַז לאַנע איז געזונט געוואָרן, האָט די מאַמע שוין זי ניט געשיקט קיין ווײַטע גענג. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי איז שוין אונדזער מיידעלע. איך זאָל זי אויסלערנען שרײַבן, וועט לאַנע גיין מיט מיר איבער אַ יאָר אין שול.

פלעגט זי שוין נאָר טאָן אין שטוב אַלצדינג, און איך פלעג איר קויפן אַלע מאָל פאַר מײַן געלט אַ העפט און זי לערנען שרײַבן.

איין מאָל, אַז איך בין געקומען פון שול, ווײַזט מיר לאַנע, אַז זי האָט שוין פאַרשריבן אַ גאַנץ פערטל פּאַפּיר. לאַנע האָט געוואָלט, איך זאָל איבערלייענען אין דער הייך יעדעס וואָרט, וועט זי הערן.

האָב איך געלייענט:

וואַזוי דער זומער מיטן ווינטער האָבן זיך געקריגט צווישן זיך זאָגט דער ווינטער צום זומער זומערזומער וואָס טוסטו מאַכן אַזעלכע איצן די יאַרעמעלײַט וועלן דיר דײַנע ביינער פאַרשמיצן מאַכט דער זומער צוריק צום ווינטער ווינטערווינטער וואָס טוסטו מאַכן אַזעלכע קעלטן די יאָרעמעלײַט וועלן דיר דײַנע ביינער פאַרשעלטן

און אַן עק.

אין אָוונט.

ווינטער־אָוונט, — שטיל און רויִק
איז אין אונדזער הויז.
ביי דעם אויוון זיצט די באָבע,
האַלט מיך אויף איר שויס.

מיט אַן אומעטיקן שמייכל
קוקט זי אויפן פלאַם
און דערציילט מיר, ווי אַ פויגל
האָב געלעבט ביים יָם.

ווי אַ שיף איז צוגעשוווּמען
צו אַן אינדזל ווײַט,
ווו געלערנט האָבן תּוֹרָה
זיבן אַלטע לייט.

ווי אַ וואָרף געטאָן דער מֶלֶך
האָט זיין רינג פון גאָלד,
נאָר דאָס קינד צום אָפּגאָט בוקן
האָט זיך ניט געוואָלט.

ווי אַ בעטלער איז געקומען
צו אַ גוטן ייד...
אָדער גאָר זי הייבט אָן זינגען
שטילערהייט אַ ליד:

ווי געפלויגן איז אַ פּאַווע
איבער גרינעם וואַלד,
ווי די כאַפּערס פלעגן כאַפּן
קינדערלעך מיט גוואַלד.

און איך הער זיך צו פאַרכּישופט
צו דער באָבעס רייד,
און פון מיינע אויגן פאַלן
טרערן שטילערהייט.

קיינער איז ניטאָ אין צימער —
מער ניט מיר באַנאַנד
און די טאַנצנדיקע שאָטנס
אויף דער ווייסער וואַנט.

גמום

אויפן גליטש.

אַז דער טאָג איז פריש און ליכטיק,
אַז דער שניי איז קלאָר און ציכטיק,
אַז דאָס אַמז איז ווי אַ שפּיגל —
איז אַ גרויסער פאַרגעניגן
אויף די גליטשערס זיך אַ טראָג טאָן,
אויפן גלאַטן אַײַז אַ יאָג טאָן!

קונצן קונציקע צו ווײַזן,
מאַכן „שוועלבעלעך“ און קרײַזן,
מיט די הענט אַזוי צו פאָכן,
אַז די בלוטן זאָלן קאָכן.

אַז דאָס הארץ זאָל גיכער קלאַפּן,
אַז דער אָטעם זאָל פאַרכאַפּן,
אַז די באַקן זאָלן פלאַמען —
איך האָב ליב אַ גליטש אַזאַ מין!

ב. גוטיאַנסקי.

אין שנײ בײַ נאַכט.

אַ קאַלטער ווינט פון צָפון־זײַט
האָט אָנגעהויבן בלאָזן;
מײַן טרייער פערד האָט מיד צום שנײ
דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן.

די זײַטן אײַנגעפאַלן טיף,
די גאַנצע פעל פאַרפראָרן,
ווער ווייס, צי וועלן מיר נאָך הײַנט
אין ערגעץ ווו פאַרפאָרן?

אַלץ פינצטערער און פינצטערער.
דער שנײ מיט גלאָז פאַרצויגן.
איך גײ צופוס מײַן שליטן נאָך
מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן.

ב. לעווין



אַ דאָרף, אַ דאָרף!

אַ ביסל געשטאַנען. גענוג,
פערד מײַנס געטרייער,
מיר מוזן דאָך קומען אין דאָרף
צו מענטשן, צו פייער!

עס זיצן נאָך אַלע אין דאָרף
די טויערן—אָפן,
מע גרייט אונדז געטראַנקען און שפּײַז
געלעגער צו שלאָפן.

מע זעט שוין,מע זעט שוין דאָס דאָרף
מיט לויכטנדע שויבן.
דו זײַ נאָר ניט מיד, נעם זיך מוט
דײַן קאָפּ אויפצוהויבן.

מע ברענגט פאַר דיר האָבער און היי,
די בעסטע פון שייער..
העי. פערד מײַנס, אַ טראָט און אַ פלי
צו מענטשן, צו פייער!

ב. לעווין

דער פעטער שנייער.

אזא קינדער־שפּיל.

אַ שטיקל שיטערער וואַלד. צווישן פיר שניי־באַדעקטע דינע ביימלעך שטייט אַ הויכער ווייסער קיניגשטול איבערגעדעקט מיט ווייסע פעלן. דער שטול שטייט אויף אַ דערהויבונג, צו וועלכער עס פירן עטלעכע טרעפּלעך. אויף די דאָזיקע טרעפּלעך — פון ביידע זייטן — שטייען קראָען־פּאָרלעך און פּאַכן מיט די שוואַרצע פליגלען.

ד ע ר פ ע ט ע ר ש נ יי ע ר — אַן איינגעהויקערטער אַלטיטשקער. זיין באָרד און די האָר פון קאָפּ ציען זיך ביז צו דער ערד. האָט אַ שאַרף דין קעלעכל.

ד י ר אָ ב ן.

מֶ אֶ י ר ל ק ו נ ד ע ס.

ה ע ז ע ל ע ־ נ ע ז ע ל ע — אַרום און אַרום אַ ווייסינקער.

ז י ל ב ע ר נ ע ג ל ע ק ע ל ע ך.

ד י ו ו י נ ט ע ר ו ו י נ ט ן.

ד י ו ו י נ ט ע ר ־ ו ו י נ ט ן:
(ניט געזעענע זינגען:)

וו — וו — וו — וו —
איז ניטאָ קיין שנייען?
וו — וו — וו — וו —
וועלן מיר פאַרוויייען...

וו — וו — וו — וו —
האָבן מיר פאַרמיטן?..
וו — וו — וו — וו —
וועלן מיר פאַרשיטן...

וו — וו — וו — וו —
זיינען שוואַרצע פלעקן?
וו — וו — וו — וו —
וועלן מיר זיי פאַרדעקן...

וו — וו — וו — וו —
שוואַרצקייט דורכגעלאָזן?
וו — וו — וו — וו —
דאַרפן מיר פאַרבלאָזן?

ד י ר אָ ב ן: (הייבן זיך אָן צו באַוועגן פון אָרט און צו פּאַטשן מיט די פליגלען).

ד י ר אָ ב ן:
קראַקע — קראַקע — קראַקערײ!
ס׳קומט שוין אָן דער ווינטער
מיט אַ פראָסט־געקנאַקערײ,
ווייסע זיידן שפינט ער.
קראַ — קראַ — קראַ!

קראַקע — קראַקע — קראַקערײ,
זאַווערוכע־דרייער!
באַלד וועט זיין אַ קלינגערײ:
ס׳פאָרט דער פעטער שנייער!
קראַ — קראַ — קראַ —

(עס ווערט אַ ווײלע שטיל. עס הערט זיך אַ ווייטער סקריפּען פון אַ שליטן — און עס שפּרינגען אַרויס — פאַר די הענט גענומען — אַ מַתָּנָה זילבערנע גלעקעלעך).

ד י ז י ל ב ע ר נ ע ג ל ע ק ע ל ע ך:
(זינגען און טאַנצן).

ס׳פאָרט דער פעטער שנייער!
קלינגען מיר אַפריער —
קלינגען מיר און זינגען מיר,
פאַר דעם שליטן שפּרינגען מיר,
קלינגען מיר אַפריער:

(צוזאנג)

דין — גין — דאָן,
דין — גין — דאָן,
שניי צו פאַלן
הייבט שוין אָן,
דין — גין — דאָן,
דין — גין — דאָן,
לאָמיר איצטער
אונדזערס טאָן!
דין — גין — דאָן,
דין — גין — דאָן,
ס'שיט זיך שניי,
ווי ווייסער מאָן!

ס'פאָרט דער אַלטער פעטער
און מיט שנייען גלעט ער,
מיט די ווייסע בלעטעלעך
דערפלעלעך און שטעטעלעך
מיט די שנייען גלעט ער.

(צוזאנג).

אין אַ סויבל־היטל
זיצט ער אויף זיין שליטל,
אויף זיין זילבער שליטעלע,
פאָכעט מיט אַ ריטעלע,
מיט אַ פראָסטיק ריטל!

(צוזאנג).

די ווינטן: (נישט געזעענע).

ווו — ווו — ווו — ווו —
דאַרף מען עס פאַרקערן?
ווו — ווו — ווו — ווו —
ווו איז דיין באַגערן?

פעטער שנייער:

(ניט געזעענערהייט).

נו — נו — נו — נו —
וואָס זייט איר פאַרצאָרנט!
נו — נו — נו — נו —
פאָרנט — פאָרן — פאָרנט!

די ווינטן:

ווו — ווו — ווו — ווו!
ווי דער האַר וועט וועלן!
ווו — ווו — ווו — ווו —
ווו דו וועסט באַפעלן...

פעטער שנייער:

נו — נו — נו — נו —
טוט ווי מיר ט'געפעלן!

(פאָרט אַריין אויף אַ נישט געשפאַנטן הויכן שליטן. שטעלט אים אָפּ).

טפרו — פרו — פרו — פרו!
דאָ וועל איך זיך שטעלן!

(גייט אַראָפּ פון שליטן און ווענדעט זיך אין דער ריכטונג פונעם קיניגשטול — באַגעגענען אים די ראָבן).

די ראָבן:

קראַקע — קראַקע — קראַקעריי!
גוטן ווינטער, פעטער!
פעטער שנייער — הלוואַי
זיין זאָלסטו אַ בעטער!
קראַ — קראַ — קראַ!

קראַקע — קראַקע — קראַקעריי!
זאָלסטו לאַנג אונדז ווייען
און די ערד אונדז אויף דאָס ניי
אויסבעטן מיט שנייען!

פעטער שנייער:

סיי ווי סיי! אוי, סיי ווי סיי!
טו איך אַלץ וואָס מיגלעך:
אויפגעוויגט די וואָלקנס פריי
האָב איך אין די וויגלעך...

כ'האָב געטאָן אַ טרייסל זיי —
איז עס מיר געראָטן,
איז אַרויס אַ ווייסער שניי
און אַהער געשאָטן!
אָנגעשאָטן איבער ברעג,
אויסגעשיט אין גאַנצן,
טוען איצט אויף יעדן וועג
שניי־בריליאַנטן גלאַנצן...

(עס לויפן אַריין די זילבערנע גלעקלעך און, ווען דער פעטער שנייער זעצט זיך אויף זיין שטול, טאַנצן זיי פאַר אים).

די זילבערנע גלעקעלעך:

דין — גין — דאָן!
דין — גין — דאָן —
שניי צו פאַלן
הייבט שוין אָן!
דין — גין — דאָן,
דין — גין — דאָן,
ס'שיט זיך שניי
ווי ווייסער מאָן!
דין — גין — דאָן!
דין — גין — דאָן!
לאָמיר איצטער
אונדזערס טאָן!

דער פעטער שנייער:

כ'זיץ שוין, זעט איר, אויבנאָן.
וואָס'ט איר מיר דערציילן?
בין איך איצט אַ פאָן־באַראָן,
כ'טו דעם שניי צעטיילן...
אוצרות גאַנצע האָב איך שניי,
איך — דער פעטער שנייער.
כ'צייל ניט קיין מאָל איינס און צוויי,
כ'מעסט ניט פאַר אַ צווייער.
זייער בין איך אויפגעלייגט!
איר זשע זיינט צעטראָגן —
וואָס'ט איר זיך פאַר מיר פאַרנייגט?
וואָס זשע ווילט איר זאָגן?

די זילבערנע גלעקעלעך:

האָבן מיר געשפרונגען,
האָבן מיר געקלונגען...
זעען מיר אַ קליינינקער,
זעען מיר אַ שיינינקער
העזל איז געשפרונגען...

(צוזאַנג).

און נאָך אים אַן אָטעם
נאָכגעלאָפן האָט אים
אַרויסגעשטעקט דאָס צינגעלע
אַ יינגעלע, אַ יינגעלע
נאָכגעלאָפן האָט אים...

(צוזאַנג)

האָבן מיר זיי ביידן
אין דעם שניי־גן־עדן
אָט מיט אונדזער קלינגעלען
העזעלען און יינגעלען
דאָ געבראַכט זיי ביידן! (צוזאַנג).

דער פעטער שנייער

(שטייט אויף).

פירט אַריין די צוויי פאַרשוינען —
וועל איך ביידן זיי באַלוינען!

(די זילבער־גלעקעלעך לויפן אַרויס און ברענגען אַריין מַאירקען און העזעלען. העזעלע ציט זיך דערשראָקן אויף צוריק און באַוועגט מיט די לאַנגע אויערן. מַאירקע קונדעס גייט צו דרייסט צום פעטער שנייערס שטול).

פעטער שנייער:

דאָס אָט זיינען זיי די צוויי?...

מַאירקע:

כ'האָב דאָס גליק זיך פאָרצושטעלן,
ווי איך שטיי איצט, ווי איך גיי!
און איך האָף — איך וועל געפעלן
אייער דורכלויכט, אייך דעם העלן...

פעטער שנייער:

כ'בין דער הערשער פונם שניי!
הייסן הייס איך פעטער שנייער,
און נאָר ווינטער־צייט איך גיי...

מַאירקע:

איך זשע, זעט איר, הייס ר' מַאיר,
כ'בין אַ גרויסער קונדעס זייער!

פעטער שנייער:

וויי איז מיר! אוי וויי! אוי וויי!
ביסטו, הייסט עס, יענער שייגעץ,
וואָס קאַטאָוועסן נאָר מאַכט,
וואָס ער מאַכט פון שניי אַ שניי־געץ...
אַך, דו שטיפער! אַך, דו שייגעץ!

מַאירקע:

זייט ניט, פעטער, אויפגעבראַכט.

פעטער שנייער:

וואָס אַזוינס איז דען געווען,
וואָס אַזוינס האָט דען פאַסירט?

תעזעלע־נעזעלע:
קוים אַרויס פון אים גענעזן!

מַאירקע:
העזל מאַכט פון אַלץ אַ וועזן!..

העזעלע־נעזעלע:
מַאירקע האָט מיך פאַרפּירט...
איך האָב אים מְסַתּם געפאַלן,
האָט ער מיך צו זיך געפירט
און געוואָלט די האָר מיר גאָלן
און אין נעזל מיר געשנאָלן...
האָב איך דעמאָלט שיר קראַפּירט...

מַאירקע:
ס׳איז אַ ליגן! ס׳איז אַ ליגן!
ס׳איז אין גאַנצן אויסגעטראַכט!
כ׳האָב געזען אין שניי אים ליגן —
כ׳האָב געוואָלט זיין פעלכל קריגן...
כ׳וואָלט אַ היטל זיך געמאַכט!

די ראָבן:
קראַקע — קראַקע — קראַקערײ!
קראַקע! ס׳אַראַ נייע נייסן!
טאַקע? איינס און צוויי און דריי —
דאַרף מען אים אַריינצושמייסן!
קראַ — קראַ — קראַ!

די זילבערנע גלעקעלעך.
פּעטער, פּעטער שנייער!
גיב אַ טראַכט אַפּריער!
איידער וועסט אים פּסק׳ענען
מיטן פּאַסיק פּאַסקענען.
פּעטער, פּעטער שנייער!

(צוזאַנג).

העזעלע־נעזעלע.
איך בין העזל פלינקער שפּרינגער,
וואָלט איך אָסור זיך געלאָזן,
כ׳וואָלט אים וויַיזן, ווי די האָזן —
נאָר אַ כאַפּ מיט פינף מיט פינגער!
כ׳וואָלט אים וויַיזן האָזן־אופן...
ער זאָל האָבן צו געדענקען...
זאָל אים פּעטער שנייער שענקען...
איך בין מוחל — זאָל ער לויפן...

מַאירקע:
זעט נאָר! זעט נאָר! ס׳אַר אַ גבור!
ס׳אַר אַ פּיסקל ס׳אַר אַ זיסער!
כאַ — כאַ — כאַ! אַ פלאָקנשיסער!
גומל בענטש, וואָס כ׳לאָז דיר איבער!
ליבער טראָג זיך אָפּעט גיכער —
גיי אַוועק פון מיינע אויגן!
שנעלער, גיכער — אָפּגעצויגן!
ווייל איך בין... מיט זיך ניט זיכער!..

פּעטער שנייער:
(הייבט אויף זיין ריטל).

שאַט! גענוג זיך שוין צו קריגן!
לויפט אַוועק געזונטערהייט!
אינעם שניי— אַ פאַרגעניגן!
נו, שוין! נו, שוין! גייט שוין, גייט!
האָט איר שניי — וואָס דאַרף מען מערער?
ס׳אַר אַ ווייסקייט! ס׳אַר אַ פרייד!
דאַרף מען ליכטיקער און קלערער!
נו, שוין! נו, שוין! גייט שוין, גייט!

מַאירקע און העזעלע:

שיינעם דאַנק אייך, ליבער פּעטער!
אמת, איר זייט דער גערעכטער!
קיינער איז פון אונדז קיין שלעכטער!
האָט אַ גוטן שליטוועגס, פּעטער!
און אַ ליכטיק־לינדן וועטער...
פּעטער שנייער, שיט די שנייען!
אָט מיר לויפן! אָט מיר גייען!
שיינעם דאַנק אייך, ליבער פּעטער!

(ביידע צעקושן זיך און לויפן אַוועק אין פאַרשיידענע זייטן. דער פּעטער שנייער נעמט אַרויס פון זיינע קעשענעס הויפנס שניי און שיט פון אַלע פיר זייטן, דערנאָך זעצט ער זיך אַריין אין זיין שליטן, און די אומזיכטבאַרע ווינטן הייבן אָן):

די ווינטן:
ווו — ווו — ווו — ווו —
ווּיל דער האַר איצט פאָרן?

ד ע ר פ ע ט ע ר ש נ י י ע ר:
(שוין אין שליטן).
נו — נו — נו — נו —
אינעם שניי דעם קלאָרן...
(ד י ג ל ע ק ע ל ע ך הייבן אָן צו קלינגען און צו זינגען זייער צוזאַנג, און טאַנצנדיק פאַרשווינדן זיי).

ד י ווי נ ט ן:
ווו — ווו — ווו — ווו —
ווו אַצינדערט יאָגן?
ד ע ר פ ע ט ע ר ש נ י י ע ר:
נו — נו — נו — נו —
שפּעטער וועל איך זאָגן׳
נו!

די קינדער זיינען אַנגעלאָפן...

די קינדער זיינען אָנגעלאָפן פון דער גאַס
מיט פייכטע לאָקן און צעבליצטע אויגן;
מיט זיי צוזאַמען איז אַ גרויסע ליבע פרייד
פון דרויסן אינעם צימער אָנגעפלויגן.

די בעקלעך גליען ווי די עפּל קאַלט און רויט,
די שטאָלענע און בלאַנקע גליטשערס קלינגען,
געשווינטע פיסלעך טראַמפּלען אויפן דיל,
איין קעלכל וויל דאָס צווייטע איבערזינגען.

עס שלאָגט מיט שטראָמען לעבן יונג און פריש...
אָט האָבן זיי אַרומגעכאַפּט די מאַמען;
איין קעפּל טוליעט זיך צום צווייטן ווי אַ קראַנץ,
און אַלע ריידן, פּלוידערן צוזאַמען.

אין דער פרעמד.

(פון אינטערנאַטן-לעבן).

ער איז געווען אַ קליין געפּאַקט יינגל, מיט אַ גרויסן קיילעכדיקן קאָפּ, אַ פּאַר־הָלומסער, אַ צעשטרייטער, אַן אומבאַוועגלעכער, אַן אומגעלומפּערטער.

חֶבְרה האָט גלייך דעם ערשטן טאָג שוין באַמערקט, אַז דער „נייער" איז שווערלעך אויפן טראָט, און מע האָט אים געקרוינט מיטן צונעמעניש — „מאָפּס".

פון דאַן אָן איז ער געוואָרן צו שפּאָט ביי אַלעמען אין שול.

באַזונדערס שווער איז אים געווען אויף די לעקציעס פון גימנאַסטיק. אַז „מאָפּס" פלעגט געמען קלעטערן אויפן שטאַנג, פלעגן זיך אַלע קייקלען פאַר געלעכטער.

שטעלט זיך פאַר אַ בילד: אַ קליין קיילעכדיק גופל הייבט זיך אויף ציטעריק און צאַפּלענדיק אויף אַ מעטער פון דער ערד און בלייבט הענגען אומבאַהאָלפן אַן באַוועגונג. באַלד פאַרלירט עס די כוחות און נעמט אָטעמען שווער, ווי אַ פיש, וואָס מע האָט אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג...

דער לערער וויס שוין, מיט וועמען ער האָט צו טאָן, און הייסט אים גלייך אַראָפּקריכן פון שטאַנג.

„חברה" האָט שוין אָבער אומזיסטן טעאַטער.

וואָס האָבן אַלע געטראַכט וועגן אים?

— אַ פאַרצויגן, צעפּעשטשעט קינד!

באַלד האָבן זיך די חברים דערוווּסט, אַז „מאָפּס" האָט צום ערשטן מאָל פאַר־לאָזן די היים און בענקט שטאַרק.

ער בענקט!.. טיף אין האַרצן האָט יעדערער פון זיי געוווּסט, וואָס דאָס הייסט בענקען. ווער וועט דאָס אָבער אַרויסווייזן, פאַרציען זיך?

ביי זיך אין צימער פלעגט „מאָפּס" שטענדיק זיצן איבערן טיש.

וואָס האָט ער געטאָן? געאַרבעט? ניין! — געשריבן בריוו, לאַנגע בריוו, אַהיים, צו דער מאַמען.

מיט גוואַלד פלעגט ביי אים דער אויפזעער צונעמען דאָס פּאַפּיר און אַרויס־טרייבן אים אויפן נאַכמיטאָגדיקן שפּאַציר.

קירצלעך האָט מען אַנטדעקט זיינעם אַ סוד. מע האָט זיך דערוווּסט, אַז ער וואַרט אומגעדולדיק אויף פּסח און ציילט שוין די טעג, הגם צו פּסח איז נאָך געווען אַ שטיק צייט!

ווי אַזוי ציילט ער? ער האָט זיך געמאַכט אַ ספּעציעלן לוח מיט אַזוי פיל פּאַסיקלעך, וויפיל טעג עס זיינען פאַרבליבן ביז יום־טוב. און אַלע טאָג שטרייכט ער אויס איין פּאַסיקל. ס'הייסט — נאָך אַ טאָג איז אַוועק!

אַז חברה האָט זיך דערוווּסט וועגן דער געשיכטע, האָט מען אים שוין ניט געלאָזט רוען.

— מאָפּס, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיין לוח?

— זאָג מיר, מאָפּסעלע, וויפיל איז געבליבן ביז פּסח?

— ווייסט, מאָפּס, מע וועט דיך אַהיים נישט אָפּלאָזן!

ביי דער ידיעה פלעגט ער בלאַס ווערן, און טרערן פלעגן זיך אים שטעלן אין די אויגן. הגם ער האָט געוווּסט, אַז די חברים לאַכן דאָס פון אים, דאָך האָט ער זיך דערפאַר שטאַרק געשראָקן.

ס'איז געקומען פעברואַר. ס'איז געווען קאַלט. גימנאַסטיק האָט מען געמאַכט אין זאַל. דעם גימנאַסטישן פלאַץ פון יענער זייט פאַרק האָט מען איינגאַנצן פאַרלאָזן.

איינמאָל נאָך מיטאָג, ווען מיר, שילער, האָבן ווי געוויינטלעך געשפּאַצירט איבערן הויף, האָבן מיר באַמערקט, ווי אַ גרופּע חברים שטייט עפּעס הינטער דער וואַנט, וואָס טיילט אָפּ דעם פאַרק פון גימנאַסטישן פּלאַץ. אַלע שטיקן זיך פאַר געלעכטער און ווייזן אָן צום גימנאַסטישן פלאַץ. וואָס איז? — „מאָפּס" מאַכט גימנאַסטיק...

חברה האָט זיך פאַרטײַעט, כּדי ער זאָל גאָרנישט ניט מערקן.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען און זיך געקישובט. ענדלעך האָט ער זיך אויף עפּעס אַנטשלאָסן. איז צוגעגאַנגען צום שטאַנג און גענומען זיך הייבן, אָבער אַזוי אומגעלומפּערט, אַז ער האָט זיך שיר נישט אַ זעץ געטאָן אָן דרערד.

דער עולם פון הינטער דער וואַנט איז שוין גרייט געווען אַרויסצושיסן מיט אַ געלעכטער. מע האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן, געוואָלט זען, וואָס וועט ווייטער זיין.

ער האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען, אַז אין שווערן מאַנטל וועט זיך אים נישט איינגעבן אַרויפצוקריכן אין דער הייך. איז ער אַראָפּגעקראָכן, האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל און, נישט געקוקט אויפן פראָסט, ווידער זיך גענומען הייבן. די הענט זיינען אים בלאָ געוואָרן, די פינגער האָבן געסטאַרטשעט ווי רויטע מערעלעך. ער האָט אָבער אויף דעם נישט געקוקט און געשטייגט אַלץ העכער און העכער. אַ ווײַלע האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן, און זיין פּנים איז געוואָרן אַזוי ערנסט, אַזוי ווי ער וואָלט תּפילה געטאָן.

באַלד האָט ער זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט און מיט אַזאַ פלייס, אַזוי ווי אָן דעם וואָלט אָפּהענגיק געווען זיין לעבן.

און גאַנץ מיגלעך, אַז ער וואָלט דערגרייכט דעם שפּיץ, ווען די חברים וואָלטן זיך פּלוצלונג נישט באַוויזן. זיי האָבן אָבער אַרויסגערוקט די קעפּ און גענומען אים שרעקן: — מאָפּס, דו פאַלסט אַראָפּ! מאָפּס, היט זיך!

ס'איז קאָנטיק געווען, אַז ער האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיך אָ־ער נישט אונטערגעגעבן, צונויפגעפּרעסט די ליפּן און געקלעטערט ווייטער.

מיט איין שפּרונג זיינען באַלד אַלע אַריבער אויף דער אַנדער זייט — אויפן פלאַץ.

איין יינגל איז צוגעלאָפן צום שטאַנג און גענומען אים טרייסלען.

„מאָפּס", האָט זיך מער ניט געקאָנט האַלטן.

— לאָז! לאָז! — האָט ער גענומען שרייען, אָבער דאָס יינגל האָט נישט נאָכגעלאָזן און אין אַ מינוט אַרום האָט זיך דער אומגליקלעכער „מאָפּס" אַראָפּגעקוליעט אויף דרערד מיטן קאָפּ אַראָפּ.

אַ פריידגעשריי האָט פאַרהילכט די לופט.

באַלד אָבער האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון אויפרעגונג: „מאָפּס", וואָס האָט ביז איצט קיינעם ניט אָנגערירט, האָט זיך איצט ווי אַ ווילדער אַ וואָרף געטאָן מיט

די פויסטן צום יינגל, וואָס האָט איז אַראָפּגעוואָרפן פון שטאַנג, און גענומען אים שלאָגן מיט אַלע כּוחות. יענער האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געשוויגן. די חברים האָבן זיך אויך אָנגענומען פאַר אים. קורץ — אין עטלעכע מינוט אַרום איז דער אָרעמער „מאָפּס" געלעגן אויף דרערד און ביטער געוויינט.

דאָס היטל האָט מען ביי אים אַראָפּגעריסן, דער מאַנטל זיינער האָט זיך געוואַלגערט אין שניי. ער האָט ניט געפילט קיין קעלט.

עס זיינען צוגעקומען עלטערע שילער. זיי האָבן אַוועקגעטריבן די שלעגער און געפּרוּווט באַרויקן דעם געשלאָגענעם. ער האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען.

באַלד איז צוגעקומען דער לערער. יענעם טאָג האָט אויפגעפּאַסט אויף אונדז דער לערער דניאל — אַ הויכער, אַ דיקער, זייער אַ ליבער מענטש.

ניט ריידנדיק קיין וואָרט, איז ער צוגעגאַנגען צו „מאָפּסן", האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן יינגלס קאָפּ.

— וואָסי דיר? וואָס האָבן זיי דיר געטאָן?

דערהערט דאָס פריינדלעכע קול פונעם לערער, האָט זיך דאָס יינגל פּאַמעלעך אויפגעהויבן. דעם קאָפּ האָט ער נאָך אָבער געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט. דאָס פּנים זיינס איז געווען רויט, פאַרוויינט.

דאָס געוויין האָט אים אַלץ געשטיקט.

— ווייזט אַהער דעם מאַנטל זיינעם! — האָט געזאָגט דער לערער.

— קינדעלע, וואָס האָסטו עפּעס אויסגעטאָן דעם מאַנטל?

דאָס יינגל האָט געשוויגן.

ער איז געקראָכן אויפן שטאַנג! — האָט עמעצער דערציילט.

— איך פרעג אייך ניט! — האָט דער לערער געזאָגט—ער וועט אַליין דערציילן.

— דערצייל, טייערינקער, וואָס ביסטו געקראָכן?

דאָס יינגל האָט אָבער ניט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט.

מע האָט אים דערלאַנגט דעם מאַנטל.

דער לערער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ קלאָץ, גענומען דאָס קינד אויף די קני, אַריינגענומען דעם קינדס פאַרפראָרענע הענטלעך אין זיינע הענט.

— דערצייל, טייערינקער, וואָס איז דאָ געווען?

— די מאַמע!...— האָט דאָס יינגל אָנגעהויבן, אָבער געוויינען האָבן אים ווידער ניט געלאָזט ריידן.

דעם לערערס ברייטע הענט האָבן אים אַרומגענומען אין גאַנצן, געגלעט איבערן פּלייצע, איבערן קאָפּ.

— די מאַמע האָט געשריבן... זי איז קראַנק...

טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן פון זיינע אויגן. ער האָט אַרומגענומען דעם לערער פאַרן האַלדז און דערציילט אים.

וואָס ער האָט גערעדט, האָט מען ניט געקאָנט הערן, נאָר דעם סוף האָט מען געהערט:

— זי רעכנט, אַז זי וועט שוין נישט ווערן געזונט...

די חברים האָבן אַרומגערינגלט דעם לערער מיטן תּלמיד. ס'איז געווען שאַ-שטיל. נאָר דעם יינגלס שוואַך קול האָט זיך געהערט:

— איך בין געקומען אהער און זיך אַזוי געטראַכט: ווען איך דערגרייכן דעם שפּיץ פון שטאַנג און ניט אַראָפּפאַלן, דאַן קען איך האָפן, אַז די מאַמע וועט געזונט ווערן...

דער לערער האָט צוגעדריקט דעם קינדס קאָפּ צו זיין ברוסט.

— נו? האָסטו דערגרייכט דעם שפּיץ?

דעם ייִנגלס קערפּער האָט געציטערט ווי אין אַ פיבער.

— אַז איך בין שוין געווען ביים סאַמע שפּיץ, זיינען זיי געקומען און מיך אַראָפּגעוואָרפן...

דער לערער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דורכגענומען די קינדער מיט זיין בליק — טרויעריק, מיט אַ פאַרוואורף. דאַן האָט ער זיך ווידער איינגעבויגן צום ייִנגל.

— נעבעכל, טייערינקער! — האָט ער געזאָגט.

ער האָט געוואַרט, ביז יעגער האָט זיך עטוואָס באַרויִקט, און דאַן זיינען זיי ביידע אַוועק צו דער געביידע פון דער שול.

— און איר צו דער אַרבעט! שוין צייט! — האָט ער געזאָגט צו אונדז.

און געהאָרכזאַם, ווי אַ טשערעדע שאָף, זיינען מיר אַוועק נאָך אים.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט דער עלטערער אויפזעער אונדז דערציילט, אַז ביינאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן, האָט זיך געעפנט די טיר פון „מאַפּסיקס" צימער און מיט אַ ליכט אין דער האַנט איז צו אים אַריין דער לערער דניאל. ער איז צוגעגאַנגען צום קינדס בעטל, פאַרשטעלט מיט דער האַנט די שיין און לאַנג, לאַנג געשטאַנען און שווייגנדיק געקוקט אויפן שלאָפעדיקן קינד. דערנאָך האָט ער טיף אָפּגעזיפצט און איז אַרויס אַזוי שטיל, ווי ער איז אַריין.

דעם זעלביקן טאָג, פאַרן אָנהייב פון אַ לעקציע, איז צו אונדז אין קלאַס אַריין דער לערער דניאל.

— קום אַהער, טייערינקער! — האָט ער גערופן „מאַפּסיקן".

דאָס ייִנגל איז אַרויס פון קלאַס און איז שוין צוריק ניט געקומען.

נאָך דער לעקציע, ווען אַלע זיינען אַראָפּ אונטן, האָבן זיי שוין געפונען מאַפּסיקן אָן אָנגעטאָנענעם. ער איז געשטאַנען אין פאָדערצימער. אויף דער ערד זיינען געלעגן זיינע זאַכן.

אַלע האָבן זיך געוווּנדערט: צי דען פאָרט ער שוין אַהיים? אַזוי פריִ? ווי שטענדיק איז ער געשטאַנען אַ שווייגעדיקער און ניט געענטפערט אויף די פראַגעס. מע האָט פון אים קיין זאַך ניט געקאָנט דערגיין.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז אָנגעקומען דער לערער דניאל.

די קינדער האָבן אים אַרומגערינגלט, פאַרוואָרפן מיט פראַגן.

מיט אַ ציטערדיקער שטימע האָט ער דערציילט: — ס'איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע: זיין מאַמע איז געפערלעך, ער מוז תיכף קומען אַהיים...

און דער לערער האָט געוואָרפן אַ בליק פול רחמנות צום ייִנגל.

— זאָגט אים גאָרנישט, ער ווייס נאָך פון קיין זאַך נישט.

מיר האָבן אים גאָרנישט געזאָגט, ניט געוואָגט אפילו צוצוגיין צו אים.

די מאַמע איז קראַנק!.. ווער פון אונדז האָט נישט געוווּסט, וואָס ס׳באַטייט דאָס וואָרט?

און דאָס יינגל, פון וועלכן מיר האָבן פריער אַזוי געשפּאָט און געלאַכט, איז מיט אַ מאָל געוואָרן ביי אונדז אין די אויגן עפּעס גאָר אַן אַנדערער. ער האָט דערמאָנט עפּעס הייליקעס און שרעקלעכעס, פאַר וואָס עס האָבן געציטערט אונדזערע אַלעמעס הערצער.

די פור איז צוגעפאָרן.

דניאל איז צוגעגאַנגען צום יינגל, אַרויפגעלייגט אים די האַנט אויפן אַקסל.

— לאָמיר פאָרן, טייערינקער! שוין צייט!

מאָפּסיקס פּנים איז ליכטיק געוואָרן. ער האָט אָנגענומען דעם טשעמאָדאַן. אַלע האָבן אים געהאָלפן. יעדערן האָט זיך געוואָלט אַרויסווייזן אים זיין מיטגעפיל, סאָן אים עפּעס גוטס.

— אַדיע, מאָפּסיק, אַדיע!..

צוואַנציק הענט האָבן זיך אַ צי געטאָן צום קליינעם קאַלטן הענטל און געדריקט עס שטאַרק, שטאַרק.

ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ס׳קומט פאָר אַרום אים. מיט וווּנדער און מורא האָט ער זיך אַרומגעקוקט.

באַלד האָבן זיי זיך בײדע, ער מיטן לערער, אַריינגעזעצט אין וואָגן.

אַ שמיץ, אַ ריר — און די פור האָט זיך גענומען דערווייטערן.

אַלע זיינען געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט. אַזוי לאַנג, ביז זי איז אין גאַנצן פאַרשווּנדן פון די אויגן.

דערנאָך איז מען זיך פאַמעלעך און שטיל פונאַנדערגעגאַנגען אין די קלאַסן.

— אַוועקגעפאָרן!.. — און שוין מער צוריק ניט געקומען.

לויט ע. ווילדענברוך — פ. באַסטאָמסקי.

ווינטער

פראָסט און שניי,
שניי און קעלט,
קעלט און ווינט.
זעסט, מיין קינד:
אַ ווייסע וועלט —
ווינטער, ווינטער אויף דער וועלט!

גראָז און בוים,
וואַלד און פעלד
ווייס פאַרשנייט —
ווייט און ברייט.
עס פייפט די קעלט:
ווינטער, ווינטער אויף דער וועלט!

משה קאַרמאַן.



נעסטעלעך פוסטע.

אוי, נעסטעלעך, נעסטעלעך פוסטע! מיט שניי
פארשאָטן, פארגליווערט געוואָרן...
עס פליען די ווינטן און קלאָגן אויף זיי
און רוישן און גרימען מיט צאָרן...
אוי, פייגעלעך ליבע! ווו זיינען זיי איצט?
אוועק איבער בערג, איבער מעערן,
אהין, ווו דער מאָרגנשיין פינקלט און בליצט
און ס'שמייכלען די גאָלדענע שטערן;
אהין, ווו די לופט איז געזונט, ריין און פריש,
ווו שניי־ווייסע וואָלקנס נאָר שוועבן,
צו אָנהייבן דאָרט פון דאָס ניי, פון דאָס ניי.
א פרייעס, א גליקלעכעס לעבן.
דער ווינטער איז לאַנג; נאָר דער שניי וועט צעגיין,
דער גאָלדענער פרילינג וועט קומען,
דער הימל וועט ווערן אי ליכטיק, אי ריין,
די גערטנער־באַשאָטן מיט בלומען;
די ערד אין איר אַלטן, געוועזענעם גליק
וועט ווידער אי שיינען, אי בליען—
און פריילעך אהער וועלן קומען צוריק
די פייגעלעך ווידער צו פליען.

פאַר דער באַפרײַונג פון פוילן.

מאָרגן איז דער 11 טער נאָוועמבער – דער טאָג פון פוילנס באַפרײַונג.

דער לערער דערציילט די קינדער, אַז הונדערט יאָר נאָך אַנאַנד איז פוילן געווען אונטערדריקט פון פרעמדע מלוכות. באַזונדערס שווער האָבן די פּאָליאַקן געליטן פון דעם רוסישן צאַר. אין זייער אייגענעם לאַנד האָט מען זיי פאַרווערט צו האָבן אייגענע שולן אין דער פוילישער שפּראַך, און אַפילו פאַרן ריידן פויליש אין די ניט פוילישע שולן פלעגט מען שטרענג באַשטראָפן.

שווער איז געווען די פּאָלאַקן צו לײַדן און עטלעכע מאָל האָבן זיי געמאַכט אויפשטאַנדן קעגן דער רוסישער מאַכט.

צוזאַמען מיט די פּאָלאַקן האָבן פאַר דער פרײַהייט פון פוילן געקעמפט אויך די ייִדן. טויזנטער קעמפער, פּאָלאַקן און ייִדן, זײַנען בעת די אויפשטאַנדן דערהרגעט געוואָרן, אַ סך זײַנען געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשיקט אין די קאַלטע לענדער.

מיט אָ פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן די קינדער זיך צוגעהערט צום לערערס דערציילונג.

ווען דער לערער האָט געענדיקט, האָט יאָסעלע אויפגעהויבן די האַנט.

– וואָס ווילסטו זאָגן, יאָסעלע? – פרעגט דער לערער.

– מײַן מאַמע דערציילט, אַז איר זיידע איז אויך געווען אין דעם פוילישן אויפשטאַנד.

– ווי אַזוי איז דאָס געווען? – פרעגט דער לערער.

און יאָסעלע דערציילט:

– דער מאַמעס זיידע איז געווען אַ בעקער אין אַ קליין שטעטל. ער פלעגט צושטעלן ברויט פאַר די פוילישע קעמפער. יעדן פאַר טאָג פלעגט ער אָנפּאַקן אַ וואָגן ברויט און שטילינקערהייט אַוועקפירן אין די וועלדער, ווו עס האָבן זיך אויס־באַהאַלטן די פוילישע קעמפער. איין מאָל האָבן אים אין וואַלד אָנגעטראָפן רוסישע זעלנער.

– וווהין פירסטו דאָס ברויט? – האָבן זיי אים געפרעגט.

– אין שטאָט אַרײַן – האָט ער געענטפערט.

– ס'איז אַ ליגן! – האָבן זיי געשריִען. זיי האָבן צוגענומען בײַם זיידן זײַן פערד און וואָגן מיטן ברויט און דעם זיידן אַליין אַרײַנגעזעצט אין תּפיסה. 25 וואָכן האָבן זיי אים געהאַלטן פאַרשפאַרט. מע האָט געמיינט, אַז ער וועט שוין פון דאָרטן קיין לעבעדיקער ניט אַרויסגיין. די גאַנצע צײַט האָט מען אים געמאַטערט, ער זאָל זאָגן, צו וועמען ער האָט געפירט דאָס ברויט און ווו עס באַהאַלטן זיך די פוילישע קעמפער. אָבער דער זיידע האָט ניט אויסגעזאָגט. צום סוף איז ער אין תּפיסה קראַנק געוואָרן און דאַן האָט מען אים אַרויסגעלאָזן.

עס שפּראָצט און בליט.

עפנט טירן!...

עפנט טירן, קומט אין דרויסן,
רײַסט די פענצטער, ברעכט זיי אויס,
נעמט אַרײַן דעם גאַסט דעם גרויסן,—
קומט אַנטקעגן אים אַרויס:

ס׳איז הײַנט יום־טוב אין די גערטנער,
אויף די גאַסן, אומעטום,
ס׳איז הײַנט ליכטיק, זעט נאָר, הערט נאָר,
ווי עס טאַנצן ווינטן אום.

הערט נאָר, ווי די צווייגן טרישטשען,
און דער טײַך, ער שרײַט און ברומט,
הערט נאָר פײַפן, הערט נאָר סווישטשען—
קומט אין דרויסן, גיכער קומט!

פרץ מארקיש

ווי אַזוי האַנקע האָט דערשפּירט דעם פרילינג.

אָנהייב פרילינג. די זון שײַנט. האַנקע קען ניט אײַנזיצן אין דער היים. עפּעס טרײַבט זי, עפּעס רופט זי אין דרויסן אַרויס. זי כאַפּט אַ טיכל, לויפט אַרויס פון שטוב און לאָזט זיך פײַל פון בויגן איבערן דאָרף.

זי שפּרינגט איבער גראָבנס, מײַדט אויס בלאָטעס, לויפט איבער שטעגעלעך אַלץ ווײַטער אין פעלד אַרײַן. אין פעלד ווייט אַ ווארעמער ווינט און טריקנט די ערד. דער ווינט כאַפּט זיך אַרײַן אונטער האַנקעס טוך און בלאָזט זי אויף. ער גלעט איר האַלדז, אירע באַקן, צעווארפט אירע האָר.

סאַר אַ חיותדיק ווינטל! — רופט אויס האַנקע.

אין דעם ווינט האָט האַנקע דערפילט דעם פרילינג.

* * *

איבער אַ גראָבן האָבן זיך איבערגעבויגן ווערבעס. זייערע לאַנגע ריטער האָבן זיך געוויגט אין ווינט. אויף יעדן פון זיי האָבן געלויכטן חי טויטראָפּנס קליינע ווײַסע „קעצעלעך”. און אויף דער ערד... וואָס איז דאָס? האַנקע גלויבט אירע אייגענע אויגן ניט. אויף דער ערד, אונטער דער ווערבע, וואַקסן טונקל־בלאָע בלימעלעך, וואָס קוקן מיט זייערע גאָלדענע אייגלעך צום הימל אַרויף.

איצט האָט האַנקע ד e ר ז ע ן דעם פרילינג.

זי האָט אָנגעקליבן די ערשטע בלימעלעך און זיך געלאָזט צוריק אַהיים.

* * *

פּלוצלונג איז זי שטיין געבליבן און זיך גענומען צוהערן.

פון דער הייך, פון אונטער די וואָלקנס, האָט געקלונגען דאָס ליד פון דער לאַרך.

האַנקע האָט געמאַכט מיט דער האַנט אַ שאָטן איבער די אויגן און אָנגעשטרענגט געקוקט אַרויפצו, אַזש טרערן האָבן זיך איר באַוויזן אין די אויגן. אָבער אומזיסט. זי האָט די לאַרך ניט דערזען.

זי האָט אָבער מיט די אייגענע אויערן ג ע ה ע ר ט דעם פרילינג.

אַ פרייד נעמט זי דורך.

— דער פרילינג איז שוין דאָ! דער פרילינג איז שוין דאָ! — טאַנצט זי פרײַלעך צוריק צום דאָרף צו.

דער טײַך איז אַוועק.

אַ גאַנצן אָוונט איז דער זיידע געווען פֿאַרנומען מיט דעם נעץ.

– מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן וועט זיך דער טײַך רירן – האָט ער געזאָגט – וועלן מיר גיין כאַפּן פֿיש. דיך וועל איך אויך מיטנעמען.

הײַנט האָב איך אַליין געזען: דאָס אײַז אויפֿן טײַך האָט זיך אויפֿגעהויבן, איז בלאָ געוואָרן, און בײַם ברעג האָט עס שוין ערטערווײַז געפּלאַצט.

פֿאַרטאָג האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ שרעקלעכן טראַסק.

– דאָס ברעכט זיך דאָס אײַז – האָט געזאָגט דער זיידע – טו זיך אָן, לאָמיר גיין!

אויפֿן גאַס איז שוין געווען ליכטיק. איך בין אַרויסגעשפּרונגען אויפֿן הויף. דאָ זײַנען די קלעפּ געווען נאָך שטאַרקער.

מיר האָבן געוווינט אויף אַ באַרג בײַם סאַמע ברעג טײַך. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפֿן טײַך און אים ניט דערקענט. דאָס וואַסער האָט פֿאַרטרונקען דעם גאַנצן טאָל. די אײַז-קריעס האָבן זיך געיאָגט, זײַנען אַרויפֿגעשפּרונגען איינע אויף די אַנדערע, געקראַכט, געבראָכן זיך, אַרויסגעקראָכן פֿון מיטן טײַך און לאַנגזאַם געצויגן זיך פּאַזע ברעג.

דער זיידע איז אַרויס מיטן נעץ. איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אין שטוב אַרײַן, אַרויפֿגעכאַפּט אויף זיך דעם מאַנטל, אַ כאַפּ געטאָן דאָס היטל און זיך געלאָזט לויפֿן נאָכן זיידן. דער זיידע איז געגאַנגען מיט גיכע טריט צום ברעג. ער האָט געהאַט זײַנע באַליבטע ערטער צו פֿאַנגען פֿיש. די אײַז-קריעס זײַנען מיט אַ טומל אַרויפֿגעפֿלויגן איינע אויף די אַנדערע. האָבן זיך אויפֿגעהויבן, געבראָכן, פֿאַרזונקען געוואָרן אין וואַסער און ווײַטער געשווומען.

– עס פּלאַצט! קום גיכער! – זאָגט דער זיידע.

איך האָב ניט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן – איז שוין דער נעץ געווען צוגעפּעסטיקט. און באַלד האָט דער זיידע אַרויסגעצויגן אַ גרויסן העכט מיט צווײ שלײַען.

מיר זײַנען געקומען די ערשטע. נאָך אונדז איז געקומען דאָס גאַנצע שטעטל.

אונדזער שכן האָט אַראָפּגעלאָזט אַ שיפֿל אין וואַסער און האָט מיט אַ פֿלאָקן געשיקט אויסגעמיטן די קריעס. מיטן טשוואָק, וואָס אויפֿן פֿלאָקן, האָט ער אָנגעכאַפּט אין אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן ברעג די קלעצער, ברעטער און שײַטלעך האָלץ, וואָס זײַנען געשווומען.

די יינגלעך האָבן געשריען, געליאַרעמט, געוואָרפֿן שטיינער אין וואַסער, אָפּגעשטויסן די קריעס, וואָס זײַנען צוגעשטאַנען צום ברעג. אַנדערע האָבן אַזוי ווי איך געהאָלפֿן די עלטערע כאַפּן פֿיש.

אַפֿילו אונדזער אַלטיטשקע באָבע איז אויך אַרויסגעקומען זען דעם אײַזגאַנג.

און דאָס אײַז איז געגאַנגען אַלץ געדיכטער און געדיכטער.

אָט פאַר וואָס.

אַרקע איז הײַנט אויפגעשטאַנען פרי,
צוזאַמען מיט די פי.

מאַכט די בהמה: – מו – – –
מאַכט דאָס קעלבל: – מע – ע...

אַרקע לויפט צום פענצטער צו:
– זע!

ס'איז דער שניי געוואָרן געל,
גאָר אַ תל.

לעבן שטאַל – שוין טײַכלעך צוויי –
ביי פאַרשטיי?

און דער אינדיק אויפן פלויט
מאָדנע רויט.

זעט: וואָס בלאָזט ער זיך אַזוי?
אוי!

ס'איז די שיינע זון אַרויס!
הייסט עס, ס'איז דער ווינטער אויס.

גיך וועט מען אין פעלד שוין פאָרן,
פעלד פאַרזיין מיט ווייץ און קאָרן.

גיך וועט נעמען וואַקסן גראָז...
אָט פאַר וואָס, אָט פאַר וואָס,

אָט פאַר וואָס דער שניי צעלאָזט זיך,
אָט פאַר וואָס דער אינדיק בלאָזט זיך,

אָט פאַר וואָס די קעלבלעך מעקען,
און די הענער קוקערעקען,

און דער הונט צופרידן ברומט –
ווײַל דער ליבער פרילינג קומט!

י. קאָטליאַר.

די סֵדֶר-נאַכט.

אוי, האָב איך געוואַרט אויף פּסח!
דורך די ווינטערטעג און נעכט
נאָר געחלומט וועגן יום-טוב
פון באַפרײַונג פון די קנעכט.

אונדזער שטוב איז אויסגעקאַלעכט.
ווײַס דער באַלקן, נײַ די ווענט,
און דער שײַן געפוצטער שפּיגל
שטייט אין ווינקל הויז און בלענדט.

אָנגעשטעלט מיט פיל מַאכָלים,
שטייט אין שטוב דער קליינער טיש:
ווײַן און כּוסות, ליכט אין מיטן...
צוגעגרייט פאַר יעדן פיש.

אויף צוויי אויסגעבעטע שטולן
זיצט מײַן טאַטע אויבן אָן,
זאָגט הַגָדָה, מישט די בלעטלעך,
און ער גיסט די כּוסות אָן.

און איך פרעג אים די פיר קַשיות,
אַז פאַרקלונגען ווערט דאָס הויז,
און עס ענטפערט מיר דער טאַטע,
און איך פיל זיך אַזוי גרויס.

און מײַן ליבע גוטע מאַמע,
אָנגעטאָן אין יום-טוב קלייד,
זאָגט מיט אונדז נאָך די הגדה
און זי קוועלט דערבײַ פון פרייד.

י. ל. קאַלושינער.

אונטערטעפּלעך.

(שפּיל אין ניס).

אונטערטעפּלעך. אונטערטעפּלעך,
ניט אַ נוס אין קאָן,
און אַרויס אין צווייטן חֶבֶר
ביז מען זאָגט אײַך אָן.

פּאַרטיק, פּאַרטיק, קומט שוין נעמען!
רויִק, ניט געקלאַפּט!
און ניט רוקט פון אָרט די בֵּלים,
איינציקווייז, ניט כאַפּט...

שמואליק לויפט צום טיש דער ערשטער,
בלייבט אַ ווײַלע שטיין!
וועלכע בֵּלי אויפצוהייבן,
קייס ער ניט אַליין:

אַלע בֵּלים אומגעקערטע—
און ס'איז ניט באַוווּסט,
ווו איז ערגעץ „פּאָר" באַהאַלטן
און אַוווּ איז פּוסט.

אויפהייבן דעם קרוג אין בלימלעך?
ניין, ווי שיין ער איז!

אָדער גאָר דעם טאָפּ דעם שוואַרצן,
דאָרט איז „פּאָר" געוויס...

גאָר מע קאָן ניט קיין זאַך וויסן,
ביז מע ציילט ניט אויס.
הייבט ער אָן די בֵּלים ציילן,
וועלכע וועט אַרויס.

איינס, צוויי, דריי, פיר,
גוטע קינדער זײַנען מיר,
אויס מיט שטיינדלעך, אויס מיט כעפּלעך,
פֵּסַח שפּילט מען אונטערטעפּלעך,
און פון אַלע בֵּלים האָפּ,
כאַפּ איך מיר מײַן פּאָר אַראָפּ.

אויסגעפאַלן, ווו עס האָט זיך
טאַקע אים געגלוסט.
הייבט ער האַסטיק אויף דעם קריגל,
לאַכן אַלע—פּוסט!...

נחום י.

אֵלִיָהוּ הַנָבִיא.

ניט גוט צו זײַן אַ בֶּן־יָחִיד, אַ ציטעריקער בײַ טאַטע־מאַמע, „פון זיבן אײנער געבליבן". דאָ ניט שטיי, דאָ ניט גיי, דאָס ניט עס, דאָס ניט טרינק, העם קאָפּ דעק צו, דעם האַלדז פאַרבינד, די הענט באַהאַלט, די נאָז שנײַץ אויס. אָך, ניט גוט, ניט גוט צו זײַן אַ בֶּן־יָחִיד. און נאָך אַ נְגידס אַ ייִנגל דערצו.

קים דערלעבט פּסח, דעם ליבן טייערן פּסח. אויסגעקליידט האָט מען מיך אין בּגדי מלכות, ווי עס פּאַסט פאַר אַ נגידס אַ ייִנגל. וואָס קומט מיר אָבער אַרויס, אַז איך טאָר ניט אַרומשפּרינגען אינדרויסן — איך וועל זיך פאַרקילן. אַז איך טאָר ניט אַרומלויפן מיט אַלע קבצנישע קינדער — איך בין אַ נגידס אַ ייִנגל. אַזעלכע שיינע מלבושים — ניטאָ פאַר וועמען צו באַרימען זיך. אַ פולע קעשענע מיט ניס -- ניטאָ מיט וועמען צו שפּילן.

ניט גוט צו זיין אַ בן־יחיד, אַ ציטעריקער, וואָס פון זיבן איינער געבליבן, און נאָך אַ נגידס אַ ייִנגל דערצו.

דער טאַטע האָט אָנגעטאָן די בעסטע קאַפּאָטע און איז אַוועק אין שול דאַוונען. זאָגט צו מיר די מאַמע: „ווייסטו וואָס? לייג זיך צו, שלאָף זיך אויס, וועסטו קענען זיצן ביים סדר, וועסטו פרעגן דעם טאַטן די פיר קשיות". משוגע בין איך? פאַרן סדר וועל איך גיין שלאָפן! „געדענק זשע, פּסח צום סדר טאָר מען ניט שלאָפן. וואָרים טאָמער חלילה וועסטו אַנטשלאָפן ביים סדר, אַזוי קומט אליהו הנביא מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס... פּסח בײַ נאַכט גייט אליהו הנביא און קוקט: ווער עס שלאָפט ביים סדר, דעם נעמט ער צו אין זאַק אַריין"... כאַ־כאַ. איך וועל אַנטשלאָפן ווערן ביים סדר? איך? און אַז מע זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט? און אַפילו ביזן ווייסן טאָג אַריין? ווי אַזוי איז געווען, מאַמע, פאַר אַ יאָרן? „פאַר אַ יאָרן ביסטו אַנטשלאָפן געוואָרן באַלד נאָך קידוש".
— פאַרוואָס־זשע איז ניט געקומען צו מיר דעמאָלט אליהו הנביא מיטן זאַק?... „דעמאָלט בינסטו נאָך געווען אַ קליינינקער, היינט ביסטו אַ גרויסער, היינט דאַרפסטו פרעגן דעם טאַטן די פיר קשיות, היינט דאַרפסטו זאָגן מיטן טאַטן „עבדים היינו", היינט דאַרפסטו עסן מיט אונדז פיש און יויך און קניידלעך... שאַ, אָט גייט דער טאַטע פון שול!"
— גוט יום־טוב!
— גוט יום־טוב!

דאַנקען גאָט, דער טאַטע האָט אָפּגעמאַכט קידוש, איך אויך. דער טאַטע האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטן כּוס, איך אויך. און דווקא אַ פולן כּוס, און דווקא ביזן דנאָ. „זע־נאָר, ביזן דנאָ!" — זאָגט די מאַמע צום טאַטן. און מיר זאָגט זי: „אַ פולן בעכער מיט ווייַן? וועסט אַנטשלאָפן ווערן"... כאַ־כאַ! איך וועל אַנטשלאָפן ווערן? איך? און אַז מע זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט, אַפילו ביזן ווייסן טאָג אַריין? אַנו, פרעגט דעם טאַטן, ווי אַזוי האָב איך אָפּגעקלאַפּט די פיר קשיות! ווי אַזוי זאָג איך

די הגדה! ווי אזוי שאָקל איך זיך איבערן סידור און זינג מיטן טאַטן „עבדים היינו״?... און די מאַמע לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פון מיר און שמייכלט און זאָגט צו מיר: „ווערסט אַנטשלאָפן ווערן, אַנטשלאָפן ווערן“ עך, מאַמע, מאַמע! מיר דאַכט זיך, מע זאָל זיין מיט אַכצן קעפּ, קען מען פון דעם אַליין אַנטשלאָפן ווערן! אַנו, לאָז מען זיך אוועקזעצן אייך אַקעגן און זינגען אייך אין אויער: „אַנטשלאָפן ווערן, אַנטשלאָפן ווערן“.

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן...

אַנטשלאָפן געוואָרן, חלומט זיך מיר, אַז דער טאַטע האַלט שוין ביי „שפוך חמתך“. די מאַמע אַליין שטייט אויף פון טיש, גייט עפענען די טיר מקבל פּנים זיין אליהו-הנביאן. שיין וועט זיין, טאָמער קומט טאַקע אליהו-הנביא, ווי די מאַמע זאָגט, מיטן זאַק אויף די פּלייצעס און זאָגט צו מיר: „קום בחור!“... און ווער וועט זיין שולדיק אין דעם, אַז ניט די מאַמע אַליין מיט איר „שלאָף ניט! שלאָף ניט!“... און אַזוי ווי איך טראַכט מיר די דאָזיקע מחשבות, אהאַ! הער איך אַ סקריפּ פון דער טיר און דער טאַטע שטייט אויף און רופט אויס אויף אַ קול: „ברוך הבא!“. איך קוק זיך איין צו דער טיר—יאָ, ס'איז ער. ער גייט, ער גייט. פּאַוואָלינקע, קוים וואָס מע הערט. אַ שיינער ייד אליהו הנביא, אַן אַלטער מאַן. אַ זקן מיט אַ גרייז-גרויער באָרד ביז די קני, דאָס פּנים אַלט, געל, געקנייטשט, נאָר שיין און גוט איז ער אָן אַן עק. און אויגן, אַך אויגן! גוטע, ווייכע, פריינדלעכע, ליבע, געטריישע אויגן. איינגעבויגן, אָנגעלענט אויף אַ גרויסן, גרויסן שטעקן מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, און שאַ, שטיל, אָן ווערטער—און גלייך צו מיר.

—נו, יינגעלע, אַריין צו מיר אין זאַק אַריין און קום!—אַזוי זאָגט צו מיר אָט דער אַלטיטשקער און דווקא מיט גוטן, און דווקא אַזוי ווייך, אַזוי זיס.

פרעג איך אים: וווּהין? מאַכט ער צו מיר: „ווערסט שוין נאָך דעם זען“... וויל איך ניט. זאָגט ער מיר נאָך אַ מאָל. בעט איך מיר ביי אים: „ווי קען איך מיט דיר גיין, אַז איך בין אַ נגידס אַ יינגל?“ זאָגט ער: „און אַז אַ נגידס אַ יינגל, וואָס ביסטו פאַר אַ מיוחס?“ זאָג איך: „איך בין ביי טאַטע-מאַמע אַ בן-יחיד“... זאָגט ער: „ביי מיר ביסטו ניט קיין בן-יחיד“. זאָג איך: „אַ ציטעריקער, פון זיבן איינער געבליבן. זיי וועלן, זאָג איך, דערזען, אַז איך בין ניטאָ, וועלן זיי דאָס ניט אויס-האַלטן, זיי וועלן שטאַרבן, און דערהויפּט די מאַמע“... קוקט ער אויף מיר, דער אַלטיטשקער, מיט גוטן און מאַכט צו מיר ווייך און זיס

ווי פריער: „גייסטו ניט מיט מיר, טאָ שלאָף געזונט, נאָר ווער אַנט־שלאָפן אויף אייביק"... הייב איך אָן צו וויינען: „הייסט דאָס, אַז איך זאָל שטאַרבן? זיי וועלן דאָס ניט אויסהאַלטן... איבערהויפּט די מאַמע"... „װילסטו ניט שטאַרבן, טאָ קום מיט מיר, געזעגן זיך אָפּ מיט טאַטע־מאַמע און קום"... „סטייטש, ווי קען איך גיין, אַז איך בין אַ בֶּן־יָחיד, פון זיבן איינער געבליבן?" מאַכט ער צו מיר שוין שטאַרקער: „צום לעצטן מאָל, יינגעלע, קלייב זיך אויס איינס פון די צוויי: אָדער געזעגן זיך אָפּ מיט טאַטע־מאַמע אויף שטענדיק און קום מיט מיר, אָדער בלייב דאָ און ווער אַנטשלאָפן אויף אייביק, אויף אייביק"...

אָפּגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, טרעט ער אָפּ פון מיר אויף איין שפּאַן און וויל שוין אויסקערעווען זיך צו דער טיר. וואָס טוט מען דאָ? אַוועקגיין מיט דעם אַלטן, גאָט ווייס וווּהין, פאַרפאַלן ווערן,— וועלן טאַטע־מאַמע שטאַרבן: אַ בֶּן־יָחיד, פון זיבן איינער געבליבן... בלייבן דאָ און אַנטשלאָפן ווערן אויף אייביק, הייסט דאָך דאָס, איך אַליין זאָל שטאַרבן... ציִ איך אויס צו אים בײדע הענט מיט טרערן אויף די אויגן. „אֵלִיָהו הַנָבִיא! גוטער, ליבער, האַרציקער אֵלִיָהוּ! גיב מיר איין מינוט צו באַטראַכטן זיך!" דרייט ער אויס צו מיר דאָס שיין, אַלט, געל, געקנייטשט פּנים מיט דער גרייז־גרויער באָרד ביז די קני, קוקט אויף מיר מיט זיינע שיינע, ליבע, געטרייע, אויגן און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכל: „איין מינוט אויף צו באַטראַכטן זיך— גיב איך דיר, מיין קינד, אָבער ניט מער אַז איין מינוט"...

דער אַלטיטשקער לעענט זיך אָן אויף זיין גרויסן, גרויסן שטעקן און וואַרט.

— —

פרעגט זיך: וואָס האָב איך באַדאַרפט אין דער מינוט צוטראַכטן אַזעלכעס, אַז איך זאָל ניט דאַרפן ניט גיין מיטן אַלטן און ניט אַנט־שלאָפן ווערן אויף אייביק? אַנו, ווער וועט טרעפן?

שלום־עליכם.

דער צויבערמאַן

קומט דער גוטער צויבערמאַן
אויף אַ גילדערנעם געשפאַן:
האָט ער אויגן מילד און שוואַרץ
און אַ דימענטענע האַרץ...
שטעלט ער זיך אין מיטן מאַרק,
הייבט ער אָן צו רופן שטאַרק:
„כ׳האָב מתּנות אַלערליי,
קומט און קלייבט זיך אויס פון זיי...“
ווערט אַ טומל און געלאַף,
זעלטן מאַכט זיך אַזאַ טראַף;
איילט זיך יעדער צו דעם גליק,
בלייבט אַ קינד ניט אין דעם וויג.
זאָגט דער צויבערמאַן און לאַכט:
„כ׳האָב פון אַלצדינג מיטגעבראַכט,
זאָגט מיר יעדער זיין באַגער,
איין באַגער נאָר און ניט מער.
האָט איר צייט אַ פערטל שעה,
און דערנאָך בין איך ניטאָ“!
איין באַגער נאָר און ניט מער —
אויסצוקלייבן זייער שווער,
קלער אַהער און קלער אַהין,
פאָלג אַ גאַנג מיך און געפין,
וואָס איז בעסער — דאָס צי יענץ:
שרייען אַלע ווי די גענדז.
פון די אַלע מענטשן פיל
ווייסט ניט איינער, וואָס ער וויל.
זיינען אַלע אין אַ קלעם,
פרעגט מען יענעם, פרעגט מען דעם:
וואָס נעמט ער? און וואָס נעמסטו?
און אין מיטן — טרו — טרו — טרו!
בלאָזט אַ זילבערנער טראָמפּייט,
און פאַרשווונדן שטילערהייט
איז דער גוטער צויבערמאַן
מיט דעם גילדערנעם געשפאַן...

בײַם ערשטן אַקער.

דָוויד האָט אײַנגעשפּאַנט זײַן פֿערד אין דעם אַקער, אָנגענומען מיט אײן האַנט דאָס הענטל פֿונעם אַקער און אַ טרײַב געטאָן דאָס פֿערד.

דָוויד האָט זיך געפֿילט אַ ביסל אױפֿגערעגט.

– דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן אַקערט ער!

ער האָט געבעטן טאַטע-מאַמע, וואָס זײַנען דערבײַ געשטאַנען, אַז זײ זאָלן זיך אוועקשטעלן אין דער לענג פֿון דעם פֿעלד, כּדי ער זאָל האָבן צײכנס, נאָך וועלכע ער זאָל קאָנען מאַכן אַ גלײַכן שניט אין דער ערד.

דָוויד האָט שווער געאַרבעט. געהאַלטן מיט אײן האַנט דעם אַקער, מיט דער אַנדערער – די לײצעס; מיט די אױגן געצילט, אַז דעם פֿערדס קאָפּ זאָל זײַן אין אַ גלײַכער ליניע מיט זײַן פֿאָטער און מוטער.

ער איז באַגאָסן געוואָרן מיט שוױס.

די ערד האָט זיך געקלעפּט צו דעם אַקער-מעסער.

דָווידס האַרץ האָט זיך געפֿרײט, ווען ער איז צוגעקומען צום אַנדערן עק און געזען, אַז ער האָט אָפּגעשניטן אַ גלײַכן פּאַס ערד.

אַלע דרײַ האָבן לאַנג געקוקט אױף דעם שוואַרצן גלאַנציקן פּאַס ערד און זיך געפֿרײט. אין זײערע אױגן האָט זיך געשפּילט די זון.

דער פֿאָטער האָט זיך אײַנגעבױגן, אַ נעם געטאָן, ווי אַ שמעק טאַבאַק, מיט צוױ פֿינגער אַ ביסל ערד, עס צעריבן און געזאָגט:

– די ערד איז גוט פֿאַר קאָרן.

א. רעזני.

בײַם אַקער.

מײַן פערדל שלעפּט מײַן אַקער
און בלײַבט פאַרמאַטערט שטײן.
מײַן פעלד איז פול מיט דערנער.
דאָס פערדל װיל ניט גײן.

נאָר גרויס איז בײדנס אומגליק
און גרויס איז בײדנס נויט.
דאָך װעט דאָס פעלד אונדז געבן
פאַר דיר און מיר דאָס ברויט.

איך שטופּ דעם אַקער אונטער,
פון פּנים רינט דער שװײס: —
װיאָ, פערדל! שלעפּ דעם אַקער!
מײַן פעלד איז דאָך ניט גרויס!

װיאָ, פערדל! שלעפּ דעם אַקער!
מײַן פעלד איז דאָך ניט גרויס!
איך שטופּ דעם אַקער אונטער,
פון פּנים רינט דער שװײס.

מאַני לײב



צו פיל עצות.

אין אַ גאָרטן אויף אַ בײט
האָט מען בוריקעס געזײט;

איז אַ שטיקל בײט פאַרבליבן.
װיל דער פּויער זײען ריבן.

זאָגט די פּויערטע, אַז ניין,
זי װיל בעסער זײען — — — —

זאָגט דאָס ציקעלע קודלאַטע:
— זאָל מען זײען גאָר סאַלאַטע.

שפּרינגט צו שעפּסל קורץ און גראָב:
— זאָל מען דאָרט פאַרזײען באָב —

קײַט דאָס קעלבעלע דאָס שטרוי:
— זאָל מען בעסער זײען היי.

קאַרער לאַשאַק בעט זיך אָבער,
אַז מע זאָל פאַרזײען — — — —

און די קװאָטשקע די קאַרנאָסע
בעט, מע זאָל פאַרזײען — — — —

ריטשעט חזיר: — אין אַ נויט
זאָל מען גאָר פאַרזעצן — — — —

שטײען פּויערטע און פּויער,
קראַצן, קראַצן זיך אין אויער.

און דאָס לײדיק שטיקל בײט
איז געבליבן ניט פאַרזײט.

מלכה סויזאַן.

מאַרצין פאַרזייט זײַן פעלד.

— קוקוריקו! — באַגריסט דער האָן די אויפגייענדיקע זון.

מאַרצין כאַפּט זיך אויף, טוט אַ שפּרונג אַראָפּ פון בעט און נעמט זיך גלײַך ברייטן אין פעלד אַרײַן. ער וואַרפט אַרײַן אַ ביסל האָבער צו די פערד אין קאַרעטע, טרינקט זיי אָן, שפּאַנט זיי אײַן, לייגט ארויף אויפן וואָגן אַ פּאָר זעקלעך גערשטן און צוויי בראָנע׳ס

— וויטעק! — זאָגט ער צום זון — היידאַ אין פעלד אַרײַן!

דער טאַטע מיטן זון לאָזן זיך אין פעלד אַרײַן זייען גערשטן.

די זון שטײַגט העכער.

מאַרצין גייט איבערן פעלד מיט אַ טאָרבע זריעה אויפן האַלדז. ער נעמט כּסדר פון דער טאָרבע הויפנס גערשטן, מאַכט מיט דער האַנט אַ האַלבן קרײַז און צעוואַרפט די קערנער איבערן פעלד. און אַזוי אַ טריט נאָך אַ טריט, רעכטס און לינקס, אַ פּאָך נאָך אַ פּאָך.

איינס־צוויי—איינס־צוויי—און די זריעה פאַלט.

קוים וואָס מע הערט. שטילערהייט פאַלן די זוימען אין דער שוואַרצער ערד, אין דעם פינצטערן קבֿר אַרײַן, כּדי שפּעטער, אין אַ צײַט אַרום, פון דאָרטן זיך אויפצוהייבן צו אַ נײַ לעבן.

וויטעק פאַרבראָנעוועט דאָס פאַרזייטע פעלד.

עס קומט אָן מאַרינקע. זי האָט געבראַכט פאַרן פאָטער מיטן ברודער פרישטיק. וויטעק האַלט אָפּ דאָס פערדל, און דער טאַטע מיטן זון זעצן זיך עסן.

— וואַרט, וועסט אָפּטראָגן די כּלים צוריק! — זאָגט דער פאָטער צו דער מיידל.

— ניין, איך קען ניט, איך וועל פאַרשפּעטיקן אין שול — ענטפערט מאַרינקע.

זי כאַפּט אירע ביכלעך מיט די העפטן און לאָזט זיך טאַנצנדיק אין שול אַוועק.

דער פויער מיטן זון עסן אָפּ און נעמען זיך ווידער צו דער אַרבעט.

צוועלף בײַטאָג האָט מען זיי ווידער געבראַכט עסן. זיי האָבן זיך ווידער אַ ווײַלע אָפּגערוט און ווײַטער אַוועק זייען.

אַזוי גייט אַוועק דער טאָג. ס׳קומט אָן דער אָוונט. די זון פאַרגייט. פון טײַך ווייט מיט קעלט. פון די קוימענס ציט זיך אַ שוואַרצער רויך. ס׳ווערט פינצטער. ס׳באַווײַזן זיך שטערן אויפן הימל. ערשט דאַן לייגן מאַרצין מיטן זון אַוועק די אַרבעט און קערן זיך אום אַהיים.

די זײַנען זייער מיד, און אויך די פערדלעך שלאָפן קוים די פאַרמאַטערטע פיס.

אונדזער שול-גאָרטן.

שיין איז אונדזער שול-גאָרטן! מיר האָבן דאָרטן עטלעכע פּרוכטביימער — קאַרשנביימלעך, עפּלביימער, אַ גרויסן באַרנבוים — און עטלעכע שיינע בלומען-קלומבעס. דער פּלויט איז באַוואַקסן מיט ווילדע ווייַנטרויבן.

אָנהייב פרילינג. פּלייַסיק גייט די אַרבעט אין גאָרטן. אויף דער ערד ליגן נאָך די פאַראַיאָריקע פאַרוועלקטע ברוינע בלעטער. עטלעכע קינדער נעמען די גראַבלעס און ראַמען אַראָפּ די בלעטער פון די וועגן און בייטן.

פאַרן ווינטער זייַנען אייניקע צווייַגלעך אויף דעם קאַרשנבוים אָפּגעשטאָרבן. אַ פּאָר יינגלעך נעמען אַ לייטער, שטעלן אים אַוועק לעבן די ביימלעך און זעגן פאַרזיכטיק אָפּ די פאַרטריקנטע צווייַגן.

די גרעסטע אַרבעט איז בייַ די בייטן. מע מוז זיי איבערגראָבן.

חברה נעמט נייַע גלאַנציקע רידלען, און די אַרבעט גייט אין טאַקט:

איינס — אַ שטעק אַרייַן די רידלען אין דער ווייכער ערד; צוויי — אַ שטעל אַרויף דעם פוס און אַ דריק דאָס אייַזן טיף אין בייט אַרייַן; דרייַ — אַ קרעפטיקער רוק מיט די הענט, אַ הייב, אַ דריי — און אַ שטיק אויפגעגראָבענע ערד ליגט איבערגעקערט.

— טיף גראָבן — זאָגט דער לערער — דאָס איז די הויפּטזאַך.

איצט ווערן די שטיקער אויפגעגראָבענע ערד גוט צעקלאַפּט.

די בייטן ווערן אויסגעגלייַכט, אָפּגעגרענעצט מיט גראָבנדלעך.

עס קומט דאָס זייען און פלאַנצן. אויף די בייטן ווערן פאַרזייט אַלערליי גרינסן. וואָס האָבן מיר דאָ ניט? — רעטעכלעך, אַרבעס, בעבלעך, ציבעלע א. אַ.

מיר ציען דורך שמאָלע רינעלעך אויף די בייטן, פאַרזייען דאָרט שוואַרצע און ברוינע קערנער, פאַרשיטן די רינעלעך צוריק מיט ערד. אין אַנדערע ערטער גראָבן מיר אויס גריבעלעך און זעצן אַרייַן אַהין פלאַנצעלעך פון סאַלאַט, קאָפּעלעך פון ציבעלע א. א. אויף די בלומענקלומבעס פאַרפלאַנצן מיר פאַרשיידענע בלומען.

מיר גיבן אַלע פלאַנצן אַ זופּ וואַסער פון דער גיסקאַן און ווינטשן זיי צו:

— וואַקסט און גרינט! ציט זיך און שטרעקט זיך! וואָרצלט זיך פעסט אייַן און ברענגט אונדז בלומען און פרוכט!

אַ גאַנצן זומער מוזן מיר פלייַסיק באַגיסן אונדזער גאָרטן, אויסיעטן די ווילדע גראָזן. דערפאַר וועלן מיר אין האַרבסט באַקומען אַ באַלוינונג פאַר אונדזער מי.

דער שטאָר און דאַס שפּערל.

לעבן אונדזער הויז איז דאָ אַ סאָד. אויף אַ סך ביימער הענגען דאָרט גרינע שיינע שטאָר־הײַזלעך. שוין אַ פּאָר יאָר, ווי אין אַ סך פון די הײַזלעך האָבן זיך באַזעצט שפּערלעך. זייערע אַלטע באַלעבאַטים האָבן זיך וועגן דעם ווייניק געקימערט און געלאָזט די שכנים רויִק וווינען.

אַנדערש איז געווען מיט דעם שטאָר, וואָס האָט געוווינט אויפן קאַשטאַנבוים האַרט בײַ מײַן פענצטער. זײַן הײַזל איז גראָד געווען ניט זייער אויסגעפּוצט. עס איז באַשטאַנען פון אַ שטיק אויסגעהוילטן קלאָץ, פון אויבן און אונטן צוגענעגלט מיט ברעטלעך.

דער שטאָר האָט אָבער זייער ליב געהאַט זײַן איינפאַכע וווינונג. פרײלעך פלעגט קלינגען זײַן געזאַנג פון הײַזל אַרויס. אָפט פלעגט ער זיצן בײַ זײַן הויזטיר און פלוידערן עפּעס געלאַסן און צופרידן. אין זײַן פלוידערײַ פלעגט ער אָפט אַרײַנמישן עפּעס מאָדנע משונהדיקע קולות, ווײַל ער מאַכט נאָך אַלץ, וואָס ער הערט: דאָ האָט ער גע־סקריפּעט ווי די אַלטע פאַרראָסטע טיר, ווען מע עפנט זי אויף; דאָ — געקוואָקעט ווי אַ הון, און דאָ — נאָכגעמאַכט אַ פּאָר טענער פון דעם קאַנאַריק.

הײַ־יאָר האָט ער זיך אין די וואַרעמע לענדער אַ ביסל פאַרזאַמט. און ער האָט טאַקע גוט געטאָן: נאָך די וואַרעמע מערץ־טעג זײַנען ווידער אָנגעקומען קעלטן. אָפט האָט געשאָטן אַ שניי. קאַלטע ווינטן האָבן געבלאָזן.

אין דער צײַט האָט טאַקע אַ יונג שפּערל באַשלאָסן צו פאַר־נעמען דעם שטאָרס וווינונג. ניט לאַנג געטראַכט — און ער האָט זיך אַרײַנגעקליבן מיט זײַן פּאָר.

אין אַ קורצער צײַט אַרום איז דער שטאָר געקומען. ער פּרוּווט זיך באַזעצן אין זײַן אַלטער וווינונג, אָבער דער נײַער שכן נעמט אים אויף מיט אַ געשריי, מיט קלעפּ פון פליגל און פון שנאָבל, גלײַך ער וואָלט זאָגן:

— דאָס איז מײַן דירה, און איך לאָז דיך ניט אַרײַן!

דער שטאָר זעצט זיך דאַן אַוועק אויפן דאַך פון זײַן שטיבל. ער איז פאַרטראַכט און עפּעס ווי טרויעריק.

ער זיצט און קוקט מיט בײדע אויגן אויף דער שוועל פון זײַן פאַרנומענער דירה. דאָס שפּערל זיצט אינעווייניק און האָרכט זיך צו. עס גייט אַוועק אַ געוויסע צײַט. אַלץ איז שטיל. דאָס שפּערל מיינט,

אז קיין געפאַר איז שוין נישטאָ, און שטעקט פאָרזיכטיק ארויס דעם קאָפּ. ער באַקומט אָבער גלייך אַ שטאַרקן קלאַפּ פון שטאָרס שפּיציקן שנאָבל. ער כאַפּט צוריק אַריין דעם קאָפּ און באַווייזט זיך לאַנג ניט.

דער שטאָר זיצט רויִק אויף דער וואַך. ענדלעך צווינגט דער הונגער דעם שפּערל ווידער אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ. ווידער באַגעגנט אים אַ שטאַרקער פּיק פון אַ שנאָבל.

און אַזוי כּסדר עטלעכע מאָל.

איך האָב ניט געקאָנט זען, מיט וואָס דער קאַמף וועט זיך ענדיקן. נאָר אַז איך בין אויף מאָרגן אין דער פרי צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָב איך דערזען, ווי דער שטאָר איז שטאַרק פאַרנומען מיטן ראַמען זיין וווינונג, און אונטן ביים בוים ליגט דאָס טויטע שפּערל.



דער גאַסט.

שטייט אַ בושל אויף אַ דאַך.
לענדער אויסגערייזט אַ סך
און זיך אומגעקערט נאָר וואָס
צו זיין אַלטן באַלעבאָס.

הייבט ער אָן צו קלאַפּן באַלד
צו די פעלדער און צום וואַלד,
צו די קינדער רונד אַרום:
—„ווייסט, קונדייסים, אַז איך קום!“

הערן זשאַבעס פון דער ווייט,
ווייסן זיי, וואָס דאָס באַטייט.
שפּרינגען זיי אַראָפּ צום דעק,
און זיי וויינען גאַנצע טעג.

יבוש

רויטקעפּעלע.

I.

אין וואַלד איז געוואַקסן אַ שלאַנקער דעמב. אויפן העכסטן צווײַג איז געווען אַ נעסט. אין נעסט האָבן צוויי פייגעלעך געוווינט. אַן „ער" און אַ „זי".

איז דער „ער" אַרומגעפלויגן זוכן שפּײַז, און די „זי" איז געזעסן אויף אַן אייעלע און עס געוואַרעמט, און עס געוואַרעמט.

און אַז דאָס אייעלע האָט זיך שוין אינגאַנצן אויסגעוואַרעמט, האָט זיך עס צעשפּאָלטן אויף צווייען, און ס'איז דערפון אַרויס אַ קליין פייגעלע, אַ פּיצעלע, מיט גרויען פוך, מיט ווייכינקע ביינדעלעך, מיט אַ געל שנעבעלע. האָט דאָס פייגעלע געטשיריקעט, געטשיריקעט און איז געוואָקסן און האָט באַקומען שיינינקע פעדערלעך אַלערליי: גרינינקע און בלאָינקע, געלינקע און גאָלדענע.

האָט דאָס פייגעלע געהייסן „רויטקעפּעלע". ווײַל פּונקט אויפן קײַלעכיקן קעפּעלע, צווישן די דימענטענע אייגעלעך האָט עס געהאַט אַ טשובקל אַ רויטס, אַזוי ווי רויטע פּאָדעם־זײַד, אַזוי ווי רויטער הימל אין אַ זומערטאָג.

איז רויטקעפּעלע געווען אַ לוסטיקס, אַ פריילעכס. דעם גאַנצן טאָג נישט צוגעמאַכט דאָס מויל, געהאַלטן אין איין זינגען, זיך אויפגעהויבן הויך־הויך. ווי אַ קליין פינטעלע אונטער דער זון, און זיך געקײַקלט אין דער לופטן, און מיט מאָל זיך אַ לאָז געטאָן אַראָפּ, און מיט אַ מאָל זיך אַ ריס געטאָן אַרויף און געמאַכט פאַרשיידענע קונצן.

האָבן זיך די עלטערן געשראָקן און געטראַכט: צו הויך און צו ווײַט פליט אַרום רויטקעפּעלע. עס קען נאָך אַן אָדלער קומען און עס אויפכאַפּן, אָדער אַ שפּאַרבער, אָדער אַן אנדער מין רויב־פויגל.

האָבן די עלטערן געוואָרנט זייער פייגעלע:

פלי נישט, רויטקעפּעלע, העכער פון באַרג!
און פלי נישט, רויטקעפּעלע, ווײַטער פון וואַלד!
אָדלערשער נאָגל איז שאַרף און איז שטאַרק!
און ס'לויערט דער אָדלער אין פעלזענעם שפּאַלט!

אָבער רויטקעפּעלע האָט די עלטערן נישט געפאָלגט. אַז ס'האָט אַזוי ליב געהאַט די ברייטע זוניקע פרײַהייט! אַז ס'האָט אַזוי ליב געהאַט די לויטערע הייך!

פלעגן די עלטערן שטיין אַלע פאַרנאַכט אויף דעם העכסטן צווײַג פון דעמב און וואַרטן, און וואַרטן אויף רויטקעפּעלען. און די הערצעלעך

האָבן געטיקט און געטאַקט. און די אייגעלעך האָבן געקוקט אין אַלע פיר זײַטן: „אַזוי שפּעט, אַזוי שפּעט, און רויטקעפּעלע איז נאָך נישטאָ!"

נאָר — אַ=האַ! אַט הערט זיך פון חײַטן אַ יונג טשיריקען. דאָס פליט רויטקעפּעלע אַהיים אין נעסט. ווערט אַ פרייד. שנעבעלע צו שנעבעלע, הערצעלע צו הערצעלע, פליגעלע צו פליגעלע נורען זיך אַלע אין איינעם אײַן. באַהאַלטן די קעפּעלעך אונטער די פליגעלעך און ווערן אַנטדרעמלט. אין וואַלד איז שטיל, שטיל, שטיל...

2.

נאָר איין מאָל, די פייגעלעך שטייען אַזוי אויפן דעמב און וואַרטן אויף רויטקעפּעלען, און רויטקעפּעלע קומט ניט. די זון זעצט זיך, און רויטקעפּעלע — נישטאָ. די שפּיצן פון וואַלד ווערן שוואַרצער און שוואַרצער, און רויטקעפּעלע — נישטאָ. אַט איז שוין נאַכט, און רויט=קעפּעלע איז אַלץ נישטאָ.

אוי, האָבן טאַטע=מאַמע גענומען שפּרינגען פון צווײַגל אויף צווײַגל, פון ביימל אויף ביימל, און קוקן אויף רעכטס, און קוקן אויף לינקס, און שרײַען און וויינען:

רויטקעפּעלע = פייגעלע, ווו ביסטו אַצינד?
צי האָט דיך פאַריאָגט אַ שרעקלעכער ווינט
און האָט דיך געוואָרפן אַזוי ווי אַ קויל
צום שפּאַרבער אין נאָגל, צום אָדלער אין מויל
און שייניקע פעדערלעך דײַנע געציפּט? —
ווו ביסטו, רויטקעפּעלע, פייגעלע ליבס?...

אַזוי האָבן טאַטע=מאַמע געזונגען, און איבערן וואַלד איז גע=האַנגען אַ שוואַרצע נאַכט, מיט שרעק און מיט טרויער.

3.

אין אַ קליין שטײַגעלע, איבער אַ פענצטער, איז רויטקעפּעלע געהאַנגען. און טאָג ווי נאַכט געזונגען לידעלעך פון אומעט. נאָר מענטשן פאַרשטייען ניט פייגלשע לידער. האָבן מענטשן געזאָגט:

— אַך, ווי שיין רויטקעפּעלע זינגט!

און קיינער האָט נישט געוווסט, אַז דעם פייגעלעס שיינע ליד איז דאָס געזאַנג פון פאַרלאָרענער פרײַהײַט.

אוי, ווען עס געפינט זיך אַ מענטש, וואָס זאָל עפענען דאָס שטײַגעלע און אַרויסלאָזן רויטקעפּעלע צוריק אויף דער פרײַ, צוריק אין וואַלד, אויף די הויכע בערג און אויפן גרינעם גראָז!

ם. פינטשעווסקי.

טויבן אין טויבנשלאַק.

ווערט נאָר טאָג אין טויבנהויז —
פליגל קלאַפּן: לאָזט אַרויס!
קוים זיך אויפגעכאַפּט פון דרימל,
שוין אַ בענקעניש צום הימל!
וו ר, וווּר, ווּר, וואַר, וואַר, וואַר!
לענגער זיצן איז אַ צער!

אויפגעמאַכט דער טויבנשלאַק,
און אַרויס, סאַק און פּאַק!
וויגט זיך, וויגט אין זונענגלאַנץ,
שטיפט און שפּילט דער טויבנקראַנץ.
פּרו-פּרו-פּרו! פּראָ-פּראָ-פּראָ!
פריי די וועלט, דער הימל בלאָ!

בענוג דאָס טויבנהאַרץ געקוויקט,
גענוג אין לופטן זיך געטיקט!
ווען די זון שוין אונטערגייט
און קערנדלעך שוין אויפן ברעט!
הייך און וויקע, ווייך און וויקע!
פּיקע, פּיקע! פּיקע, פּיקע!

און צינד-אין שלאַק אַריַין, הוש, הוש,
און שיקט דער זון דעם לעצטן קוש!
צום הימל נאָך אַ בליק געכאַפּט,
דער טויבנשלאַק ווערט צוגעקלאַפּט.
דורך דער צוגעמאַכטער טיר:
וואַר, וואַר, וואַר! וויר, וויר, וויר!

ווערט געפלוישט, ווערט פאַרציילט,
ווו געווען, ווו געוויילט,
וואָס אין הימל, וואָס אויף דר'ערד,
וואָס אַ טויב נאָר זעט און הערט!
ברום-ברום-ברום! ברום-ברום-ברום!
פאַרן שלאָפן אַ געבּרום!

י. פרץ.

קינדער.

א. אין סאָד אַרײַן.

מײַן טאַטע איז געווען: ווינטער א שנײַדער, זומער — א סאַדאָווניק.

איך פלעג זומער אַרויסגיין צו טאַטע=מאַמען אין סאָד אַרײַן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן בשותּפות מיט אַ וואַטעמ׳כער און צוזאַמען מיט אים דאָרט איבערן זומער געוווינט.

איין מאָל, אָנהייב זומער, בין איך פון שטאָט אין סאָד געגאַנגען. די חבֿרים ווילן מיך פאַרהאַלטן שפּילן אין „ציג=און=וואָלף״, האַנדלען קנעפּלעך מיט פענעס — איך הער נישט. איך אַנטלויף פײַל פון בויגן.

איך וואַרף אַראָפּ באַלד אונטער דער שטאָט די שטיוול, פאַרבינד זיי און וואַרף אַריבער איבער די אַקסל.

דורכלויפן דרײַ קילאָמעטער איז ניט קיין סך. שוויץ איך און לויף. כ׳קום אין סאָד אַרײַן, וואַרף די שטיוול אַוועק בײַ דער פאָרטקע, לויף דורך די בייטן און אין מיטן סאָד אַרײַן.

ב. גאָלדעלעס גערטל.

אין סאָד איז שטיל. אַלע דרעמלען אין די בײַדלעך. אין סאָד איז נאָך קיין אַרבעט ניטאָ און מע מוז זיך אויסשלאָפן אויף שפּעטער. עס גייען גאַנצע חדשים צום וואַכן: אַרום — דערפּער מיט חבֿרה — גרויס׳ע בעלנים אויף אויבס...

איך שטעל מיך אָפּ, קוק מיך אום.

באַמערק איך, עפּעס רירט זיך אונטער אַ צעבליט באַרנביימל. איך קום עטוואָס נעענטער — גאָלדעלע. עפּעס גראָבט זי אין דער ערד, שטעקט אַרײַן ריטלעך און איז אַזוי פאַרנומען, אַז זי הערט ניט מײַנע פאַרוועסע טריט... גיי איך צו שטיל נאָך נעענטער און פון אַ זײַט צום ביימל, נעם אָן דעם יונגן דינעם שטאַם און טרייסל. דער באַרנ= בוים רעגנט מיט ווײַסע בליטן איבער גאָלדעלעס קעפּעלע...

גאָלדעלע האָט זי געהייסן און גאָלדענע האָר געהאַט. הערט זי אויף צו גראָבן אין דער ערד, לאָזט אויף זיך רעגענען די ווײַסע בליטן איבערן קאָפּ, און ערשט אין עטלעכע מינוט אַרום הייבט זי די אויגן אויף און זאָגט, און איר פּנים ווערט אַ ביסל רויט:

— ראובֿן=בנימין, מאַכסט אָן שאָדן!

איך לאָז אָפּ דאָס ביימל און פרעג, וואָס זי טוט.

גאָלדעלע דערציילט: זי מאַכט זיך אַ באַזונדער גערטל.

און זי ווייזט מיר די אַריינגעשטעקטע ריטלעך.

— וואָס וועט וואַקסן אין דיין גערטל, גאָלדעלע?

וואַקסן, וויל זי, זאָלן, ערשטנס, בלומען: רויטע רויזן, ליליען ווייסע און גאָך, און נאָך...

— און פּירות ניט?

— פּירות אויך!

אָבער דער עיקר לימענעס און מאַראַנצן.

און כּדי די יינגלעך פון די דערפער זאָלן ניט באַפאַלן איר גערטל און אָפּשאָקלען די פּירות, מאַכט זי אַרום גערטל אַ פעסטונג.

אין אונדזער שטאָט איז אַ פעסטונג געווען.

איך זעץ זיך צו. מיר געפעלט די שפּיל, און מיר אַרבעטן צוזאַמען.

ג. מיר בויען אַ פעסטונג.

עס פאַלט צו דער אָוונט. ווערט אַ געראַפּעריי פון איין זייט:

— גאָלדעלע! ווו ביסטו, גאָלדעלע!

און פון דער צווייטער זייט:

— ראובן-בנימין! ראובן-בנימין!

דער מאַמעס קול.

אין ביידע זייטן פאַר די ביידלעך ברענט שוין אַ פייער, ביים פייער שטייען טעפּ. וועטשערע קאָכט מען. מע רופט גאָלדעלען, מע רופט מיך. מיר זיינען אין דער אַרבעט פאַרטאָן און ענטפערן ניט.

— דריי וואַלן וועט מען מאַכן אַרום, אַזוי ווי אונדזער פעסטונג איז אין שטאָט. צווישן די וואַלן וועט מען אָנגיסן וואַסער.

— ווייסטו וואָס, גאָלדעלע?

— וואָס?

— סאָלדאַטן וועלן שטיין אויף די וואַלן!

זי פרעגט:

— סאָלדאַטן? פון וואָס?

איך קלער ניט לאַנג און ענטפער:

— פון דינע שטעקעלעך. איך וועל אויסשניצן; ווייסט דאָך, אַ מעסערל האָב איך!

און איך דערמאָן מיך, אַז איך האָב מיין אייגנס עטלעכע פּאַרצעלײַענע שערבלעך.

— וועלן דאָס זיין קאָמאַנדירן!

זי הייבט דאָס קעפּל אויף פאַרחידושט:

– פון וואַנען האָסטו פאַרצעלייענע שערבלעך?!

– כ׳האָב שוין, – באַרים איך מיך, – געקויפט פאַר קנעפּלעך! אויסגעביטן, זעסט?

– און איך האָב, זאָגט זי, געפונען אין שטאָט אַ לענגעכיק גלעזל. כ׳בין געווען קויפן זאַלץ – אַ לענגעכיק רויט גלעזל. עס לייכט דורך אַזוי שיין!

– וועט זײַן, זאָג איך, דער עלטסטער.

און מע אַרבעט ווײַטער.

ד. איך מאַך אַ לאַמטערן.

גאָלדעלע האָט ערגעץ צוזאַמענגעקליבן האַלבע אייער-שאָלעכץ. האָב איך אויסגעשניטן פון רויט פּאַפּיר פייגעלעך, און אין יעדער האַלבער אייער-שאָלעכץ אַ רויט פייגעלע אַרײַנגעזעצט; מיטן פּיסקעלע אַרויס, פּונקט ווי לעבעדיקע פייגעלעך.

גאָלדעלע שעפּט נחת, פּאַטשט מיט די הענטלעך:

– וועסט זען, זיי וועלן זינגען! זיי מוזן זינגען...

דערנאָך האָב איך געמאַכט אַ לאַמטערן פון אַ גרויסן אויסגעהוילטן קירבעס.

איך האָב אַרײַנגעשטעלט אין דעם קירבעס אַרײַן אַ ליכט.

פאַרנאַכט איז שוין געווען, וועט מען פּרוּוון.

גאָלדעלע לויפט און ברענגט שוועבעלעך. זי קומט צוריק צעהיצט; די אייגלעך בליצן. איך צינד אָן. אָט, עס ברענט.

מיר טרעטן אַ ביסל אָפּ און בלײַבן שטיין אינגעם ווונדער פאַרקוקט.

– גזלן! – דערהערן מיר, ווי עס שרײַט גאָלדעלעס מאַמע צום טאַטן – לויף דורך דעם סאָד. אפשר אונטער אַ ביימל אײַנגעשלאָפן.

און מײַן מאַמע פון דער צווייטער זײַט סאָד לאָזט זיך הערן אָן אַנגעשראָקענע.

– בערל! לויף אין שטאָט אַרײַן! ווײ מיר, געמוזט עפּעס געשען.

עס הערט זיך דעם טאַטנס קול:

– באָסע קאָמאַנדע, ווו זײַט איר?

מע מוז איבעררײַסן. מיר קריכן אַרויס פון אונטערן באַרגביימל און צעלויפן זיך, יעדער צו זײַן ביידל.

בײַ דער פעסטונג אַרבעט מען יעדן אָונט! טייל מאָל כאַפּט מען זיך אַרויס נאָך דער וועטשערע נאָך אַ מאָל און מע אַרבעט ווײַטער.

די שותּפים — מײַנע און גאָלדעלעס עלטערן — שפּאַצירן אַרום איבערן סאָד, באַקוקן דאָס געוויקס, באַשטימען, וועלכע ביימלעך מע וועט דאַרפן אונטערשפּאַרן; מע רעכנט אויס, וויפל עס וועט זײַן אויבס, און אויב עס וועט זײַן אַ מקח — וויפל עס וועט בלײַבן.

מע פאַרגעסט אָן אונדז אַ ביסל... און עס אַרבעט זיך געשמאַק.

די פעסטונג וואַקסט פון טאָג צו טאָג. פאַר מיר איז די פעסטונג דער עיקר; גאָלדעלע וויל דאָס גערטל אויך ניט פאַרלאָזן. ווו זי געפינט אַ שיין פריש ריטל, זעצט זי אַרײַן. מאָרגן, אַז גאָלדעלע וועט אַרויסגיין מיט דער בלעכענער קאַן באַגיסן די מערן מיט די רעטעכלעך, וועט זי אָנגיסן וואַסער.

אַז איך וועל קומען פון שול, וועלן שוין צווישן די דרײַ וואַלן פליסן צוויי טײַכן!

— אָבער וואָס וועלן די סאָלדאַטן עסן? — פאַלט מיר פלוצלונג אײַן צו פרעגן.

— ברויט! — ענטפערט גאָלדעלע, — פאַראַן אין יענער זײַט גאָרטן ליים, וועל איך פון זיי קנעטן בולקעס. אַ מולטערל וועל איך מאַכן פון אַ גרויסן רעטעך, נאָר, — פאַרזאָרגט זי זיך, — ווו וועט מען באַקן דאָס ברויט?

— מוז מען, — זאָג איך, — מאַכן אַ בעקערײַ, אַ סאָלדאַטישע בעקערײַ.

גאָלדעלע שפּרינגט אויף, פּאַטשט מיט די הענטלעך פאַר פרייד.

— שטילער, שטילער! מע וועט דערהערן! און איך נעם מיך באַלד צו דער אַרבעט. גאָלדעלע העלפט. באַלד ווערט אויסגעגראָבן אין אינעווייניקסטן וואַל אַ באַקאויוון מע דאַרף נאָך אַרויסציען אַ קוימען. ערגעץ אין סאָד ליגט אַ שטיק בלעך. גאָלדעלע ווייסט ווו.

זי שפּרינגט אויף, פליט אויף די באָרוועסע קליינע פיסלעך. איך קוק איר נאָך און ציטער, זי זאָל זיך ניט אײַנשנײַדן אַ פיסל אין אַ שאַרף גלעזל. נאָר אָט איז זי צוריקגעקומען בשלום.

ז. וואָס האָט זיך געטראָפן?

גאָלדעלע דערלאַנגט די בלעך. איך נעם און וויל זי אויסבויגן קײַלעכדיק און שנײַד מיר אײַן אַ פינגער.

גאָלדעלע דערשרעקט זיך, שפּרינגט אויף מיט אַ געשריי. איך שפּרינג אויך אויף, פאַרשטאָפּ איר דאָס מײַלכל מיט דער געזונטער האַנט.

— מע וועט דערהערן! — און מע האָט דערהערט.

— וואָס שרײַסטו, גאָלדעלע, גאָל־דע־לע! — איר מאַמעס קול.

— גאָרנישט, גאָרנישט! — ענטפער איך פאַר איר.

זי איז געלאָפן אין בײַדל אַרײַן נאָך אַ שטיקל לײַוונט און אַ פאָדעם אַרומצובינדן.

— דו? ראובן־בנימין? — הער איך מײַן מאַמעס קול?

— וואָס טוסטו דאָרט ערגעץ אין סאָד, שייגעץ איינער! — כאַפּט אונטער דער טאַטע.

— גאָרנישט! — ענטפער איך — גאָרנישט! כ׳גיי שוין שלאָפן... — און לאָז מיך צו אונדזער בײַדל צו און וואַרף מיך מיטן צעבלוטיקטן פינגער אויף מײַן געלעגער.

— איך שלאָף שוין, טאַטע! — שרײַ איך אַרויס אין סאָד אַרײַן.

דערווײַל קומט צו מיר אַרײַן גאָלדעלע, פאַרבינדט מיר בײַ דער לבנה־שײַן דעם פינגער.

אויף מאָרגן ווידער צו דער אַרבעט.

י. ל. פרץ.

עס בליט שוין קאָרן.

ס׳האָט הײַנט פון פעלד אַ פרישער ווינט
אויף הייסע גאַסן זיך פאַרקליבן,
און ניט געוווּסט ווו אײַן, ווו אויס,
און שטיל געבליבן.

פון טונקעלן הויז בין איך אַרויס,
דעם ווינט אַנטקעגן אָנגעקומען —
און ס׳האָט דער ווינט מיך שטיל און לינד
אַרומגענומען...

איך האָב צעקושט זיך מיטן ווינט
און אָן אַ וואָרט געוואָרן,
וואָס טוט אויף פעלדער זיך אַצינד —
דאָרט בליט שוין קאָרן!

ד. האָפשטיין

די מאַרגאַריטקע

הינטער דער שטאָט, לעבן סאַמע וועג, איז געשטאַנען אַ קליין שטי־בעלע, און פאַר דעם שטיבעלע איז געווען אַ גאָרטן, אַרומגעצוימט מיט אַ גאָפּע רבטן פאַרקאָן.

האַרט ביים פאַרקאָן, אין שיינעם גרינעם גראָז, איז געוואַקסן אַ באַ־שיידענע קליינע מאַרגאַריטקע, מיט ווייסע זילבערנע בלעטעלעך און מיט אַ געל־גאָלדן הערצעלע.

די זון האָט באַלויכטן און געוואַרעמט די מאַרגאַריטקע מיט דער זעלביקער ליבע, ווי זי האָט געוואַרעמט די גרויסע פּראַכטפולע בלומען אין גאָרטן. און די מאַרגאַריטקע איז געוואַקסן פון שעה צו שעה.

איין מאָל אין דער פרי איז זי געשטאַנען אין גאַנצן אַ פונאַנדערגע־עפנטע און אירע קליינע ווייסע בלאַנקענדיקע בלעטעלעך האָבן אויסגעזען ווי ווייסע שטראַלן, וואָס גייען אַרויס פון אַ קליינער גאָלדענער זון.

דער מאַרגאַריטקע האָט גאָרנישט געאַרט, וואָס זי וואַקסט ניט אין גאָרטן, נאָר גאָר דאָ, אין דעם געדיכטן גראָז; איר האָט ניט געאַרט, וואָס זי איז ניט מער ווי אַן איינזאַם אָרעם בלימל, וואָס קיינער ווייס ניט פון איר.

ניין, איר האָט דאָס גאָר נישט געאַרט. זי איז געווען זייער צופרידן און פריילעך. זי האָט אויפגעהויבן איר קעפּל גלייך צו דער זון, האָט גע־קוקט אויף איר און זיך צוגעהערט צו די לידער פון טרילער, וואָס האָט געזונגען דאָרט אין דער הייך, אין דער בלויער לופט.

די מאַרגאַריטקע איז געווען אַזוי גליקלעך, גלייך ווי ס׳וואָלט געקו־מען אַ גרויסער יום־טוב. זי האָט זיך זייער געפרייט, וואָס דער טרילער זינגט אַזוי שיין און גיט אַזוי גוט איבער אין זיין ליד אַלץ, וואָס זי, די מאַר־גאַריטקע, פילט, נאָר זי קען עס אַליין ניט אַרויסגעבן.

מיט גרויס אַכטונג האָט די מאַרגאַריטקע געקוקט אויף דעם גליק־לעכן פייגעלע, וואָס קען פליען און זינגען. זי האָט אָבער ניט געדאַגהט וועגן דעם, וואָס זי אַליין קען עס ניט.

*

איך הער דאָך און זע—האָט זי פאַר זיך געטראַכט—די זון וואַרעמט מיך, דאָס שטיל ווינטעלע קושט מיינע בלעטעלעך, איך בין זייער גליקלעך!

אין גאָרטן זיינען געוואַקסן אַ סך שטאָלצע בלומען, און וואָס ווייני־

קער זיי האָבן געשמעקט, אלץ גרעסערע בעלי־גאווהס זייַנען זיי געוואָרן. די פּיאָנען האָבן זיך געבלאָזן מיט אַלע כּוחות כּדי אויסצוזען שענער און גרעסער פאַר די רויזן; די פּילפּאַרביקע פּראַכטפולע טולפּעס האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז זיי זייַנען שיין, און האָבן נאָך העכער פאַרריסן די קעפּ אין דער הייך.

זיי האָבן זיך גאָר ניט אַרומגעקוקט אויף דער באַשיידענער ווייַסער מאַרגאַריטקע. זי אָבער האָט געקוקט אויף זיי און געטראַכט:—„זיי זייַנען דאָך אַזוי שיין, די בלומען אין גאָרטן; זיי זייַנען דאָך אַזוי רייַך! דאָס גליקלעך פֿייגעלע קומט געוויס שטענדיק צו גאַסט צו זיי. גוט, וואָס איך וואַקס דאָ נאָענט, קען איך כאָטש אַלץ זען“.

אין דער זעלביקער רגע, ווען די מאַרגאַריטקע האָט אַזוי אַ טראַכט געטאָן, האָט דער טרילער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. אָבער ניט צו די פּיאָנען, ניט צו די טולפּעס, נאָר אויפן גרינעם גראָז, צו דער אָרעמער, קליינער מאַרגאַריטקע. זי האָט זיך פאַר גרויס פרייד אַזוי דערשראָקן, אַז זי האָט גאָרניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

דאָס פייגעלע איז אַרומגעשפּרונגען אַרום בלימעלע און האָט געפּיפּן.

— סאַר אַ ווייך גרעזעלע, סאַר אַ שיין קליין בלימעלע!.. דאָס הערצעלע—אַ גאָלדנס, דאָס קליידעלע—אַ זילבערנס!..

און דאָס הערצעלע ביי דער מאַרגאַריטקע איז טאַקע געווען ווי גאָלד, די קליינע ווייַסע בלעטעלעך—ווי זילבער.

די מאַרגאַריטקע איז געווען אַזוי גליקלעך, אַזוי גליקלעך!

דער טרילער האָט זי אַ קוש געטאָן מיט זייַן שנעבעלע אָפּגעזונגען זייַן לידעלע, זיך געזעגנט מיטן בלימעלע און זיך ווידער אויפגעהויבן הויך, הויך אין דער בלויער לופט.

ס'איז אַוועק געוויס אַ פערטל שעה, איידער די מאַרגאַריטקע איז געקומען צו זיך. האַלב פאַרשעמט, אָבער אַ גליקלעכע האָט זי אַ קוק געטאָן אויף די בלומען אין גאָרטן. זיי האָבן דאָך אַוודאַי אַלץ געזען. זיי פאַרשטייען דאָך געוויס, ווי גליקלעך זי איז איצט.

נאָר די טולפּעס האָבן ווי פריִער געהויבן מיט שטאָלץ זייערע קעפּ אין דער הייך. זיי זייַנען אַזש רויט געוואָרן פון כּעס. די פּיאָנען זייַנען אויך געווען זייער בייז.

די מאַרגאַריטקע האָט זייער גוט געזען, אַז די בלומען זייַנען שלעכט אויפגעלייגט, און דאָס האָט איר פאַרשאַפט גרויס קלעמעניש.

אין דער זעלביקער מינוט איז אַרײַן אין גאָרטן אַ מיידל מיט אַ גרויסן שאַרפֿן מעסער אין האַנט. זי איז גלײַך צוגעגאַנגען צו די טולפּעס און האָט גענומען אָפּשנײַדן זייערע שטאָלצע קעפּ איינעם נאָך דעם אַנדערן.

—ווי שרעקלעך דאָס איז,—האָט אַ קלער געטאָן די מאַרגאַריטקע און האָט אַ זיפֿץ געטאָן:—שוין, אָט איז שוין געקומען זייער סוף.

דאָס מיידל האָט אָפּגעשניטן די טולפּעס און איז אַוועק.

די מאַרגאַריטקע האָט זיך זייער געפֿרייט, וואָס זי וואַקסט דאָ אין גראָז, הינטערן גערטל, און קיינער באַמערקט זי ניט.

פֿאַר נאַכט, ווען עס איז פֿאַרגאַנגען די זון, האָט זי צונויפֿגעלייגט אירע קליינע בלעטעלעך און איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן. עס האָט זיך איר געחלומט די זון און דאָס קליינע פֿייגעלע.

*

אויפֿן אַנדערן פֿרימאָרגן, ווען די מאַרגאַריטקע האָט ווידער אויסגע-צויגן אירע קליינע הענטעלעך, די ווײַסע בלעטעלעך, צו דער גאָלדענער זון און צו דער בלויער לופֿט, האָט זי ווידער דערהערט דעם טרילער. נאָר פֿאַר וואָס איז הײַנט זײַן ליד אַזוי טרויעריק? יע, דער אָרעמער טרילער האָט שוין הײַנט ניט געקענט זײַן אַזוי פֿריילעך ווי נעכטן; מע האָט אים געכאַפּט און אַרײַנגעזעצט אין אַ שטײַגל, וואָס בײַם אָפֿענעם פֿענצטער פֿון שטיבעלע.

פֿון וואָס האָט דער טרילער אַזוי טרויעריק געזונגען? -ער האָט דער-ציילט פֿון דער פֿרײַהײַט, פֿון דער גאָלדענער זון, פֿון דער פֿרישער לופֿט; ער האָט געזונגען פֿון שטילן ווינטעלע, פֿון די פֿרישע זאַנגען אין פֿעלד און פֿון זײַנע וווּנדער-שיינע רײַזעס, וואָס ער פֿלעגט דורכמאַכן גאָר-גאָר הייך, פֿונאַנדערשפּרייטנדיק זײַנע פֿליגעלעך.

אַן אומגליק האָט געטראָפֿן דעם פֿייגעלע. עס איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שטײַגעלע.

די קליינע מאַרגאַריטקע האָט מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט העלפֿן דעם אָרעמען טרילער. וואָס טוט מען אָבער? ווי העלפֿט מען אים? זי האָט גאָרניט געקענט צוטראַכטן. די ווײַסע מאַרגאַריטקע האָט פֿאַרגעסן אָן אַלץ. זי האָט אין גאַנצן פֿאַרגעסן, אַז אַרום און אַרום איז אַזוי גוט, אַז די זון וואַרעמט אַזוי ליבלעך ווי פֿריִער, אַז פּונקט אַזוי ווי פֿריִער בלאַנקען אויף דער זון אירע זילבערנע בלעטעלעך.

יע, זי האָט פאַרגעסן אָן אַלץ. זי האָט געקלערט נאָר וועגן דעם גע־פאַנגענעם פייגעלע. זי האָט אים אָבער מיט גאָרנישט ניט געקענט העלפן.

*

דערווײַל זײַנען פון גאָרטן אָנגעקומען צוויי ייִנגלעך. איינער פון זיי האָט געהאַלטן אין האַנט דעם זעלביקן שאַרפן מעסער, מיט וועלכן דאָס מיידל האָט נעכטן אָפּגעשניטן די טולפּעס.

די ייִנגלעך זײַנען צוגעקומען גלײַך צו דער מאַרגאַריטקע. זי האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען, וואָס זיי ווילן פון איר האָבן.

—אָט דאָ קענען מיר אויסשנײַדן זייער אַ גוטע שטיקל ערד פאַר אונדזער טרילער!—האָט געזאָגט איין ייִנגל און האָט אויסגעשניטן אַ פיר־קאַנטיק שטיקל ערד, אַזוי אַז די מאַרגאַריטקע איז געבליבן אין מיטן.

—רײַס אַרויס דאָס בלימל!—האָט ווײַטער געזאָגט דאָס ייִנגל.

די מאַרגאַריטקע האָט אַזש אַ ציטער געטאָן פאַר שרעק: אויב מע וועט זי איצט אַרויסרײַסן, וועט זי דאָך שטאַרבן... אָבער איצט, גראָד איצט האָט זי אַזוי געוואָלט לעבן, כּדי אַרײַנצופאַלן צום טרילער אין שטײַגעלע.

—ניין, לאָז דאָס בלימעלע, זאָל עס דאָ בלײַבן, עס קוקט דאָך אַזוי שיין אַרויס פון דעם גרינעם גרעזעלע!

די מאַרגאַריטקע איז געבליבן שטעקן אין דער גרינער ערד, און די ייִנגלעך האָבן זי אוועקגעטראָגן צום טרילער אין שטײַגעלע.

דאָס אָרעם פייגעלע האָט אַזוי אומעטיק באַוויינט זײַן פאַרלאָרענע פרײַהייט. עס האָט זיך געשלאָגן מיט די פליגעלעך אָן די אײַזערנע גראַ־טעס פון איר תּפֿיסה און האָט אַזוי געפּישטשעט.

די מאַרגאַריטקע האָט אים געוואָלט טרייסטן, אָבער זי איז געווען שטום און האָט ניט געקענט זאָגן קיין איין טרייסטוואָרט.

עס איז אַריבער דער גאַנצער פרימאָרגן.

—כ׳האָב ניט קיין איין טראָפּעלע וואַסער—האָט געפּיפּטשעט דאָס פייגעלע—אַלע זײַנען אַוועק און האָבן פאַרגעסן מיר געבן טרינקען. אין האַלדז איז מיר טרוקן. עס ברענט מיר, כ׳קען ניט אָטעמען. אוי, איך שטאַרב, כ׳מוז זיך זעגענען מיט דער וואַרעמער שײַן פון דער זון, מיטן פרישן גרינס!... מיט אַלץ, מיט אַלץ!.. כ׳וועל דאָס שוין קיין מאָל מער ניט זען...

דאָס אָרעמע פייגעלע האָט געוואָלט כאָטש אַ ביסעלע זיך אָפּפרישן.

עס האָט אַרײַנגעשטעקט זײַן פּיקערל אין דער פּײַכטער ערד, וואָס די ייִנגלעך האָבן פאַר אים געבראַכט. אָט־דאָ האָט דאָס דערזען די ווײַסע מאַרגאַריטקע. עס האָט זי צאַרט אַ קוש געטאָן און טרויעריק געזאָגט:

— אָרעם קליין בלימעלע, דו וועסט דאָ אויך פאַרטריקנט ווערן, דו וועסט דאָ אויך שטאַרבן!...

אָנשטאָט דער פרײַהייט, אָנשטאָט דער גאַנצער ברייטער וועלט האָבן די מענטשן מיר געגעבן נאָר דיך און אַ קליין שטיקל גרינע ערד. זיי מיינען, אַז יעדעס גרעזעלע קען מיר פאַרבײַטן אַ בוים און יעדע פון דײַנע ווײַסע בלעטעלעך—אַ שמעקעדיקע בלום.

—וואָלט איך כאָטש אַ ביסעלע געקענט אים טרייסטן—האָט געטראַכט די מאַרגאַריטקע. אָבער זי האָט ניט געקענט אַ ריר טאָן מיט קיין בלעטעלע. נאָר דער ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אירע דינע צאַרטע בלעטעלעך, איז געווען פיל שטאַרקער ווי שטענדיק.

דער טרילער האָט עס אויך באַמערקט און, כאָטש ער איז אויסגעגאַנגען פאַר דאָרשט און האָט געצופּט איין גרעזל נאָכן אַנדערן, האָט ער זיך דאָך צום בלימל ניט צוגערירט.

ס'איז געקומען דער אָוונט. דעם אָרעמען פייגעלע האָט נאָך אַלץ קיינער קיין וואַסער ניט געבראַכט. עס האָט שוין מער קיין כּוח ניט געהאַט. דאַן האָט עס פונאַנדערגעשפּרייט זײַנע שיינע פליגלען און אַ ציטער געטאָן. דערנאָך האָט עס אָנגעהויבן צו זינגען אַזוי אומעטיק־אומעטיק... זײַן קעפּעלע האָט זיך אָנגעבויגן צו דער מאַרגאַריטקע און עס איז אויסגעגאַנגען פון דאָרשט און בענקשאַפט.

די מאַרגאַריטקע האָט שוין הײַנט ניט געקענט צונויפנעמען ווי נעכטן אירע זילבערנע בלעטעלעך און רויִק אײַנשלאָפן. זי האָט קראַנק און טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּעלע און איז פאַרוועלקט געוואָרן.

אויפן אַנדערן טאָג זײַנען געקומען די ייִנגלעך און איצט ערשט האָבן זיי דערזען, אַז דער קליינער טרילער איז שוין טויט.

זיי האָבן אָנגעהויבן ביטער צו וויינען. דערנאָך האָבן זיי אויסגעגראָבן אין גערטל אַ גריבעלע, באַפּוצט עס מיט בלעטער און מיט בלומען, אַרײַנגעלייגט דאָס פייגעלע אין אַ רויט שיין קעסטעלע און באַגראָבן עס אין דער ערד.

דאָס שטיקל ערד מיטן פאַרוועלקטן בלימעלע האָט מען אַרויסגעוואָרפן אויפן זאַמדיקן וועג און קיינער האָט גאָרניט אַ טראַכט געטאָן וועגן דער, וואָס האָט מערער פאַר אַלעמען ליב געהאַט דאָס אָרעמע פייגעלע און אַזוי געוואָלט עס טרייסטן.

קאָרנשוועסטערלעך.

קענט איר, קינדערלעך,
די קאָרנשוועסטערלעך?
זיי זיינען בלימעלעך
אין פרייען פעלד.
עס גיבן בלאָנקע,
עס גיבן רויטינקע,
אויך גיבן געלינקע,
ווי אייך געפעלט.
זיי וואַקסן טויזנטער
אין אַלע ווינקעלעך,
ווו זאַנגען וויגן זיך
און תּבואה בליט.
גאַסט וועלט באַקרוינען זיי,
זיין ברויט באַשיינען זיי,
און בליען לוסטיקע
פון זון געהיט.

די ערשטע, ווייסט איר דאָך,
זיי זיינען בלאָנקע,
מע רופט זיי בלימעלעך
פון קאָרן דאָ.
און ווען דער זאַנג צערייסט
זיין גרינע העמדעלע,
דאַן ווערט דאָס פעלד פון זיי
אין גאַנצן בלאָ.
פול בלאָע קעפּעלעך
פון גוטע שוועסטערלעך,
וואָס נייגן, גריסן זיך
צו יעדן זאַנג,
און ווינטשן שטילערהייט
א״ב וואָכן ליכטיקע
און רעגנס זעטיקע
דעם זומער לאַנג.

די צווייטע זיינען דאָס
די קאָרנרעדעלעך,
וואָס קומען אָנזאָגן
דעם ערשטן גאָלד,
וואָס נעמט באַשימערן
ביים זאַנג די הערעלעך,
און גאָלדיק-גרינינק ווערט
דאָס פעלד באַמאָלט.
זיי שיסן אויף אין הייך
ווי פּורפּור-פלעמעלעך
די בעכערס אָפענע
פאַר טוי און שיין,
און שלאַנקע שטייען זיי
אַזוי דעם זומער אָפּ,
ביז וואַן דער שניטער קומט
אין פעלד אריין.

די פעלדער שפּרייטן זיך
שוין אָפּגעשניטענע,
עס ליגט דער קאָרן שוין
און וואַרט אין מיל.
געבליבן זיינען נאָר
אין פעלד די געלינקע,
די שוועסטער-ברידערלעך,
וואָס וואַקסן שטיל:
דריי געלע פליטערלעך,
צוויי ווייסע פליטערלעך,
פּאַראייניקט שפּראָצן זיי
צווישן שטרוי,
און וויינען, טרויערן
אויף אַלע בלימעלעך
און וועלקן שטילינקע
אין קאַלטן טוי.

דוד איינהאָרן.

ביי די בינשטאָקן.

דער פרימאָרגן איז אַ ליכטיקער, אַ ריינער זומער-פרימאָרגן. אויפן העל-בלויען הימל זעט זיך קיין איין וואָלקנדל ניט. די לופט איז פריש. ס'איז גרינג און פריש צו אָטעמען. מישקע כאַפּט זיך אויף גאַנץ פרי. סע ליגט זיך אים ניט אין בעט — ער האָט אַזוי פיל וואָס צו טאָן! דער פעטער יאַנקל האָט אים נעכטן אָנגעזאָגט, ער זאָל קומען — ער נעמט הײַנט אַרויס דעם האָניק פון זײַנע בינשטאָקן.

מישקע לויפט טאַנצנדיק. אָט איז שימעקס הויף. מישקע גיט אַ לײַכטן פײַף, גייט שימעק אַרויס פון שטוב.

— קום, שימעק, דער פעטער נעמט הײַנט אַרויס דעם האָניק פון די בינשטאָקן. ער האָט מיר אַליין געזאָגט, איך זאָל קומען.

— גוט, איך גיי.

און אָט זײַנען זיי שוין בײַם פעטער יאַנקלען.

— שוין געקומען, קונדייסים? — באַגעגנט זיי דער פעטער מיט אַ פריילעכן שמייכל.

דער פעטער יאַנקל בינדט זיך אַרום בעת-מעשה דעם קאָפּ מיט אַ טיכל. די יינגלעך גיט ער אויך צו טיכלעך און שמאַטעס אויף אַרומצווויקלען די הענט. פאַר זיך האָט ער הענטשקעס, אָבער ער טוט זיי ניט אָן — זיי זײַנען בײַ אים פאַרשטעקט אונטערן גאַרטל.

די בינען, זאָגט ער, קענען אים און טשעפּען אים ניט.

דער פעטער יאַנקל צינדט אָן אַ האַלב-צעקוועטשט בלעכן לעמפּל אָן אַ גלעזל. דאָס לעמפּל ברענט מיט אַ שוואַכן פײַערל, נאָר דערפאַר וואַרפט עס אַרויס גאַנצע הויפנס שוואַרצן געדיכטן רויך.

— מע דאַרף נאָר זיך ניט שרעקן, מע דאַרף זײַן רויִק, — זאָגט אָן דער פעטער יאַנקל, — אַניט ווערן זיי אויך דערשראָקן... פאַר שרעק בײַסן זיי זיך... און אַזוי זײַנען זיי גוטע... איר מיינט, אז אַ בין האָט קיין שׂכל ניט? אָ-האָ! נאָך אַ מין שׂכל! גלאַט אַזוי וועט זי זיך אויף קיינעם ניט וואַרפן. זי ווייסט, ווען מע דאַרף בײַסן און ווען מע דאַרף ניט. אַ פרעמדער זאָל קומען, אַ גנבֿ, למשל, אָדער אַ חיה וואָ-סערע ס'איז — וועלן זיי זײַן צופרידן, אַז זיי וועלן אַוועקגיין גאַנ-צע... און דעם בעלעבאָס קענען זיי! וויפל זיי דאַרפן האָבן צוליבן ווינטער, לאָז איך זיי איבער, און נעמען נעם איך דאָס רעשט, וואָס איז סײַ-ווי-סײַ ניט נייטיק. נו, פאַר דער טירחה, וואָס איך גיי אַרום זיי, קומט דאָך מיר עפּעס. דער פעטער יאַנקל שמייכלט גוטמוטיק.

— איצטער וועלן מיר זיי שיקן שפּאַצירן, זאָלן זיי גיין אַ ביסל דורכלופטערן זיך.

• • •

אין אַ ווינקל פון דעם קליינעם גערטנדל שטייען די בינשטאָקן — פינף דיקע, גלאַט־אַרומגעהובלטע, פון אינעווייניק אויסגעהוילטע קלע־צער. די מײַלער פון די בינשטאָקן זײַנען פאַררוקט מיט דינע, אַקוראַט צוגעפּאַסטע ברעטלעך. אין די ברעטלעך זײַנען דורכגעמאַכט קליינע שפּעלטעלעך, די געוויינלעכע גענג פון די בינען. אַרום די קלעצער קאָכט אַן אומאויפהערלעך זשומען. קליינע, שוואַרצע, הודזשענדיקע קײַקעלעך דרייען זיך אין דער לופטן, אַרום די קוויטן און עפּלביימער פונם גערטנדל, אַרום די בינשטאָקן. קריכן אַרײַן כּסדר אין די קלע־צער דורך די שפּעלטעלעך און פליען פון דאָרטן צוריק אַרויס.

דער פעטער יאַנקל נעמט אַוועק דאָס ברעטל פון איינעם פון די בינשטאָקן. סע דעקט זיך אויף אַ גרויסע, שוואַרצע עפענונג. פון אי־נעווייניק גיבן זיך אַ שיט אַרויס אַ סך שוואַרצע, זשומענדיקע, בייזע באַשעפענישן. סע דוכט זיך, אַז עפּעס אַ משונהדיקע, שטראָמיקע, שוואַרצע חיה פּויזעט אַרויס פון דעם אויסגעהוילטן קלאָץ און ציט אַרויף... דער פעטער יאַנקל בורטשעט, רעדט זיי אײַן און בייזערט זיך אויף זיי:

— נו, נו, טײַערינקע, רוקט זיך... קריכט אַרויס... לופטערט זיך דורך... קיינער וועט אײַך ניט טאָן קיין שלעכטס!... נו, שוין גיכער! כ'קאָן דאָ ניט שטיין אַרום אײַך אַ גאַנצן טאָג!

זיי קלײַבן זיך געדיכט אַרום דעם באַלעבאָס. זיי ווילן פאַרטיידיקן זייער היים — מעג דער שונא זײַן, ווער עס וויל! זייער מחנה ווערט אַלע מאָל גרעסער, דאָס הודזשען — דראָענדיקער. נאָר ס'איז שווער עפּעס צו טאָן. די פעל פונעם פּײַנד איז אַ האַרטע — קוים וואָס מע קען דורכשטעכן. און פון זײַן לעמפּל שלאָגט אַזאַ געדיכטער, עקלהאַפטער רויך, אַז דער קאָפּ הייבט זיך אָן דרייען און ס'ווערט ניט גוט. די בי־נען קאָנען ניט אַריבערטראָגן דעם רויך, זיי פליִען אַפּ פונעם פעטער יאַנקלען אָפּגעשוואַכטע, פאַרחלשטע. נאָר באַלד, ווי זיי מונטערן זיך אָפּ אַ ביסל, לאָזן זיי זיך צוריק צו אים; סע קומען אויך אָן נײַע פונעם בינ־שטאָק, ראַנגלען זיך און דרייען זיך ווי שיכּורע.

און אַזוי שטייט ער אַ צײַט אין מיטן פון אַ טאַנצנדיק־שוואַרצן געמיש פון רויך און בינען. נאָר ביסלעכווײַז ווערט אַרום אים ליכ־טיקער און גראַמער. דער רויך איז אַ שטאַרקער...

די יינגלעך זײַנען אומרויִק. זיי וויקלען זיך בעסער אין די טיכ־לעך, טרייסלען מיט די קעפּ, מאַכן מיט די הענט, טרײַבנדיק פון זיך די בינען.

— דרייט זיך ניט! בלײַבט רויִק! אַז איר שרעקט זיך, וועלן זיי אײַך בײַסן... מיכעלע, קום אַהער! האַלט דאָס לעמפּל!

מישקע נעמט דאָס לעמפּל אין איין האַנט און מיט דער אַנדערער וויקלט ער שטײַפער דאָס טיכל אַרום דאָס פּנים. ער גייט אַרום מיטן לעמפּל, און דער פעטער יאַנקל לייגט אָן דעם האָניק אין אַ טאָפּ.

אין דעם בינשטאָק זײַנען נאָך אַלץ פאַראַן בינען. עטלעכע בינען פאַלן אַרײַן אין טאָפּ צוזאַמען מיטן האָניק. דער פעטער יאַנקל נעמט זיי פאָרזיכטיק אַרויס. זיי פּויזען אומבאַהאָלפן איבער זײַנע פינגער. ער ברענגט צו די האַנט צו דער עפענונג פונעם בינשטאָק, און זיי שלעפּן זיך לאַנגזאַם צו זיך אין נעסט אַרײַן.

נאָך דעם, ווי מע איז פאַרטיק מיט אַלע בינשטאָקן, פאַרקלײַבן זיך די יינגלעך אין אַ שאָטן, אונטער אַן אַלטן באַרנבוים, וואָס שטייט אין הויף לעבן דעם פעטער יאַנקלס הויז, און עסן ברויט מיט פרישן האָניק.

די זון איז שוין הויך, דער טאָג איז אַ הייסער. אונטערן בוים, אין שאָטן, איז גוט צו ליגן. די יינגלעך הייבן אָן צו שלעפערן.

ראובני.

דער וואָלקנבראָך.

פיר, צי פינף יאָר בין איך דאַן אַלט געווען. מײַן מאַמע איז געפאָרן אין אַ שטעטל אויף אַ זומער־וווינונג און האָט מיך מיטגענומען. איך געדענק — דאָס שטעטל איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. אַרום און אַרום — הויכע בערג, און אין מאַרק — קראָמען מיט הילצערנע און בלעכענע שווערדן און ביקסן, מיט טרומייטן און פּויקן און מיט אַנדערע שיינע זאַכן, וואָס ס'קאָן זיך אַ מאָל פאַרגלוסטן.

דאָס הויז, אין וועלכן מיר האָבן געוווינט, איז געווען אַ לאַנגס און אַ נידעריקס, מיט אַ סך פענצטער. אַנטקעגן אויף אַ בערגל איז געשטאַנען אַ שענק. דאָרט אין דער שענק פלעגן מיר עסן וואַרעמעס.

איין מאָל נאָך וואַרעמעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו קלײַבן וואָלקנס. וואָס אַ מאָל האָבן זיך אָנגעקליבן מער, ביז ס'איז פון זיי געוואָרן אַ דיקע שוואַרצע כמאַרע, וואָס האָט אויסגעלאָשן דעם טאָג. מע האָט אָנגעצונדן ליכט און געוואַרט. און מע האָט זיך דערוואַרט: די דונערן האָבן געקלונגען, די בליצן האָבן געפלאַמט, דער רעגן האָט געגאָסן. זעקס אַ זייגער זומער צײַט — און פינצטער ווי בײַ נאַכט... און די שׂעהן האָבן זיך געריקט. די שוואַרצע וואָלקנס זײַנען געבליבן אויפן הימל.

ס׳איז געוואָרן ניין. די מאַמע האָט מיך געלייגט שלאָפן, און אליין האָט זי זיך אַ ביסל צוגעשפּאַרט. צום סוף איז זי אויך אַנטשלאָפן געוואָרן. אויפן טיש האָט געברענט אַ ליכט... פּלוצלונג, שוין נאָך האַלבער נאַכט — מע קלאַפּט אין טיר מיט שטאַרקע קלעפּ. די מאַמע כאַפּט זיך אויף פונעם שלאָף, איך כאַפּ מיך אויך אויף: די דונערן צעלייגן אַזש די וועלט. אין דרויסן רוישן טייכן. ס׳הערן זיך משונהדיקע גוואַלדן. פאַר דער טיר שטייט דער מאַמעס אַ ברודער, וואָס איז ביי טאָג געקומען צו פאָרן, און שרייט: „גוואַלד! הייבט זיך אויף! הייבט זיך אויף! אַ וואָלקנבראָך, אַ פאַרפלייצונג, מע דאַרף זיך ראַטעווען!“... די מאַמע לויפט צו דער טיר און מאַכט זי אויף. זי גייט שוין אין וואַסער. דער פעטער כאַפּט מיך און נעמט מיך אויף די הענט, און מיר לאָזן זיך אַרויס אויף דער גאַס, אַריבער, צו דער שענק, וואָס אויף דעם בערגל. דער מאַמען און דעם פעטער און אַלע שכנים, וואָס ראַטעווען זיך אויך אַריבער אין שענק, גייט שוין דאָס וואַסער ביזן מיטן לייב. נאָר איך אײנער שוועב אין דער לופטן און קוק מיך אַרום אַ פאַרווונדערטער. אָבער ניט קיין דערשראָקענער. אין די הענט פונעם פעטער האָב איך זיך געפילט זיכער.

אין שענק איז שוין געווען גוט. דאָס וואַסער איז נאָר דערגאַנגען ביז צו די קנעכלעך. נאָר מע איז געזעסן אויף די טישן און געוואַרט. אָבער דערווייל האָט מען זיך נאָר דערוואַרט אויף אַ נייער שרעק, אויף אַ נייער סכנה: ווייל פּלוצלונג האָט אַ שאַל געטאָן אַ מוראדיקער דונער. דאַכט זיך, איצט איז די וועלט טאַקע צעלייגט געוואָרן. פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט קולות: „דעם שענקערס שטאַל ברענט!“ גאַנץ נאָענט, אפשר פופציק טריט הינטער דער שענק. נאָך אַ רגע האָט עס געדויערט, און די גאַנצע שטאַל איז שוין אין פייער. אין שטוב ווערט רויט, און אין דרויסן איז נאָך רויטער.

„דאָס פייער זאָל זיך נאָר נישט אַריבערכאַפּן“ — ציטערן אַלע.

דאָס פייער פון איין זייט, דאָס וואַסער פון דער אַנדערער זייט! און איך הער מיך צו, וואָס מע רעדט, און בין גאַנץ רויִק און שטיל, און שרעק מיך נישט. סוף־כל־סוף בין איך גאָר אַנטשלאָפן געוואָרן. די מאַמע האַלט מיך אין אירע אָרעמס.

צו מאָרגנס בין איך שוין ווידער אין אונדזער שטוב. דער הימל איז אויסגעלייטערט. איך הער, דער שענקער איז, נעבעך, אַן אָרעמאַן געוואָרן. אַלע בהמות און פערד זיינען אים פאַרברענט געוואָרן. דאָס וואַסער האָט אים פאַרוויסט זיין שטיקל נחלה.

נתן בירנבוים.

זומער-רעגן.

שיינער זומער-לעבן,
איבן וואָלקן שוועבן,
און אין גאַס נעמט שטויבן
ביז די וואָלקן אויבן.

גייט אַ שטורעם קומען,
נעמט אַ דונער ברומען,
און אַ בליץ נעמט בליצן,
גאָט וועט אונדז באַשיצן
און פון אונדזערטוועגן
שיקן אונדז אַ רעגן.
רעגן, גאָלד און שטראַלן
פון דעם הימל פאַלן,
אויפן פעלד זאָל וואַקסן
קאָרן, היי און פלאַקסן,

אויפן גאַס די שטיינער
זאָלן ווערן ריינער.

און פון איבער דעכער
פון די קוימענס העכער
גאָלדיקס עפּעס רײַסט זיך,
און די זון באַווייזט זיך
און זי שמייכלט מונטער
אונדז אין גאַס אַרונטער.
און פון איבער דעכער
פון די קוימענס העכער
האָט אַ רעגנבויגן
בּרייט זיך אויסגעצויגן,
און דער רעגנבויגן
שיינט אונדז פאַר די אויגן.

זאַני לייב.

בײַ דער סאַזשלקע.

הײַנט איז אונדזער קלאַס געגאַנגען צו אַ סאַזשלקע כאַפּן וואַסער-באַלעכאַיִב. מיר האָבן מיטגענומען סלויעס, עמערלעך און נעצן און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

פון דער ווײַטן האָבן מיר באַמערקט די סאַזשלקע און זיך גיך אַ לאָז געטאָן צו איר. בײַ אונדזער אָנקומען האָט אַ גאַנצע מַחנה פרעש אַ שפּרונג געטאָן אין וואַסער אַרײַן.

– דאָס האָבן זיי זיך פאַר אײַך דערשראָקן – האָט דער לערער געזאָגט. – זעצט זיך אויפן ברעג. זײַט גאָר שטיל, וועט איר זען אינטערעסאַנטע זאַכן.

מיר האָבן זיך אויסגעזעצט.

אָט איז אַ פראָש אַרויסגעקראָכן פון וואַסער, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בערגעלע מאָך און קוקט זיך אַרום מיט זײַנע אויסגעסטאַרטשעטע אויגן. ער איז אַ גרינלעכער. מע קען אים קוים באַמערקן אויפן גרינעם מאָך.

ס'איז שטיל. נאָר פליגן און מוקן און אַנדערע קליינע אינסעקטן פּראַטערן אין דער לופטן. זיי זעען ניט זייער שונא.

מיט אַ מאָל טוט דער פראָש אַ שפּרונג, טוט אַ כאַפּ איינעם פון די אינסעקטן און שלינגט אים איַין. די אינסעקטן ווערן צעטומלט און פליען אַוועק. דער פראָש זיצט ווידער שטיל און רויִק. די אינסעקטן פליען אַרום אים. באַלד ווערט עמעצער פון זיי ווידער אַריַינפאַלן צו אים אויף זייַן לאַנגער צונג.

– אַ פּאָר פרעש וועלן מיר נעמען אין סלוי אַריַין! -זאָגט דער לערער-תּאָמער אַ שפּייַז דער פראָש דאַרף, זעט איר שוין.

– יע, – זאָגט יאַנקעלע – איך וועל אים שוין אָנכאַפּן פליגן און אַריַינלאָזן אין סלוי אַריַין, וועט ער האָבן צו עסן און צו עסן.

– לערער, זעט סאָר אַ פייַנע ליבעלעס דאָ זייַנען דאָ! אַלע אַזוינע בלאָיִנקע.

– ניין, אָט איז ניט קיין בלאָע. זעט סאָר אַ גרויסע – זאָגט לייבל – איך האָב זי אָקאָרשט אָנגעכאַפּט מיטן היטל.

– לאָמיר די אויך לאָזן לעבן. וואָס עסט זי, לערער?

– זיצט אַ ווייַלע רויִק און זעט, נאָך וועמען די ליבעלעס יאָגן זיך.

די קינדער קוקן זיך צו און זעען, ווי די ליבעלעס פליען נאָך נאָך די פליגעלעך און מוקן.

– אַהאַ! זי האָט אויך ליב דאָס זעלבע געריכט, וואָס דער פראָש – זאָגט בערקע – גוט, מיר וועלן איר געבן.

– לערער, זעט, סאָר אַ שנעק איך האָב געפונען! – שרייַט פיניע.

– איך האָב אויך איינעם! – דערציילט יאָסל – דאָרטן זייַנען דאָ אַ סך.

– איצט לאָמיר פאַנגען אַ ביסל וואַסער-ברואים – לייגט פאָר דער לערער.

די קינדער נעמען די נעצן און לאָזן זיי פּאָרזיכטיק אַראָפּ אין וואַסער.

זיי שלעפּן אַרויס אַ גאַנצן אוצר פון באַשעפענישן צוזאַמען מיט וואַסער-קוים און וואַסערפלאַנצן.

זיי וואַרפן דאָס אַלץ אַריַין אין די סלויעס און גיסן אויף דעם אַרויף וואַסער פון דער סאַזשלקע.

די וואַסער-באַלעכאַים שווימען אַרום אין די סלויעס. די קינדער קוקן און קענען זיך ניט אָפּוווּנדערן.

– אָט איז אַ קאָפּעקל! – שרייַט איינער.

– וואָס איז דאָס פאַר אַ זשוק? – פרעגט אַ צווייטער – זעט, ווי ער גלאַנצט! פּונקט ווי אַ גלעזערנער!

– און ווי הייסט אָט דאָס פליגעלע? ווי פייַן עס שווימט! -שרייַט אַ דריטער.

– תּאָט געדולד – זאָגט דער לערער – מיר וועלן קומען אין שול און מאַכן דאָרט אַן אַקוואַריום, וועלן מיר זיך גוטגן אַלץ דערוויסן.



דאָס קינד און דער ים.

ווען רות איז צום ערשטן מאָל צוגעקומען צום ים, האָט זי דער־זען פאַר זיך עפּעס אַ גרויסעס, אַ ברייטס און אַ לעבעדיקס ליגט אויס־געצויגן איבער דער גאַנצער וועלט און פאַרשטעלט דעם וועג. זי האָט זיך ניט געשראָקן פאַר דעם גרויסן, כאָטש ער האָט געהאַט קאַלטענעס ווי אַ הונט און האָט געמרוטשעט און אויסגעצויגן זיינע לאַפּעס וואָס אַ מאָל נענטער צו איר. וואָרעם דאָס גרויסע און לעבעדיקע האָט געלאַכט און האָט זיך געגלאַנצט אין דער זון.

— הייב דיך אויף, דו גרויסער, וואָס פאַרשטעלסטו דעם גאַנצן וועג, — האָט רות געזאָגט צום לעבעדיקן גרויסן.

דער גרויסער האָט געשוויגן, נאָך נאָך מער געלאַכט, און נאָך מער זיך געשייַנט, און האָט אַ קודלעדיקע לאַפּע אויסגעצויגן און האָט שיר דערגרייכט רותס לעטשלעך.

— וועסט דיך ניט אויפהייבן, ניין, דו נאַקעטער, גרויסער? — און רות האָט גענומען אַ שטעקעלע פון אַ פאַרטריקנט צווייַגל, וואָס זי האָט געפונען ביים ברעג פון דעם גרויסן, און האָט אים אָנגעהויבן צו שלאָגן דערמיט.

— אײַ, מאמע, — האָט דאָס קינד באַלד אָנגעהויבן צו שרייַען, און

איז געשטאַנען אָן אָפּגעצוואָגענע. איר נײַ ווײַס קליידל, וואָס די מוטער האָט איר ערשט אָנגעטאָן, איז אין גאַנצן באַשפּריצט געווען, און אירע שיינע ווײַסע שיכלעך מיט די רויטע טראָטנדלעך זמַנען אין גאַנצן פּײַכט געווען, און דער גרויסער נאַקעטער און פּײַכטער האָט געלאַכט, געלאַכט, און געשײַנט זיך אין דער זון.

די מוטער האָט דערהערט איר שטימע, איז זי געקומען צו לויפן צום יַם פון דעם קליינעם הייזל, אין וועלכן זיי האָבן געוווינט.

האָט רות פאַרקלאָגט דעם יַם.

— ער האָט מיך באַשפּריצט, מאַמע, — האָט רות געוויזן אויפן נאַקעטן גרויסן, — די נײַע שיכלעך מיר נאַס געמאַכט און דאָס נײַע קליידעלע. שלאָג אים אויס, מאַמע.

דער יַם האָט געזען, אַז די מוטער קומט אָן, האָט ער זיך דערשראָקן, מורָא געקראָגן, איז פלינק אַנטלאָפן, ווייטער אַוועק מיט זײַנע ווײַסע קאָפּלעס, וואָרעם ער האָט מורָא געהאַט, אַז די מוטער זאָל אים ניט אויסשלאָגן, און געלאַכט, און קאָזשעלקעס געמאַכט, און אויפן קאָפּ זיך געשטעלט, פאַר געלעכטער.

אַז די מוטער האָט רותן דאָס קליידעלע איבערגעטאָן און די שיכלעך אויסגעטאָן, וואָרעם עס איז וואַרעם געווען, איז רות ווידער אַרויסגעקומען צום יַם.

זי האָט אָבער ניט געקוקט מער אויף דעם גרויסן לעבעדיקן. זי איז ברוגז געווען מיט אים און האָט געהאַט אָפּגעמאַכט מער שוין קיין מאָל. קיין מאָל מיט אים ניט צו גיין און ניט צו ריידן, ווייל ער האָט איר איר נײַ קליידל באַשפּריצט און אירע שיכלעך נאַס געמאַכט.

אָבער באַלד איז געקומען צו לויפן העגדום־פּעגדום אַ וואַל פון יַם, און ער האָט געטראָגן אויף זײַנע וואַסערדיקע פליגלען עפּעס אַ בלישטשענדיקס און אַ שײַנענדיקס און ער האָט זיך געלאָזט לויפן זייער איילנדיק צו רותן.

— אַוועק, אַוועק, דו גרויסער, דו נאַקעטער, דו קאַלטער, — ווייסט ניט, אַז איך בין מיט דיר ברוגז?

נאָר דער וואַל איז פונקט אַזוי ווייט געגאַנגען, ביז ער האָט דערגרייכט רותס פוס, און ער האָט איבערגעלאָזט צו רותס פוס אַ פּערלמוטערדיק שעכטעלע, וואָס האָט זיך זייער געפינקלט אין דער זון, און איז צוריק אַוועקגעגאַנגען אין יַם אַריין.

— דאָס שיקט דיר אַ מַתָּנהלע דער גרויסער יַם צו שפּילן זיך דערמיט־

האָט זיך רותן געדאַכט, אַז די וועל זאָגט צו איר. וואָרעם זי איז גע־חוינט געווען, אַז אַלע גרויסע זאָלן איר מַתָּנוֹת געבן און שפּילן זיך מיט זיר.

אַז רות האָט אויפגעעפנט דאָס פּערלמוטערדיקע קעסטעלע, האָט זי געפונען אַ פּערלדיק קליין שיכעלע פּונקט אַזוי גרויס, אַז עס זאָל צופּאַסן פאַר דעם איינציקן פוס פון איר ליאַלקע; דער צווייטער פוס פון דער ליאַלקע איז געווען אָפּגעבראָכן און פאַרלאָרן געוואָרן, ווען רות האָט איינגעפּאַקט אירע זאַכן, ווען זיי האָבן די היים פאַרלאָזט. און פּונקט ווי ד'ער יַם וואָלט געוווּסט דערפון, אַז איר ליאַלקע האָט ניט מער ווי איין פוס—האָט ער איר צוגעשיקט נאָר איין שיכעלע.

האָט זיך רות זייער געפרייט דערמיט. נאָר אַזוי ווי עס איז געווען אַ ביסל איינגעריכט מיט זאַמד, האָט זי עס געוואָלט אָפּוישן, איז זי צוגעגאַנגען צום יַם עס אָפּוואַשן.

—אָ, מאַמע,—האָט רות ווידער אָנגעהויבן צו שרייַען מיט אַ גע־וויין. ווידער איז צוגעקומען דער גרויסער און ער האָט זי נאָס געמאַכט מיט וואַסער. נאָר אַזוי ווי דאָס מאָל האָט זי ניט געהאַט אירע שיינע שיכעלעך, נאָר זי איז באָרוועס געווען, און דאָס וואַסער איז קיל גע־חען און אָנגענעם—האָט זי ניט געוווּסט, צי זאָל זי וויינען אָדער לאַכן. האָבן אירע אויגן געוויינט (ווייל עס איז שוין צו שפּעט געווען צוריק צו נעמען די טרערן), און איר מייַלכל האָט געלאַכט:

—אוי, ווי גוט!—האָט רות פאַרענדיקט איר וויינענדיק „מאַמע" מיט אַ פריילעך לאַכן.

פון דענסטמאָל אָן זייַנען רות מיטן יַם פרייַנד געוואָרן.

שלום אַש.

בײַם טײַכל.

—כליופּ, כליופּ, וואַסערל!
ביסט באַשטראַלט.
נאַ דיר מיין פיסעלע—
האַ! ביסט קאַלט!

—אַי זשע, טייכעלע,
מאַכסטו שטיק!
טוסט אַ קושעלע,
לויפסט צוריק.

—כליופּ, כליופּ, כליופּ,—
ס'דראַכט זיך דיר.
כליופּ, כליופּ, כליופּ—
שפּיל מיט מיר.

—כליופּ, כליופּ, כליופּ—
גיכער שוין,
—האַ! ביסט קאַלט!
כ'וויל נישט, ניין!

ל. קוויטקאָ.

אינהאַלט:

ווידער אין שול

אין שול אַרײַן! – א. פלאַטנער – 3
וועקט די מאַמע – ש. וואַסערמאַן – 4
גייער זמן – רבקה גאַלין – 5
דער וועג אין שול – „
גוט מאָרגן! – י. גויכבערג – 7
דאָס שולגלעקל – ל. גלעזער – 8
אין דער קאָלאָניע – י. קאָרטשאַק: – 9
אויפן וואָקזאַל – „
אין וואַגאָן. מע קומט אָן אין
דער קאָלאָניע – 11
אויף דער זומער=קאָלאָניע – ל. קוויטקאָ 13
לייבעלע בענקט – י. קאָרטשאַק – 14
אָוונט=קאָנצערטן – „ – 16
אַ בריוועלע – קאַדיע מאָלאָדאָווסקי – 19
פאַר וואָס זיי האָבן ניט ליב
זייערע ביכער – 20
ערגעץ ווײַט – רבקה גאַלין – 21
מאָנטאָג – מאַרק טווען – 22
אויף דער הפסקה – לאה קאָפעליאָוויטש 25
יאַנקעלע גייט אין לייענזאַל – 26
שימעון – רבקה גאַלין – 29
איין פאַר שיך – רבקה גאַלין – 30
אָוועקגעגעבן די מתנה – 31
אַ בוך – רבקה גאַלין – 33
אַ שפּיל אין גראַמען – ז. וויינפער – 34
גליקן – אַ. רייזען – „
אין שול=קאָאָפּעראַטיוו – 35
דער געבוירנטאָג פון אונדזער שול – 36
אַ פייגעלע – שלום עליכם – 38
בוץ – ל. קוויטקאָ – 39

ווען אַלץ איז צײַטיק

דאָס ליד פון שניטער – מ. דאַווידזאָן 41
זומער=לידער – שימעון פרוג – „
דאָס העלדישע מיידל – ב. פרוס – 42
מע דרעשט – מ. קאָנאָפּניצקאָ – 44
פאָלגט דעם ווינט!.. – א. פעפער – 45
אין די סעדער – ל. קוויטקאָ – 46
לעמל נאַשער – „ – 47
דאָס ליד פון בלויען לײַן – מאַני לייב 50

דער ליבער זומער איז אַוועק

סוף זומער – א. רייזען – 51
אין האַרבסט – נחום יוד – „
אויפן מאַרק – שלום אַש – 52
דאָס פאָר=פאָלק – שלום=עליכם – 53
דער טויטער אתרוג – שלום=עליכם – 58
האַרבסט – י. גויכבערג – 62

געלע בלעטער פליִען..

האַרבסט – נחום י. – 63
אויפן פעלד – אַברהם רייזען – „
פאַר דער גרויסער רײַזע – פריץ אָטאָ 64
אַ האַרבסטיקע עקסקורסיע – 65
דער פרעמדער – מאַני לייב – 66

בײַ טאַטע=מאַמען

בערעלע האָט צוויי מאָל געוויינט –
י. ל. פרץ 68
אָלקע – קאַדיע מאָלאָדאָווסקי – 71
בערעלע און זײַן מאַמע – 73
אַז די מאַמעשי איז געוואָרן
ניט געזונט – 74
דרײַ ייִנגעלעך – י. גויכבערג – 75
דער עפל – 76
אַ ברייטעלע – ש. וואַסערמאַן – 77
בריוו פון שלום=עליכמען צו
זײַנע קינדער – 78
בריוו פון שלום=עליכמען צו
זײַן אייניקל – „

דער אומזיסטער פּאַטש – י. ל. פּרץ 80
דער גרויסער בער – ל. טאָלסטאָי – 81
אַלע ריידן – ל. קוויטקאָ – – – 83

דאָס באַפּליגלטע און פּירפּיסיקע פאָלק

אַ חתונה – – – – נחום יוד 84
דער זשוק און דאָס פלאַטערל – „ – 87
חבר סירקאָ – שלום־עליכם – – – 88
דער שוואַן, דער העכט און דער קרעפּס –
נחום יוד, פון א. קרילאָוו 92
די מויז און דער ראַץ – נחום יוד – „
די קאַץ און דער הונט – מ. סטאַווסקי 93
דער וואָלף און דער פוקס – נחום יוד 96
סעגיענס ווייַסע ציג – א. דאָדע – 97
דער העלדישער האָז – מאַמין סיביריאַק,
ייִדיש – ש. ידידאָוויטש – 102

ווו מיר וווינען

די שטאָט קאַסרילעווקע – שלום־עליכם 106
אין שטעטל – נחום יוד – – – 108
אַ שטעטל בײַ דער ווײַסל – שלום אַש „
אויף די קאַרוסעלן – י. גויכבערג – 109
עק וועלט – שלום עליכם – – 110
לעגענדע וועגן ווילנע – – – 111
לעגענדע וועגן וואַרשע – – – 112
די קולות פון דער שטאָט – – 113
ראַדיאָ – דוויד האָפּשטיין – – 114
אין מאַגיסטראַט – – – – 115
אַ מעשה מיט אַ בריוו –
לויט וו. שעראָשעווסקי – 117
דרײַ בריוועלעך – ליטמאַן – – 122

מיר פאָרן!

דער ערשטער אַרויספאָר – שלום־עליכם 124
דער קירצערער וועג – – – – 125
אין טראַמוויי – – – – – 127
אַ שפּאַציר אין אַן אויטאָ – – 129
צוויי אויטאָס – מלכּה טוזמאַן – – 130
בײַם וואָקזאַל – – – – – 131
דער לאָקאָמאָטיוו – י. טוווים, ייִדיש
ל. ראָזענטאַל 132
דער סיגנאַל – וו. גאַרשין – – 134
באַנען – י. ל. קאַלושינער – – 136
דאָס איז אוווע! – – – – – 137
אַן אַעראָפּלאַן – י. ל. קאַלושינער – 138

בײַ דער אַרבעט

יאָסעלע ברען – ל. גאָרעליק – – 139
מײַן ברודער אליהוס געטראַנק –
שלום־עליכם – 140
דער פעטער איצע – משה קולבאַק – 145
אַ שנײַדער און אַ פּרעסער –
שלום־עליכם – 146
בײַם שוסטער – שלום אַש – – 147
דאָס גלעקל און דאָס העמערל –
אליעזר שטיינבאַרג – 149
דער שמיד – דוויד פרישמאַן – – 150
אײַזיק דער שמיד און הערצל דער
סטאָלער – מענדעלע מוכר ספרים 151
אין ציגעלניע – – – – – 153

אונטער דער ערד

קאַרוזאָ – ייִדיש – ש באַסטאָמסקי – 154

יונגיטשקע קינסטלער

„מענטשעלעך" – שלום־עליכם – – 161
דער סקולפּטאָר – י. ל. פּרץ – – 162
נעלאָ און פּאַטראַש – אוידאַ –
ייִדיש – ש. באַסטאָמסקי – 163

ווען שנייען שיטן

ווינטער־בילדער – מאַני לייב – – 180
היי, היי, ווו ביסטו ערגעץ שניי? –
רבקה גאַלין – 181
דער פעטער עליע – נחום יוד – 182
ווינטער – יהואָש – – – – 183
צוויי פרעסט – ייִדיש – מ. ח. – 184

ווינטערליד – אַברהם רייזען – – 187
ריין זאָל ווערן! – ב. גוטיאַנסקי – „
חנוכה־ געלט – שלום־עליכם – – 188
דער שליטוועג – שימעון פרוג – – 194
לאָנע – י. קיפּניס – – – – 195
אין אָוונט – נחום יוד – – – 202
אויפן גליטש – ב. גוטיאַנסקי – – „
אין שניי בײַ נאַכט – ה. לייוויק – 203
אַ דאָרף, אַ דאָרף! – ה. לייוויק – „
דער פעטער שנייער – מ. בראָדערזאָן – 204
די קינדער זײַנען אָנגעלאָפן... –
י. שוואַרץ 208
אין דער פרעמד –
ייִדיש – – ש. באַסטאָמסקי 209
ווינטער – משה קאָרמאַן – – – 213
נעסטעלעך פוסטע – ש. פרוג – – 214
פאַר דער באַפרײַונג פון פוילן – 215

עס שפּראָצט און בליט

עפנט טירן!... – פרץ מאַרקיש – – 216
ווי אַזוי האָנקע האָט דערשפּירט
דעם פרילינג – פון פויליש – 217
דער טײַך איז אָוועק – – – 218
אָט פאַר וואָס – י. קאָטליאַר – – 219
די סדר־נאַכט – י. ל. קאַלושינער – „
אונטערטעפּלעך – נחום יוד – – 220
אליהו הנביא – שלום עליכם – – „
דער צויבערמאַן – יהואָש – – 224
בײַם ערשטן אַקער – א. ראַבאָי – 225
בײַם אַקער – מאַני לייב – – 226
צו פיל עצות – מלכה טוזמאַן – – „
מאַרצין פאַרזייט זײַן פעלד – – 227
אונדזער שול־גאָרטן – – – – 228
דער שטאָר און דאָס שפּערל – – 229
דער גאַסט – יהואש – – – – 230
רויטקעפּעלע – מ. פינטשעווסקי – 231

זומערלעב

טויבן אין טויבנשלאַק – י. ל. פרץ 233
קינדער – י. ל. פרץ – – – 234
עס בליט שוין קאָרן – ד. האָפשטיין 238
די מאַרגאַריטקע – ה. אַנדערסען,
ייִדיש – מנוחה ראַבינאָוויטש – 239
קאָרנשוועסטערלעך – דוויד איינהאָרן – 244
בײַ די בינשטאָקן – ראובני – 245
דער וואָלקנבראָך – נתן בירנבוים – 247
זומער־רעגן – מאַני לייב – – 249
בײַ דער סאַזשעלקע – – – – „
דאָס קינד און דער ים – שלום אַש – 251
בײַם טײַכל – ל. קוויטקאָ – 253
אינהאַלט – – – – – 254

לערנביכער אויף יידיש

פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן

1. „לעבעדיקע קלאַנגען"—אילוסטרירטער א״ב.
2. „לעבעדיקע קלאַנגען"—כרעסטאָמאַטיע 1-טער טייל
3. „לעבעדיקע קלאַנגען"—כרעסטאָמאַטיע 2-טער טייל
4. „לעבעדיקע קלאַנגען"—כרעסטאָמאַטיע 3-טער טייל
5. „לעבעדיקע קלאַנגען"—כרעסטאָמאַטיע 4-טער טייל
6. „לעבעדיקע קלאַנגען"—כרעסטאָמאַטיע 5-טער טייל
7. דאָס לעבעדיקע וואָרט (ש. באַסטאָמסקי און ז. רייזען) כרעסטאָמאַטיע פאַרן VI און V לערניאָר
8. דאָס „נייע וואָרט" — כרעסטאָמאַטיע פאַר עלטערע קלאַסן. אין 3 בענדער: עפאָס, ליריק און דראַמע.
9. באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע פון ש. באַסטאָמסקי. (40 באַזונדערע העפטן).

די „לעבעדיקע קלאַנגען", „דאָס לעבעדיקע וואָרט" און „דאָס נייע וואָרט" זיינען רעקאָמענדירט פון דער צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע און זיינען אָנגענומען אין די יידישע שולן אין דער גאַנצער וועלט.

נייע רעכנביכער!

שוין דערשינען

צוויי נייע רעכנביכער פון ש. באַסטאָמסקי

1. אַריטמעטישער רעכנבוך פאַרן צווייטן לערניאָר — צאָלן פון ערשטן הונדערט. ערשטע ידיעות פון געאָמעטריע.
2. אַריטמעטישער רעכנבוך — ברוכצאָלן.

מיט באַשטעלונגען ווענדן זיך:

S. Bastomski Wilno, Stefańska 24.

Konto P. K. O. 81.899.